STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11636

ZIBN EYNAKTER

Jane Rose

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

CESHINSKY'S
COMMUNITY BOOK STORE
2720 W. Division Street
CHICAGO

דאס געפינס

א קינדער שפיעל.

פון

דזשעין ראוז

COPYRIGHT BY
JANE ROSE
New York, 1918
All rights Reserved

פּערזאָנען.

שרה'לע. — פינף יאָהר אַלט.

אסתר. — ניין יאָהר אַלט.

מאַקס. — אַכט יאָהר אַלט.

בעני. — זיעבען יאָהר אַלט.

דזשעני. — זעקס יאָהר אַלט.

שרה'לע. — פינף יאָהר אַלט.

דער צווילינג. — פיער יאָהר אַלט.

פרוי גאָלדשטיין.

אַן אָרעם צימער פון א ניו יאָרקער טענעמענט הויז. רעכטס א טיר צום שלאָף־צימער. לינקס, אַ טיר צום קאָרידאָר. אינ־מיטען א האַלב אָפען פענסטער, וואָס קוקט אַרויס צום „פייער עסקייפ״, וואו אויף פערצויגענע שטריקלעך הענגען שמאַטעס און זאָקען צום טריקענען. אַ ביסעל ווייטער זעהט זיך אַ הויכע שוואַרצע וואַנט. דאָס צימער איז קליין און דיענט פאַר אַ קיך און וואויג־צימער צוזאַמען. צווישען דער טהיר רעכטס און דעם פענסטער איז אַן אַלטער פערזשאַווער אויוועט, אויף וועלכען ס'שטעהט אַ קליין גאַז אויוועלע. אין לינקען ווינקעל אַ „סינק״, איבער וועלכען ס'הענגט אַ קליין שפּיעגעלע. אין מיטען צי־מער אַ טיש פערשפּריט מיט אַן אַלטער, ערטערוועיז אויסגעריי־בענער צעראַטע, אין רעכטען ווינקעל אַ קליינער אַלמער. טעפּלעך, טעלער און פערשיעדענע אַנדערע קיך־זאַכען וואַלגערען זיך אין אונאָרדנונג. עטליכע שטולען. אויף די וועגד הענגען פערשיע־דענע פאַמיליען־פאָטאָגראַפיעס, איינע פון אַ פּאָר פאַלק אין זייערע חופּה־קליידער.

אַ שוואַכער שיין פון אַ פריהלינגס פריה־מאָרגען דרינגט אַריין און בעלייכט דאָס מאַגערע, פערשמירטע פּנימ'ל פון מאקס'ן, וואס שלאָפט אויף דער ערד נעבען פענסטער אויף אַן אַלטען מאַטראַץ. אַ וועק־זייגער שטעהט איהם האַרט צוקאָפּענס. ווען דער פאָרהאַנג געהט אויף, קלינגט דער וועק־זייגער. מאַקס פרואווט אַ פּאָר מאָל זיך אויפהויבען, עס גיט זיך איהם אָבער ניט איין און ער בלייבט שלאָפען. דאָס קלינגען הערט אויף. די טהיר רעכטס עפענט זיך, אסתר קומט אַריין. זי איז האַלב אָנגעטהאָן, האַלט די שיך און זאָקען אין די הענד, רייבט זיך די אויגען. זי בויגט זיך איבער דעם שלאָפענדיגען ברודער, וועקט איהם.

אסתר.
מאַקס, שטעה אויף.

מאַקס.
קעהרט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט.
אום — הא ?

אסתר
וואָס ה־אקעסטו ? שטעה אויף!

מאַקס.
טשעפּע זיך אָפּ.

אסתר.
שפּאַנט אַריבער איהם פאַרזיכטיג און הויבט איהם ווידער אָן וועקען. זי שלעפּט פון איהם דעם צודעק.

מאַקס.
ציהט אַרויף צוריק דעם צודעק.
געהסט אוועק ? איכ׳ל דיר...

אסתר.
וועסט אמאָל אויפשטעהן אָהן וועקעניש ?

מאַקס.
איינגע׳עקשנ׳ט.
ניין !

אסתר.
פאר וואָס ?

מאַקס.
איך וויל שלאָפען.

אסתר.

זעצט זיך אָוועק אויף דער ערד לעבען איהם און טהוט אָן די שיך.

וועסט זיין שפּעט און די קונדען וועלען ניט האָבען קיין מילך מיט זעמעל.

מאַקס.

מאַכט אַ בעוועגונג מיט די הענד ווי צום שווימען.

געה אוועק... נאַס, אַך! דאַס וואַסער — וואַרעם! —

אסתר.

וואָס רעדסטו דאָרט? וואָס פאַר אַ וואַסער? נו, אַ שלאָף. אפילו דער זייגער קאָן איהם שוין אויך ניט אויפוועקען. שטעה אויף!

זי טרייסעלט איהם.

מאַקס.

כאַפּט זיך אויף.

דער זייגער, האַ?

רייבט זיך די אויגען.

ווי שפּעט איז?

אסתר.

אין כעס.

ווי שפּעט איז! וויפיעל מאָל דאַרף מען זאָגען? נאַ, זעה.

זי טראָגט איהם אונטער רעם וועק־זייגער.

מאַקס.

שטופּט אָפּ איהר האַנד.

אז ער'ט קלינגען וועל איך אויפשטעהן.

וויל זיך לעגען.

אסתר.

כאַפּט איהם אָן פאַר אַ האַנר.

געקלונגען, אַוראי געקלונגען.

מאַקס.

כ'האָב ניט געהערט.

אסתר.

ביזט א פערשלאָפענער.

מאַקס.

טאָ פאַר וואס לאָזטו מיך ניט שלאָפען ווען איך וויל?

אסתר.

דו דארפסט צוטראָגען די מילך.

מאַקס.

פאוזע.

זאָלען זיי אליין געהן נאָך מילך.

אסתר.

אז איך וועל זיין א גרויסע וועט דער קרעמער מיר אויך דארפען צושיקען.

מאַקס.

אז איך וועל זיין א גרויסער וועל איך ניט טראָגען קיין מילך.

אסתר.

וואָס וועסטו טהאָן?

מאַקס.

איך וועל —

ער לעגט זיך אַוועק, ציהט אַרויף דעם צודעק איבער'ן קאָפּ.

אסתר.

בלייבט זיצען פאַרזאָגרט, קוקט זיך אום. זי נעהמט דעם זייגער, דרעהט איהם אָן און וואַרט ביז עס הויבט אָן צו קלינגען. דאַן לעגט זי צו דעם זייגער צו מאַקס' אויער.

מאַקס.

גיט זיך אַ כאַפּ, זעצט זיך אויף.

וואָס ווילסטו האָבען פון מיר? הער אויף! איך קאָן ניט ליידען, אז ס'קלינגט.

ער כאַפּט דעם זייגער און לעגט איהם אַרונטער אונטער'ן קישעלע.

אסתר.

טאַ שטעה זשע אויף, אַז דו קאָנסט ניט ליידען. דער קרעמער האָט מיר שוין אָנגעזאָגט, אַז דו וועסט נאָך איין מאָל קומען שפּעט נעהמט ער אַן אַנדערען אויף דיין פּלאַץ.

מאַקס.

ווענען אַרט עס ?

אסתר.

טאַ וואו וועלען מיר נעהמען זעמעל מיט מילך פאַר די קינדער ?

מאַקס.

א־ה !

אסתר.

דער טאַטע גיט דאָך ניט.

מאַקס.

אַרויספּלאַצענדיג.

טאַ פאַרוואָס גיט ער ניט !

אסתר.

פאַרוואָס־פאַרוואָס ! ער האָט ניט. העך שוין בעסער אויף, טהו זיך אָן.

מאַקס.

שטעלט זיך לאַנגזאַם אויף, ציהט זיך און גענעצט.

האַ־ף !

אסתר.

טהו נאָר אַ קוק, ער איז שוין ווידער געשלאָפען אין די זאכען. מאַקס!

מאַקס.

א־א־א ?

אסתר.

וואָס א־קעסטו ? וויפיעל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט דו זאָלסט ניט שלאָפען אין די זאכען, הא ?

מאַקס.

אַז איך שלאָף אין די זאַכען פאַרשפּאַר איך זיך אַנטהאָן.

ער רייבט זיך די אויגען, רעדט האַלב וויינענדיג.

שבת אויך, דאַרף איך אויפשטעהן. קיינער געהט ניט אין שולע און איך דאַרף אויפשטעהן.

אסתר.

אַלע טאָג דאַרפען קינדער טרינקען מילך.

מאַקס.

ציהט זיך אויס צוריק אויפ'ן געלעגער.

אסתר.

צופּט איהם.

איכ'ל דיר ניט לאָזען. —

מאַקס.

געהסט אוועק, צי ניין? איכ'ל דיר...

אסתר.

ניין. איך וועל דיך מעהר ניט לאָזען שלאָפען.

מאַקס.

ניט שלאָפען. אזוי ליעגען.

אסתר.

ניין. ליעגען אויך ניט.

מאַקס.

כ'וועל יאָ ליעגען.

אסתר.

וועסט ניט ליעגען.

זי הויבט אָן אָפּירצושלעפּען דעם מאַטראַץ. מאַקס קלאַמערט זיך איין מיט ביידע הענד אין מאַטראַץ. לאַכענדיג, שלעפּט זי דעם מאַטראַץ צוזאַמען מיט איהם איבער'ן צימער.

געה, ביזט אַ שלעכטער.

מאַקס.

ט, לאָז מיך אָפּ וועל איך אייפשטעהן.

אסתר.

ווען ?

מאַקס.

אין א מינוט.

אסתר.

א מינוט ?

מאַקס.

יא. קוק אויפ'ן זייגער און זאָג מיר ווען ס'איז א מינוט וועל'ך אויפ־
שטעהן.

אסתר.

חכם ! פון וואַנען ווייס איך א מינוט אויף דעם זייגער ?

מאַקס.

צעהל ביז הונדערט וועט זיין א מינוט.

אסתר.

און דאַן וועסטו אויפשטעהן ?

מאַקס.

יא !

אסתר.

שווער זיך.

מאַקס.

אויף מיין וואָרט.

אסתר.

גוט.

זי צעהלט ביז הונדערט.

נו, איצט שטעה אויף !

מאַקס.

ריהרט זיך ניט.

דו האָסט געצעהלט צו גיך. אָט אזוי דאַרף מען צעהלען.

ער ציהט די ווערטער.

איי־נס, צ־וויי, ד־ריי...

אסתר.

געה, איך בין שוין ברוגז אויף דיר. וועק און וועק, און ער גאָר ניט. נאָכדעם וועט ער זיין שפּעט און וועט פון זיך אַרויסיאָגען די נשמה.

מאַקס.

כ'וועל ניט זיין שפּעט, ס'זאָל דיר ניט אַרען.

אסתר.

וועסט יאָ זיין. הלואי קומט דער טאַטע. ער וואָלט דיך שוין אויפ־געוועקט. נו, וואָס האָסטו זיך שוין ווידער פערטראַכט?

מאַקס.

עפּעס —

אסתר.

וואָס עפּעס?

מאַקס.

טרעף.

אסתר.

וואָס זאָל איך טרעפען?

מאַקס.

א חלום, אז דו טרעפסט וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומ'ט —

אסתר.

אז איך וועל טרעפען וועסטו אויסזאָגען?

מאַקס.

יאָ.

אסתר.

דעם אמת?

מאַקס.

בעלייזדיגט.

כ׳האָב דיר שוין אמאָל געזאָגט א ליעגען?

אסתר.

ניין, נו, ס׳האָט זיך דיר גע׳חלומ׳ט אז — אז די מאמע איז צוריק אהיים געקומען.

מאַקס.

פערלעגט די פיס, לעגט אונטער די הענד אונטער׳ן קאָפּ, קוקט צו דער סטעליע, רערט פילאָזאָפיש.

ביזט א גרויסער נאַר, אסתר. אז מען שטארבט קומט מען ניט צו־ריק. און אויב דו קאָנסט ניט טרעפען?

אסתר.

ווארט, ייארט, איך קאָן. ס׳איז דער טאטע. ס׳האָט זיך דיר גע־חלומ׳ט, אז דער טאטע איז שוין מעהר קיין נאכט וועכטער, איז גע־וואָרען א גוטער. אה, געטראָפען?

מאַקס.

ניין, איך האָב ניט האָלט א טאטען וואָס שרייט און שלאָגט זיך.

אסתר.

נו, ווייס איך ניט. איך קאָן ניט טרעפען.

מאַקס.

נאָך איין מאָל, פּרואוו.

אסתר.

כ׳קאָן ניט. גער בעסער וואש זיך ארויף און גיה.

מאַקס.

אויסזאָגען? ס׳איז א טייערע זאך.

אסתר.

אונגעדולדיג.

טאַ זאָג שוין. איך וויל שוין עסען און די קינדער וועלען אויך שוין באַלד אויפשטעהן.

מאַקס.

כ׳וואָלט הונדערט יאָהר ניט וועלען עסען, אבי צו האָבען די זאַך, איך־איך —

אסתר.

לאַכט האַרציג.

אַלע מאָל חלומ׳ט זיך דיר. מיר קיינמאָל ניט. עפּעס א שעהנער חלום געווען?

מאַקס.

קוקט פערטראַכט אויף איין פונקט.

ס׳איז א גרויסע, גרויסע, גרויסע הויז געווען פון לויטער גלאָז —

אסתר.

פון גלאָז גאָר?

מאַקס.

די ווענט, דער דאַך, אַלעס פון גלאָז, מ׳קאָן דורכזעהן דורך די ווענט. און אינעווייניג אין הויז פליהען ארום פייגעלעך, און דאָרטען איז דאָ א גרויס קלאָר וואַסער, וואו א סך, א סך קינדערלעך באָדען זיך און די קינדערלעך זיינען אַלע מיינע שוועסטער און ברי־דערלעך. —

אסתר.

הינגעריסען.

איך אויך?

מאַקס.

און דו טונקסט זיך אונטער און שווימסט ארויף אויפ׳ן צווייטען ברעג. און דאָרט איז א שעהנער, ווייכער זאַמד, און ס׳איז אַזוי וואַרעם און ליכטיג, און מיר ליעגען אויפ׳ן זאַמד, און דאָרט ליעגט א בייסיקל, און איך נעהם דאָס בייסיקל און —

אסתר.

איך בין דאָרט טאַקע געווען אויף אַן אמת?

מאַקס.

יאַ, כ'האָב דיך אַליין געזעהן.

אסתר.

און איך האָב געטראָגען אַ היטעלע מיט גרויסע לאַנגע סטענגעס?

מאַקס.

סטענגעס? ניין, אָהן סטענגעס.

אסתר.

ענטוישט.

אי, געה שוין געה. הער שוין בעסער אויף צו חלומ'ן.

מאַקס.

ס'איז אַזוי גוט, אַז ס'חלומ'ם זיך אַ בייסיקל, און זאַמד, און אַ ים — און, אוי, ס'איז גוט.

זעצט זיך אויף און הויבט אָן אָנטהאָן די זאָקען.

מאַקס.

אוי וועה, ווידער אַ לאָך אין דיין זאָק. ערשט נעכטען פאַריכט — מאַקס! וואָס האָסטו זיך שוין ווידער פערטראַכט? נו, גיכער, געה שוין!

מאַקס.

גיכער־גיכער, ביזט אַזוי ווי אַ מאַמע.

אסתר.

געדענקסט ווען די מאַמע איז געשטאָרבען האָט זי אונז אָנגעזאָגט: זייט גוטע קינדער און גיט אַכטונג אויף די קליינינקע קינדערלעך. געדענקסט? און דיר האָט זי אָנגעזאָגט, זאָלסט אויפהערען זיין אַ פערשלאָפענער, און דו געהסט נאָך אַלץ ארום מיט פערמאַכטע אויגען...

מאַקס.

נאַרעלע, ווען איך האַלט די אויגען צוגעמאַכט זעה איך בעסער. אַלעס איז אַזוי שעהן. קיין זאַך איז ניט שמוציג.

פערשנורוועט די שיך. הויבט זיך אויף, נעהמט דאָס היטעל און לאָזט זיך צו דער טהיר.

אסתר.

נו, און ארומוואַשען זיך! זעה, ווי פערשמירט דו ביזט.

מאַקס.

א־א־א! איך בין ניט פערשמירט.

אסתר.

געה, געה, וואַש זיך ארום.

מאַקס.

ברוגז׳ליך.

אלע טאָג וואַשען — אָה!

ער געהט צו צום קראַן, גיט אַ שמיר דאָס געזיכט מיט אַ ביסעל וואַסער. אסתר דערלאַנג איהם דאָס האַנדטוך. ער גיט א רייב דאָס פּנים און וואַרפט דאָס האַנדטוך צוריק צו אסתר׳ן.

אסתר.

דו האָסט נאָר די בלאָטע צושמירט.

מאַקס.

שוין פון יענער זייט טהיר.

טאָ וואָס האָסטו מיר געגעבען אַ קויטיגען האַנדטוך?

אסתר.

פערמאַכט די טהיר, געהט צו צום קראַן, הויבט זיך אָן צו וואַשען. עס רערהערט זיך אַ שטומע פון שלאָף־צימער — איך וויל אויפשטעהן.

שלאָף, זעניקע, וועק ניט אויף דעם צווילינג.

פּאוזע.

בעני עפענט האַמעלעך די טהיר און שטעקט אַריין דאָס קעפּעל. ער טראָגט א לאַנג נאַכט־העמד, ער היט אָפּ אַ מאָמענט, ווען אסתר איז פערנומען מיט זיך אין שפּיגעל, כאַפּט זיך צו צום אַלמער, נעהמט אַרויס אייניגע עפּעל און פערשווינדט צוריק.

באַלד דערהערט זיך אַ געשריי פון די קינדער — מיר אויך— מיר אויך, בעני !

אסתר.

גיט זיך אַ כאַפּ.

דאָס האָסטו, בענטשיק, אויפגעוועקט דעם צווילינג. וואַרט, איכ׳ל דיר געבען.

אויף יענער זייט ווערט שטיל. זי וויקעלט צונויף די זאַכען פון מאַקס׳ געלעגער און לעגט עס אַרויף אויפ׳ן „פייער עסקייפּ״. בענטשיק גנב׳ט זיך דערווייל צוריק אַריין, נעהמט אַראָפּ דעם רימען וואָס הענגט אויפ׳ן וואַנד ביים טהיר און כאַפּט זיך שנעל צוריק אַרויס.

בענ׳טשיק.

איצט, לאָז זי מיך שלאָגען.

אסתר.

קומט אַריין, גיט זיך אַ כאַפּ צום רימען. זי געפינט איהם ניט.

וואַרט, בעני, איכ׳ל דיר געבען !

זי לויפט אַריין צו די קינדער, שרייענדיג:

ווער האָט צוגענומען דעם רימען, ווער, הא ? וואו איז אהין געקומען דער רימען ? איך פרעג דאָך, הא ?

קיינער ענטפערט ניט.

ווער האָט דעם רימען ?

די קינדער׳ס שטימען — בעני איהם דענומען ! בעני איהם דער־נומען ! — בעני לויפט צו צום פענסטער, וואַרפט אַרויס דעם רי־מען. אסתר געהט אַרויס פון שלאָף־צימער. אַלע קינדער אין די נאַכט־העמדער מיט די קליידער אין די הענד געהן איהר נאָך.

אסתר.

וואַרט, דער טאַטע וועט קומען. איכ׳ל איהם שוין דערצעהלען.

בעני.

דערצעהל. אָבער כ׳וויל עסען.

די קינדער.

איך אויך. איך אויך.

אסתר.

טהוט זיך אָן.

דער צווילינג.

איך ווי מיך. איך ווי מיך.

בעני.

איך וויל טעה.

אַלע קינדער נעהמען זיך אָן פאַר די הענטלעך, ציהען אריין אסתר'ן אין רעדעל און דרעהענדיג זיך זינגען זיי:

אוי, וועה!
גיב מיר טעה!
טעה איז ביטער —
גיב מיר צוקער!
צוקער זיס —
גיב מיר ניס!
ניס הארט —
דער בויך שפּארט!

אסתר.

כאַפּט דעם צווילינג אויף די הענד, זעצט זיי אַרויף אויפ'ן טיש, הויבט זיי אָן אָנטהאָן.

זשענ'קע, דו העלף שרה'לען, און דו בענטשיק, טהו זיך אליין אָן.

קושענדיג די קינדערשע פינגערלעך.

קליינע, זיסע פינגענאַנטשיקלעך! דו־דו־דו!

דזשעני.

טהוט דאָס זעלבע.

קליינע, זיסע פינגענאַנטשיקלעך!

בעני.

וואַרפט אַ שוך צו דזשענ'קען.

לאָמיר שפּיעלען אין כאַפּערלעך.

דזשעני.

אסתר! ער שלאָגט זיך!

שרה'לע.

איך קען ניט אָנטהאָן דעם שוך. ער איז אַזוי דרוים.

אסתר.

בעטראַכט דעם שוך.

בעני.

מאַכט אַ נאָז.

נו, זעהסטו דאָרט עפּעס? ס'איז מיין שוך. זעהסט דאָרט אַ לאָך? גיב איהם אָהער.

שרה'לע וואַרפט איהם דעם שוך. בעני אָנטהועינדיג איהם.

כ'וועל איהם שוין אָבטהאָן אַ שפּיצעל.

אסתר.

מזיק וואָס דו ביזט. כ'וועל דערצעהלען דעם טאַטען. דו דערגעהסט מיר די יאָהר.

בעני.

אסתר, קאַפּעסטער, דו ביזט מיר אַ שוועסטער!

ער שפּרונגט אַרויף אויפ'ן טיש. — איין זאַק אַראָפּגעלאָזט, די שנירלעך שלעפּען זיך נאָך.

פאַרטיג! איך בין שוין אָנגעטהאָן, גיב עסען!

אסתר.

וואַש זיך פריהער, פּערקעהם זיך.

בעני.

כ'קאָן אַזוי אויך עסען. גיב נאָר אהער, וועסטו שוין זעהן.

אסתר.

וואַרט, מאַקס וועט קומען וועט ער ברענגען מילך מיט פרישע זעמעל.

בעני.

איך קאָן עסען ניט קיין פרישע, גיב נאָר אהער.

אסתר.

וואָס וויל דער מזיק פון מיר האָבען! נעהם אַנ'עפּעל דערווייל.

די קינדער.

אָבער מעהר ניט ווי איינעם.

בעני.

לויפט צום שראַנק, כאַפּט אַנ'עפּעל. די קינדער שרייען — מיר אויך! מיר אויך!

ניטאָ מעהר.

דזשעני.

גיב מיר אַ שטיקעל.

די קינדער לויפען איהם נאָך. ער שפּרינגט אַרויף אויף אַ בענ־קעל. זיי שלעפּען איהם אַראָפּ: אַ געפּילדער. מ׳וואַרפט זיך מיט שיך און זאָקען.

אסתר.

קוקט אַריין אין שראַנק.

ווער האָט אויפגעגעסען אַלע עפּעל?

דזשעני.

בעני האָט אויפגעגעסען.

אַלע קינדער.

עסען! עסען!

בעני.

ווייס איך וואָס. ס׳גאָר ניט געווען.

אסתר בלייבט שטעהן אונבעהאָלפען.

אסתר.

איך, — אַז איהר׳ט זיין שטיל וועל איך אייך גאָר דערצעהלען אַ שעהנע מעשה!

די קינדער.

אַ מעשה! אַ מעשה.

בעני.

פריהער עסען. נארסט אונז אַלע מאָל אָפּ מיט מעשות.

אסתר.

מאַכט זיך ניט הערענדיג.

זעצט זיך אַלע אַניעדער. אַט אזוי. און איצט וועל איך אייך אַביסעל אַרומוואַשען און פאַרקעמען.

בעני.

איך וויל זיך ניט אַרומוואַשען.

דזשעני.

איך האָב זיך נעכטען אַרומגעוואַשען.

שרה׳לע.

איך בין ניט שמוציג.

אסתר.

נעצט איין דעם ברעג האַנדטוך און רייבט מיט דעם די פּנים'לעך.

די חברה מאַכען גוואַלדען.

אז איהר וועט שרייען, וועל איך ניט דערצעהלען. אוי, אזא שעהנע מעשה.

איינער פונ'ם צווילינג.

דו מיר עפּעס דעבען?

אסתר.

יאַ, חיות...

די צווייטע פון צווילינג.

מיר אויך. א דרויסע עפּעלע?

אסתר.

דיר אויך, מאַמעלע, און איצט הערט זיך צו: „אמאָל איז געווען א קליינער אינגעלע, האָט ער געהאַט א סך צאַצקעס: א פערדעלע צו פאָהרען רייטענדיג, א בערעלע וואָס האָט געזונגען און נאָך און נאָך זאַכען. האָט ער דאָס פערדעלע צובראָכען, דעם בערעלע די נאָז אָבגעריסען און די איבעריגע צאַצקעס צוואַוואָרפען און האָט זיך ניט געוואָלט מעהר שפּיעלען. איז איהם געוואָרען זעהר אומעטיג, אזוי אומעטיג, אז ס'האָט זיך איהם אזש געוואָלט וויינען. ערשט ער גיט א קוק אין פענסטער און וואָס מיינט איהר האָט ער דערזעהן? בלומען! אזוי פיעל און אזוינע שעהנע. און מיט זייערע קליינע מיילעכלעך זינגען זיי! קום, אינגעלע, קום זיך שפּיעלען מיט אונז. איז ער ארויסגעגאַנגען צו די בלומען, זיך געשפּיעלט מיט די פיאַלקעס, א שמעק געטהאָן די רויזען, א גלעט געטהאָן די „שטיף מאַמעס", און באַלד צוגעגאַנגען צו דער ערשטער געעפענטער שעהנער ליליע און געוואָלט זי אָברייסען. האָט זיך די ליליע פערנייגט פאַר'ן אינגעלע און געזאָגט: שעהן אינגעלע, גוט אינגעלע, איך בעט דיך, ריהר מיך ניט אָן. אָט ערשט האָב איך זיך בעקאַנט מיט דער זון און זי איז אזא גוטע, זי גיט מיר ליכט און וואַרימקייט וויפיעל איך וויל נאָר אליין. און דו — ביי דיר וועל איך שטאַרבען. — אזוי גאָר! — האָט דער אינגעלע געזאָגט

— און איך האָב גאָר ניט געוואוסט. מיין מאמע האָט מיר קיינ־מאָל ניט דערצעהלט. — דיין מאמע האָט געמוזט פערגעסען, אז זי אליין איז אויך געווען א קליינע ליליע. איך בעט דיך, רייס מיך ניט אָפּ. לאָז מיך וואקסען. — דאָס אינגעלע האָט רחמנות געהאָט אויף דער ליליע און האָט געזאָגט: וואקס, שעהנע ליליע, וואקס. איך וועל דיך ניט טשעפּען. איך וועל נאָר שטעהן און קוקען אויף דיר ווי שעהן דו וואקסט. און די ליליע האָט פערמאַכט איהרע שעהנע ליפּעלעך און שטיל אנטשלאָפען געוואָרען".

א לענגערע שטילקייט הערשט אין צימער. די קינדער זיצען אַלע זים אומעטיג פערטראַכט. ביסלעכווייז הויבען זיי זיך אָן צו ריהרען.

דזשעני.

אוי, איך וויל זיין די ווייסע ליליע!

אסתר.

אודאי, אַלע קליינע מיידעלעך זיינען ווייסע ליליעס.

שרה'לע.

איך וויל בעסער זיין א רויטע רויז.

דזשעני.

ניין, איך וויל בעסער זיין די שעהנע, גרויסע ליעבע ליליע. און דער אינגעלע זאָל זיין דו, בענ'טשיק.

בעני.

איך וויל עסען.

אסתר.

נור ער וויל עסען. זינג בעסער א ביסעל.

בעני.

עסען!

אסתר.

נארעלע, זינגען איז שעהנער.

בעני.

עסען איז בעסער.

די טהיר פון קאָרידאָר עפענט זיך האַסטיג. מאַקס לויפט אַריין אַ צוטראָגענער מיט אַ פּעקעל אונטער'ן אָרעם.

אסתר.

וואָס עפּעס אזוי גיך צוריק?

שרה׳לע.

וואו איז די מילך?

בעני.

וואו זיינען די פרישע בולקעלעך?

אסתר.

זאָג, וואָס איז?

מאַקס.

אַ צוטומעלטער.

איך — איך —

די קינדער הויבען אָן צו שרייען — עסען! מילך!

אסתר.

שאַט, קינדער, אָט וועל איך געהן ברענגען.

מאַקס.

גיט זיך אַ כאַפּ.

ניין — דו — איך דאַרף דיר עפּעס זאָגען.

בעני.

איך געהן, איך געהן

אַלע קינדער.

איך אויך, איך אויך!

אסתר.

ווער איהר אַכטיג געבען ווי איהר געהט?

די קינדער.

אַכטיג געבען.

בעני.

גיט אַ קאָמאַנדעוווע.

דזשעני, דו געהסט? שרה׳לע? קומט קינדער!

זיי לויפען אַרויס. מאַקס שטעהט מיט׳ן חעקעל אונטער׳ן אָרעם ווי צוגעשמידט צום פּלאַץ.

אסתר.

נו, מאַקס.

מאַקס.

גיט זיך אַ כאַפּ.

געפונען — כ'האָב ארויפגעטראָטען דארויף — שיעור ניט אויס־
געגאָסען די מילך.

אסתר.

טאָ וואו איז די מילך ?

מאַקס.

האַ ? פערגעסען.

אסתר.

וואו פערגעסען ?

מאַקס.

אויפ'ן גאַס.

אסתר.

אויפ'ן גאַס ?

מאַקס.

הויבט אָן צו רעדען שנעל.

דערפאר האָב איך געפונען א בעסערע זאך — א בעסערע זאך —

אסתר.

ייאָס פאר א זאך ?

מאַקס.

נעהמט אַרויס פון אונטער'ן אָרעם אַ שוואַרץ האַנד־זעקעל.

אסתר.

נייגעריג און פערוואונדערט.

זעה וואס איז דאָס ? האָסט א קוק געטהאָן אינוועניג ?

מאַקס.

שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

אסתר.

נו, וואָס ?

מאַקס.

די טויזענד דאָלאַר.

אסתּר.

קוקט איהם אונגלויביג אָן.

וועלכע טויזענד דדאָלאַר?

מאַקס.

נעהט אַרויס פֿון זעקעל אַ פּאָר אַלטע פּרויען שיך.

קוק נאָר!

אסתּר.

גיט זיך אַ קרום.

דאָס גאָר?

מאַקס.

וואַרט, וואַרט, קום אהער. זעהסט?

נעהמט אַרויס אַ שער.

אסתּר.

מיר האָבען אַ שער.

מאַקס.

וואַרט. נאָך ניט אַלעס.

ער נעהמט אַרויס אַן אַלטען פּאַרטוך.

אסתּר.

קרימט זיך ווידער, זי נעהמט דעם בעזעם און הויבט אָן קערען.

האָסט אָנגעטראָגען אַ פֿולע שטוב מיט בלאָטע.

מאַקס.

נעהמט אַרויס פֿון זעקעלע אַן אַלט צוריסען טיישטעכ'ל. ער עפֿענט עס. נעהמט אַרויס אַ קליין פּעקעלע פּאַפּיער געלד אַרומ־גענומען מיט אַ גומענדעל.

זעהסט!

אסתּר.

לאָזט פֿאַלען דעם בעזעם, גיט אַ פּאַטש מיט די הענד.

אוי!

לאַנגע פּויזע.

מאַקס.

דאָס איז אודאי טויזענד דאָלאַר, וואָס?

אסתר.

אָבער וואו האָסטו עס גענומען?

מאַקס.

ווייזט מיט'ן פינגער אויפ'ן זעקעלע.

אסתר.

נעהמט פאָרזיכטיג דאָס זעקעלע, בעטראַכט עס פון אַלע זייטען, לעגט אַריין די האַנד.

אפשר איז דאָ נאָך.

מאַקס.

נאָך? צו וואָס? איך וויל מעהר ניט ווי טויזענד.

אסתר.

נעהמט אַרויס אַ קליין ביכעלע פון זעקעל, בלעטערט און לייענט.

נומער 375, זיבען דוצען, 3 סעמפּעלס נומער 789, 5 ווייסטען —

זי וואַרפט אַוועק דאָס ביכעלע אונגעדולדיג.

מאַקס.

שטעהט מיט פערמאַכטע אויגען, דריקט דאָס געלד אין ביידע הענד, רעדט ווי פאַר זיך.

מיינע טויזענד דאָלאַר — מיינע —

אסתר.

וואָס זאָגסטו?

מאַקס.

ווי זיך אויפכאַפּענדיג.

אסתר, דו האָסט אַמאָל געזעהן טויזענד דאָלאַר?

אסתר.

ניין, און דו?

מאַקס.

מיט אָפענע אויגען ניט. אָבער אַז איך מאַך צו — פּרואוו נאָר דו.

אסתר.

מאַכט צו די אויגען.

איך זעה ניט.

מאַקס.

שטאַרק, שטאַרק. פאַרקוועטש אַט אזוי.

ער דריקט צוזאַמען זיינע אויגען.

נו, זעהסט ?

אסתר.

ניין. לאָז מיך זעהן אַט די טויזענד דאָלאַר. טאַקע טויזענד ?

זי בעטראַכט דאָס פעקעלע.

און איך זאָג אַז ניט.

מאַקס.

נעהמט עס צוריק פון איהר.

און איך זאָג אַז יאָ.

אסתר.

ניין.

מאַקס.

לאָמיר זיך וועטען.

אסתר.

לאָמיר זיך וועטען — ע, חכם מיינער, דו האָסט געצעהלט.

מאַקס.

כ'האָב ניט.

אסתר.

טאָ אין וואָס וועטען מיר זיך ?

מאַקס.

אין וואָס דו ווילסט.

אסתר.

אין א גלאָז סאָדא וואסער אין אפטייק.

מאַקס.

גאָר! סאָדא וואסער! אין הונדערט דאָלאר.

אסתר.

וועסטו מיר זיי געבען?

מאַקס.

אודאי!

אסתר.

ווע‏לען מיר טאַקע קויפען זאכען פאַר אַלע קינדער. און מיינע שיך זיינען אויך צוריסען. זעהסטו?

מאַקס.

מעשה מענש.

וועסטו קויפען נייע.

אסתר.

און אַ הוט אויך?

מאַקס.

אויך.

אסתר.

מיט בעגייסטערונג.

אַט דעם גרויסען הוט מיט סטענגעס. ווייסט וואָס איך האָב דיר דערצעהלט. ווען דער ווינד גיט אַ בלאָז פליהען די סטענגעס ווי די עקען פון אַ לופט שלאַנג. ווען ער הויבט זיך אויף אין דער לופטען.

זי ווערט אַנטשוויגען, פערטראַכט זיך, קוקט אין דער ווייטקייט.

מאַקס.

אַ בייסיקל אויך.

אסתר.

און אַ בעט אויך. וועסטו שוין מעהר ניט דאַרפען שלאָפען אויף דר'ערד. און אַ בעטעלע פאַר'ן צווילינג — אוי, וועל דאָס אויס־קוקען שעהן אין דעם נייעם הוט! זאָג, ניין? מאַקס!

מאַקס.

אפילו, אז דער טאַטע וועט שרייען וויל איך אויך א בייסיקל.

אסתר.

אוי, דער טאַטע וועט צונעהמען אינגאַנצען. לאָמיר איהם ניט אויסזאָגען.

מאַקס.

קיינמאָל ניט?

אסתר.

קיינמאָל ניט, וועלען מיר קאָנען טהאָן וואָס מיר ווילען.

הויבט אויף דעם בעזעם.

וועלען מיט טאַקע קויפען א נייעם בעזעם אויך. מאַקס, וואָס האָסטו זיך שוין ווידער פערטראַכט?

מאַקס.

הער, איך וויל פריהער קויפען א בייסיקל און דערנאָך דיר אוועקגעבען די גאַנצע טויזענד דאָלאַר. וועסטו מיך קיינמאָל ניט וועקען?

אסתר.

וועסט דאָך קיינמאָל ניט אויפשטעהן.

מאַקס.

נו, וועל איך ניט אויפשטעהן. וואָס ארט דיך?

אסתר.

און ווער וועט צוטראָגען די מילך מיט די בולקעלעך פאַר'ן קרעמער?

מאַקס.

טראַכט א ווייל.

אנ'אנדער אינגעל. איך איך קאָן איינעם וואָס וועט דאָס טהאָן.

אסתר.

מיט פרייד.

אוי, מאַקסעלע, וועט דאָס אונז זיין גוט! מיר קאָנען האָבען אַלץ וואָס מיר ווילען.

ס'דערהערט זיך א קלאַפּ אין טהיר.

בײדע.

צושראָקען.

אױ!

אסתר.

די ערשטע קומענדיג צו זיך.

בעהאַלט דאָס געלד. גיב ניט קײנעם.

מאַקס.

נאַ, נעהם דו. איך װיל ניט. איך האָב מורא.

אסתר.

נײן, נײן, דו האַלט עס.

געהט צו אױף די שפּיץ פינגער צום טהיר, פרעגט שטיל.

װער איז דאָרט?

אַ שטימע פון יענער זײט טהיר.

איך, קינדער, עפענט. דאַרפסט עפּעס אין קרעמעל, אסתר?

אסתר.

נײן, גאָר ניט.

די שטימע.

האָסט'אך מיך געבעטען נעכטען.

אסתר.

נײן, נײן, איך דאַרף ניט. איך דאַרף ניט.

די שטימע.

שאַ, שאַ. װאָס האָסטו זיך אַזױ צושריען? איז ניט.

אסתר.

הערט זיך צו װי די פרױ געהט אַראָפּ פון די טרעפּ, דאַן קעהרט זי זיך אום צו מאַקס'ן.

אַזױ, איך האָב זיך אַזױ דערשראָקען! דו —

מאַקס.

ענטפערט ניט.

אסתר.

אז מ׳וועט דיך פרעגן וועסטו אויסזאָגן?

מאַקס.

כ׳האָב געפונען.

אסתר.

קוקט איהם אָן אונגלויביג.

לאָמיר גאָר איבערצעהלען.

מאַקס.

צו וואָס?

אסתר.

כ׳וויים?

פויזע.

אימיצער קאָן נאָך אריינקומען. לאָמיר איבערצעהלען און אָבגע־בען דעם טאַטען.

מאַקס.

ער וועט מיר ניט לאָזען קויפען קיין בייסיקל און דיר א הוט מיט סטענגעס אויך ניט. בעסער דעם קרעמער.

אסתר.

כ׳האָב פיינט דעם קרעמער. אין באַנק אריינלעגען.

מאַקס.

כ׳האָב פיינט א באַנק. דעם קרעמער און פארטיג. מיר׳ן אַלע מאָל קאָנען נעהמען וואָס מיר ווילען.

אסתר.

ער וועט ניט געבען אַלע מאָל.

מאַקס.

איינגעשפאַרט.

ער וועט יאָ געבען.

ס׳דערהערען זיך טריט אין קאָרידאָר. ביידע גיבען זיך א צאַפּעל.

מאַקס.

כאַפּט די אַלטע שיך, די שער, דעם פאַרטוך, שפּאַרט עס שנעל אין זעקעלע.

ניט אוועקגעבען — קיינעם ניט אוועקגעבען!

אסתר.

טראַציג.

אפשר גאָר גע'גנב'ט? האָסט ניט געפונען.

מאַקס.

איך האָב יאָ. ביזט אַ שלעכטע, איך — איך — ס'איז מיינס.
כ'האָב אַלע מאָל געוואָלט געפינען טויזענד דאָלאַר —

ס'דערהערט זיך אַ געלויף און געשריי פון קאָרידאָר.

א פרויען שטימע.

מיין געלד! מיין געלד! וועה מיינע יאָהרען.

אסתר.

דערשראָקען.

דו הערסט?

מאַקס בלייבט שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל. ביידע הערען זיך איין מיט געשפּאַנטקייט. שטימען.

וואו, וואו האָט איהר פערלוירען? גאָט איז מיט אייך.

אסתר.

אוי, — דו הערסט? — הערסט?

צולעגענדיג דאָס אויער צום טהיר.

הער, הער, זי זאָגט זי האָט פערלוירען געהענדיג פון שאַפּ.

זי גיט זיך אַ כאַפּ צו מאַקס'ן.

אָפּגעבען.

מאַקס.

ס'איז מיינע. איך האָב געפונען.

אסתר.

ס'איז ניט דיינע. הערסט ווי זי וויינט? זי זאָגט, איהר גאַנץ פאַרמעגען — הער, הער, די שער מיט די שיך, זאָגט זי, און דעם פאַרטוך, הערסט?

גיט אַ כאַפּ דעם צוטומעלטען מאַקס'ן פאַר'ן האַנד.
וועסט אוועקגעבען!

מאַקס.
איך וועל ניט.

ער רייסט פון איהר דאָס זעקעלע, זי רייסט צוריק.

אַ שטימע.
אַ פּאָליסמאַן! אַ פּאָליסמאַן! ער וועט שוין געפינען.

אסתר.
אוי, הערסט? כ'האָב מורא. הער, זי געהט נאָך אַ פּאָליסמאַן.

זי רייסט אַרויס דאָס זעקעלע פון מאַקס'ן, רייסט אויף די טהיר.

מרס. גאָלדשטיין, אַט איז דאָס געלד.

אַ פרוי גיט זיך אַ לאָז אַריין אין צימער. קוקט זיך ווילד צו־שראָקען אַרום. דערזעהט דאָס זעקעלע, גיט עס אַ כאַפּ מיט אומ־פּעט, שטעקט אַריין די האַנד און וואַרפט אַרויס די זאַכען איינס נאָך דאָס אַנדערע: ענדליך נעהמט זי אַרויס דאָס געלד, צעהלט פיבעריש איבער ניין און צוואַנציג איינציגע דאָלאַר. דורך דער צייט שטעהען פרויען אין קאָרידאָר מיט איינגעהאַלטענע אַטהעמס. ביידע קינדער מיט ווייט פערנאַנדערגעעפענטע אונגלויביגע אויגען.

די פרוי.
אין גאַנצען, אין גאַנצען.

זי צעהלט נאָך אַמאָל

דער לענדלער, דער בוטשער, די גראָסערי.

מאַקס.
מיינע טויזענד דאָלאַר.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

ע נ ד ע.

איבערגעבליבענע

צייט־בילד אין איין אקט.

פון

דזשעין ראוז

COPYRIGHT BY
JANE ROSE
New York, 1918
All rights Reserved

פערזאָנען.

אנא.

איוואַן. — איהר מאַן.

מאַשאַ. — זייער טאָכטער.

סאָניא. — אנא'ס שוועסטער.

אַלעקסאַנדער. — איהר מאַן.

איליא. — זייער זוהן.

פעטער. — אלעקסאנדער'ס פאָטער.

ראָזא. — א שכנה.

דאָרענקע.

צוויי אַלטע לייט.

ראָזא'ס מאַן.

די האַנדלונג קומט פֿאָר אין א פּראָווינציעלער גרויסער שטאָדט פֿון אַ מלחמה־לאַנד.

סצענע. א גרויסער, נידעריגער צימער. לינקס די גאַס־טהיר. רעכטס אַ טהיר, וועלכע פֿיהרט צו די הויז־צימערען. אין מי־טען, עטוואָס צו לינקס, אַן אָפֿענער פֿענסטער, וועלכער קוקט אַרויס צו דער גאַס. אין מיטען צימער אַ גרויסער אַרבייטס־טיש. ביים פֿענסטער אַ נעה־מאַשין. אַ שפּיעגעל, שטוהלען, אַן אַלט־מאָדישער קאַמאָד, אַ ביכער־שראַנק. אייניגע פֿאַמיליען־בילדער אויף די וועגד. עטוואָס לינקס, ביים גאַס־טהיר, אַ גרוי־סער קאַלעכענער אויווען.

אַנאַ, אַ יונגע פֿרוי, מיט אַ סימפּאַטיש, אינטערעסאַנטען געזיכט, זיצט נעבען מאַשין, נעהט אַ מיליטער־ראָק. פּעטער קומט צו צום אָפֿענעם פֿענסטער. ער איז אַלט, גרוי און איינגעבויגען. הוסט אָפֿט, ווישט שטענדיג דאָס געזיכט און שטערען, אַ מאָל מיט אַ רויט נאָז־טיכעל און אַמאָל מיט'ן אַרבעל.

פעטער.

גוט מאָרגען, אנא.

אנא.

גוט מאָרגען, פעטער!

פעטער.

איבעראַל זעהט מען היינט אָפענע פענסטער, ס'שמעקט שוין מיט־פריהלינג.

אנא.

א מאָדנע אוננאַטירליכע ווארימקייט היינט.

פעטער.

נאָך צו פריה. דער שניי איז נאָך אין גאנצען ניט צוגאנגען.

אנא.

האָסט אפשר עפעס געהערט פון אלעקסאַנדער'ן?

פעטער.

שטעקט אריין דעם קאָפּ.

קיינער ניטאָ?

אנא.

קיינער.

פעטער.

איך קום ערשט פון דאָרטען. אין א האַלבער שטונדע ארום, האָבען זיי מיר געזאָגט, וועט אָנקומען די פּאָסט.

אנא.

אך, ווי לאַנג עס נעהמט! שוין דריי וואָכען!

פעטער.

וואָס עפעס דריי? שוין כמעט פיער וואָכען, אז איך האָב גע־

שריבען, און אזוי ווי דו האסט מיך געבעטען, אז די בריעף זא־
לען זיין אדרעסירט צו מיר, סאניא ווייסט נאך פון גאר ניט?

אנא.

ניין. זי איז שטאלץ, ווי א קעניגין. זי מיינט, אז איהר מאן
שלאגט זיך נאך אלץ פאר'ן פאטערלאנד.

פעטער.

גאט וויים! גאט וויים, אויב ער לעבט נאך.

אנא.

נו, ניט געזארגט. איך בין זיכער, אז פון די וואונדען וועט ער
גיך געזונד ווערען און וועט זיך צו אונז אומקערען. ער איז דאך
אימער אזוי שטארק געוועז.

פעטער.

זיין גאנץ לעבען א טאג קראנק ניט געוועז — איצט, גאט מיינער
— שוין זעקס וואכען אין האספיטאל! איך האב זיך ביי זיי גע־
בעטען, ווען איך האב געשריבען, מ'זאל איהם מיר אבשיקען. ווי
עס זאל ניט זיין, אבי א לעבעדיגען — א לעבעדיגען זאל איך
איהם כאטש קענען זעהן. אך, זוהן מיינער, ווענמען נאך האב איך
אויף דער וועלט, א חוץ דיר?

פויזע, ווישט זיך די טרעהרען.

ווייסט, אנא, ווען איך קען ניט דיין שוועסטער כמעט פון קינדווייז
אן — אזא עהרליכע און אנשטענדיגע — וואלט איך איהר בעשול־
דיגט אין גלייכגילטיגקייט צו איהר מאן.

אנא.

וואס רעדט איהר? סאניא וואלט אבגעגעבען איהר לעבען פאר
אלעקסאנדער'ן. אבער זי איז אזוי שיכור מיט פאטריאטיזם, אז
ווער עס איז היינט ניט אויפ'ן שלאכט־פעלד, איז, נאך איהר מיי־
נונג, א פעררעטהער.

פעטער.

נו, אודאי, מ'טאר דאך ניט רעדען, ניט פראטעסטירען געגען דאס
פערגאסענע בלוט. וואס זאל מען אבער טהאן, אז עס טהוט פארט
וועה, אז דאס בלוט איז דיר אזוי נאהענט... — און עס פערפעסט —

אנא.

נו, זי וועט קומען צו זיך. זי מוז זיך אויסניכטערען. די רעזול־טאטען זיינען אזעלכע שרעקליכע, און דאס בלוט אזוי נאהענט...

פעטער.

איך פערשטעה אבער ניט, צו וואס מ׳דארף זיך דא בעהאלטען? פאר וואס זאל זי ניט וויסען, אז ער ליגט שוין זעקס וואכען א פערוואונדעטער אין האספיטאל?

אנא.

ניין, ניין. צו וואס איהר וועה טהאן? זי וועט האבען גענוג, ווען ער וועט אהיים קומען. איך קען איהר ניט, וואס? איך וויים ניט, ווי ליעב זי האט איהם? ארימע סאניא! זי שטעהט זיך גענוג אוים פון אונז. גאנץ אפט קומט פאר אן אמת׳ע שלאכט צווישען אונז.

פעטער.

אנשטרענגענדיג זיינע אויגען לינקס.

מיר דוכט, אז דארט קומט זי. יא, יא, דאס איז סאניא. נו, איך געה צוריק צו דער פאסט.

אנא.

אויב עס וועט זיין א בריעף, לאזט מיר גלייך וויסען.

פעטער.

נו, געווים וועל איך דיר לאזען וויסען.

ער געהט אב רעכטס. אנא פאנגט אן נייהען. פולע צוויי מינוט געהט פאראיבער ביז סאניא קומט אריין. זי איז הויך, שעהן און שטאלץ, עטוואס עלטער פון איהר שוועסטער. זי בלייבט שטעהן אין מיטען צימער, לעזט א צייטונג, וועלכע זי האלט אין האנד.

סאניא.

אנא, אנא, הער: דער שונא האט פערלארען צעהן טויזענד מאן. דער גרעסטער טהייל טוידט, די איבעריגע פארוואונדעט, און —

אנא.

אך, הער אויף, סאניא! ווי שעהמסטו זיך דאס ניט? א מין שמחה — דער גרעסטער טהייל פון צעהן טויזענד מאן טוידט. נו,

אז ס'איז פון שונא, איז וואָס? זיי זיינען דאָך מענשען, ווי מיר אַלע! און די ווייבער און קינדער פון יענע דער'הרג'עטע — דענקסטו אמאָל פון זיי?

סאָניא.

ווי אזוי דענקען וועגען יענע, ווען אונזערע זיינען אין געפאהר?

אנא.

טאקע דערפאַר, ווייל מיר זיינען אַלע אין דערזעלבער פּאסטקע. היינט ווערען זייערע גע'הרג'עט און מאָרגען — אונזערע. דיין מאַן איז אין געפאהר, דיין זוהן איז בלויז זיעבצעהן יאָהר אַלט, און עס קען זיין, אז אויך איהם וועט מען באלד אויפפאָדערען —

סאָניא.

מיט אַ פערשטיינערטען אויסדרוק.

אז גאָט וויל, מוז אזוי זיין.

אנא.

ביזט אַ ווייב, אַ מוטער. קען דאָס זיין, אז דיין הארץ טהוט דיר ניט וועה? איך גלויב דאָס גאָר ניט. עס איז דאָך אזוי אוננאטירליך. שטעל דיר פאָר, וועלכע מיספערשטענדניס עס זאָלען ניט פאָרקומען צווישען די רעגיערונגען פון די פיינדליכע לענדער, די מענער, פאָר־טערס און זיהן, וועלכע שלאָגען זיך, האָבען דאָך אבסאָלוט גאָר ניט איינער צום צווייטען.

סאָניא.

ס'איז מיט דיר ניטאָ וואָס צו רעדען — עפּעס אזוי ווי דיין לאַנד וואָלט געווען אין די וואָלקענס.

אנא.

ניין, די ערד איז דאָס לאַנד פון אַלע מענשען פון דער גאנצער וועלט. האָסטו שוין פערגעסען, וואָס אַלעקסאַנדער, דיין מאַן, פלעגט אונז לערנען? אונזער לאַנד איז די, וועלכע איז גוט צו אונז.

סאָניא.

שווייג!

אנא.

האָט ער בעדאַרפט זיין אין דער שרעקליכער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך יעצט? לאַנג איידער דער קריעג האָט זיך אָנגעפאַנ־גען, האָט ער געוואָלט רייזען נאָך אמעריקא, און ווען ניט דו —

סאָניא.

שוויינ, זאָג איך דיר! דערמאָהן ניט די שאַנדע; איך וויל ניט דענקען וועגען איהם, אַלס אַ שוועכלינג, אַ פעררעטהער.

אנא.

נו, געוויס. אַלס בלינדע פּאַטריאָטקע, ביזטו גערעכט, אָבער דענק נור —

סאָניא.

איך דענק בלויז פון גאָט און מיין פאַטערלאַנד.

אנא.

איך בעט דיר, מיש ניט צוזאַמען גאָט מיט דיינע פּאַטריאָטישע גע־פיהלען. ווי אַזוי קאָנסטו זיך גאָר פאַרשטעלען, אז גאָט פערלאַנגט דאָס בלוט פון אַזוי פיעל פריעדליכע מענשען? אָט נעהם זיך בע־סער צו דער אַרבייט. דיינע פּאַטריאָטישע געפיהלען וועלען דיר קיין ברויט ניט געבען. פערגעס ניט, אז מיר זיינען די איינציגע פערזאָרגער, זייט אונזערע מענער —

סאָניא.

מיט שפּאָט.

אונזערע מענער! קענסטו טאַקע מיט דיין מאַן אויך שטאָלצירען.

אנא.

אָך, ווי פאַנאַטיש!

סאָניא.

בעסער ווי צו זיין גלאַט אַ גאָרנישט.

אנא.

די מלחמה האָט דיין זינען געריהרט.

סאָניא.

איך בין שטאָלץ מיט דעם, וואָס מיין מאַן שלאָגט זיך פאַר זיין פאטערלאנד. ער וועט קומען אהיים געלייטערט, א העלד; ער וועט פערגעסען אָן אַלע זיינע רעוואָלוציאָנערע, פעררעטערישע גע־דאַנקען. און דיך, אנא, וואָרען איך.

אנא.

שפרינגט אויף.

סטראַשונ־עס! איך האָב פאַר זיי קיין מורא ניט. איך וועל קיינמאָל ניט אויפהערען זאָגען דעם אמת.

ראָזאַ קומט צו צום פענסטער. זי איז יונג און זעהר בלאַס. איהר שטימע ציטערט.

ראָזא.

גוט מאָרגען. האָט איהר אפשר געזעהן מיין מאַן?

אנא.

ניין, ראָזע, וואָס איז געשעהן?

ראָזא.

איך ווייס שוין ניט, וואו איהם צו זוכען. איך בין אזוי אויסגע־מאַטערט. ער איז ניט געוואָרען היינט גאַנץ פריה. ערגעץ אוועק און... אַך, די גאַנצע שטאָדט בין איך שוין אויסגעווען. דער דאָק־טאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, איהם ניט איבערצולאָזען אליין.

וויינט שטיל.

סאָניא.

נו, טו וואָרום האָסטו איהם פערנאַכלעסיגט?

ראָזא.

אַך, גאָט מיינער, זייט ער איז פון דער מלחמה געקומען, איז ער דאָך גאָר קיין מענש ניט, מיט קיינעם רעדט ער ניט, געהט אַרום פערטראַכט, און נור אליין, וויל קיינעם ניט האָבען לעבען זיך. און ווען ער רעדט שוין יאָ אַמאָל, איז דאָס צו די טוידטע אויפ'ן שלאַכט־פעלד, וועלכע, ער זאָגט, ער האָט דער'הרג'עט.

זי שוידערט.

גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ שרעק ער וואַרפט אויף מיר אַרויף!

דער דאָקטאָר זאָגט, אז דאָס קומט פון דעם, וואָס ער האָט פיעל בלוט פערלאָרען און זיינע וואונדען זיינען נאָך ניט פערהיילט. אך, מ'קען פון זינען אראָב! זיי האָבען איהם פון מיר צוגענומען א געזונטען, פול מיט לעבען, און וואָס האָבען זיי מיר צוריקגע־שיקט?

זי ווישט זיך די אויגען.

סאָניא.

שעהם דיך, ראָזא! הער אויף וויינען ווי א פערפיעססטשעט קינד. ניטאָ איצט קיין צייט אויף דעם. וואָס עס זאָל ניט האָבען געטראָ־פען מיט אונזערע מענער, איז דאָס א קליינינקייט. מיר טאָרען קיינעם ניט האלטען פעראנטוואָרטליך, און אונזערע מענער מוזען טהאָן זייער פליכט. מיר, פרויען, דארפען צייגען דער וועלט, אז מען קאָן זיך אויף אונז אויך פערלאָזען.

אנא.

וואָס ווילסטו, זאָל זי טהאָן? נעהמען איהר מאַן, ארויספיהרען איהם אויפ'ן מארק, צייגען אלעמען זיינע וואונדען און נאָך אפשר זינגען א שבח צו גאָט?

ראָזא.

אך, דער שטארקסטער קען צובראָכען ווערען. און פון וואָס צו לע־בען איז אויך ניטאָ. אפשר קענט איהר מיר געבען וועלכע עס איז ארבייט אהיים צו נעהמען?

סאָניא.

יאָ, יאָ, ראָזא, מיר וועלען פאר דיר טהאָן אלץ, וואָס מיר קע־נען. מיליטער־ארבייט איז איצט דאָ גענוג. דו מוזט אָבער אויפהערען וויינען. געה זוך אוים דיין מאַן, היט איהם, פאַס אויף איהם אויף, און, די הויפט־זאך, הער זיך ניט צו צו קיינעם, לאָז דיר דעם קאָפּ ניט פערדרעהען. מיר, פרויען, מוזען טהאָן אונזער פליכט גראָד אזוי ווי די מענער. זיי שטארק ראָזא, זיי שטארק.

ראָזא.

ווי אזוי קען מען זיין שטארק, אז גאָט אליין האָט זיך פון אונז אָבגעקעהרט? מען קען א גאָס ניט דורכגעהן. אומעטום פול

מיט קאַליקעס, פערוואונדעטע. אָך, גאָט מיינער, גאָט מיינער!

אַב.

סאָניא.

שרייט איהר נאָך.

זאָג אונז אָן, ווען דו ועסט איהם געפינען, ראָזא.

פויזע.

סאָניא.

אָך, אַט די סאָרט פרויען! זיי זיינען אָהן אַ ברעקעל כאַראַקטער, שוואַך, ווי די מייז. זיי פערגעסען —

אנא.

פערגעסען! מיט ארמייען פון קריפּעלס, אַלס אנדענקען, וועלען אפילו אונזערע קינדס־קינדער האָבען צו געדענקען. אָרעמע ראָזא! צוויי וואָכען נאָך איהר חתונה האָט מען שוין דעם מאַן פון איהר אַוועקגענומען! און זי דאַרף באַלד מוטער ווערען... אָבער זי מוז גאָר אויף אַ משוגענעם מאַן אכטונג געבען... וואָס פאַר אַ סאָרט קינדער קען מען ערוואַרטען אונטער אַזעלכע אומשטענדען?

סאָניא.

נו, געהט האַלט אָב דעם לויף פון דער וועלט צוליעב אַ פּאָר קינדער, וועלכע דאַרפען נאָך ערשט געבוירען ווערען!

די גאַס־טהיר עפענט זיך. דאָרענקאָ קומט אַריין. זי איז אַכט יאָהר אַלט, אָבער זעהט אויס פיעל אינגער, צוליעב איהר מאָגערען, שלעכטען אויסזעהן.

סאָניא.

וואָס איז, דאָרענק, האָט דיין פאָטער ווידער גע'חלש'ט?

דאָרענקא.

ניין.

אנא.

און וואָס טהוט דער צווילינג?

דאַרענקא.

מיט קינדערשער בעגייסטערונג.

אַ, געדאַרפט זעהן מישקאַ'ן! איהר ווייסט דאָך, עס איז דער, וואָס זויגט אימער דעם גראָבען פינגער פון זיין לינקער האַנד. איהר ווייסט דאָך, ער האָט געזאָגט „מאַמאַ" היינט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען. אָ, ער איז אַ טייוועל!

סאָניא.

שווייג, דאַרענקאַ. אַ קליינע מיידעלע טאָר אַזוי ניט רעדען.

דאַרענקע.

מיין מאַמאַ זאָגט, אַז איך בין שוין ניט קיין קליינע מיידעל, און זי זאָגט, איך מוז געהן אַרבייטען.

אנא און סאָניא.

אַרבייטען?

דאַרענקא.

זייט דער טאַטע איז געקומען פון מלחמה, קען די מאַמע גאָר מעהר ניט טהאָן. זי מוז היטען זיינע וואונדען. די מאַמע זאָגט, איך מוז אוועקגעהן פון שטוב. עס איז פאַראַן גענוג מיילער צו קאָרמען אָהן מיר.

אנא.

מיין גאָט! דאַרענקאַ, וואָס קענסטו טהאָן?

דאַרענקא.

מיט זעלבסט־ווירדע.

אַליץ קען איך: וואַשען געשיר, פּאָדלאָגעס, ניאַנטשען קינדער. איהר דאַרפט ניט קיין ניאַנקע?

אנא.

אָבער מיין אינגסטע איז דאָך עלטער פון דיר!

דאַרענקא.

ס'מאַכט ניט, איך וועל זיי שוין מאַכען מיך פאָלגען. איהר וועט זעהן, ווי איך וועל זיי היטען.

אנא.

און ווער וועט היטען דיין צווילינג?

דאָרענקא.

דער צווילינג קען זיך שוין אליין היטען. נאָך אכט וואָכען און צוויי טעג וועלען זיי שוין זיין א יאָהר אלט, און זיי זיינען דאָך אזוי גוט און קלוג. איהר'ט בעדארפט זעהן, ווי זיי האָבען מורא פאר'ן טאטען. זייט ער איז צוריקגעקומען שרייט ער אזוי. אוי, ווי ער שרייט!

מיט פערטרויליכקייט.

דער דאָקטאָר זאָגט, אפשר איז ער גאָר פון זינען אראָב. יאָ, יאָ, איך אליין האָב עס געהערט איהם זאָגען. מיין טאטע איז קיינמאָל אין זיין לעבען משוגע ניט געווען, נור ווען ער פלעגט זיך אָנטרינקען, פלעגט ער שרייען. איצט טרינקט ער ניט, אָבער ער שרייט. אך, ווי ער שרייט.

אָנאָ לעגט אַרויף איהרע הענד אויף דאָרענקאָ'ס קאָפּ.

אָרים קינד.

דאָרענקא.

קען איך זיך אָבשטעלען ביי אייך?

כ'וויים ניט, געה איצט, דאָרענקא, אהיים. מיר'ן היינט זעהן דיין מאמען.

זי פיהרט איהר צו צום טהיר, עפענט און לאָזט איהר אַרויס.

זיי פאָרזיכטיג, מיין קינד. ווען דו געהסט אַריבער די גאַס, היט זיך.

דאָרענקא.

פון גאַס.

מאמא זאָגט, אז גאָט היט אונז.

אנא.

מאַכט צו די טהיר, בלייבט שטעהן פערטראַכט, רעדט שטיל.

גאָט היט אונז! יאָ...

איוואַן קומט אַריין פון דער טהיר רעכטס. ער איז הויך, שעהן, אָבער זעהר בלאַס. אַכט און דרייסיג יאָהר אַלט, זיין לינקע האַנד האַלט ער אין אַ סלינג.

אנא.

מיט איבערגעגעבענהייט.

ווי פיהלסטו, איוואן? געהסט צום דאָקטאָר?

איוואן.

ניין, היינט פיהל איך בעסער.

בעסער? דו זעהסט אָבער אויס אַזוי שלעכט.

סאָניא.

נייהענדיג ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ.

זי וועט דיר שוין איינרעדען אַ קרענק, אַבי אין מלחמה ניט דאַרפען געהן. עס איז דיין גליק, וואָס דו ביזט מיין שוואָגער.

איוואן.

פאַראַן אפשר אַ בריעף פון אַלעקסאַנדער'ן?

סאָניא.

ניט דיין זאַך.

איוואן.

קורץ.

אַז עס וואָלט ניט געווען מיין זאַך, וואָלט איך ניט געפרעגט.

סאָניא.

וואָס אייערע לייטע אינטערעסירט, איז נור זיך צו פערהיטען, נור דעם אייגענעם „איך". איך זאָג דיר גאַנץ אָפען, איך הויב אָן צו גלויבען, אַז דו האָסט עס אַליין געמאַכט.

איוואן.

אַליין געמאַכט? וואָס מיינסטו?

סאָניא.

אָט פונקט, ווען די מלחמה איז ערקלערט געוואָרען, האָסטו זיך דיין אָרעם צובראָכען. און אַז עס האָט זיך שוין כמעט אין גאַנצען פערהיילט איז בלוט־פערגיפטונג אַריינגעטראָטען.

איוואַן.

איראָניש.

נו, אפשר וואָלסטו מיך פער׳מסר׳ט?

סאָניא.

ס׳איז פאָלשטענדיג גערעכטפערטיגט אין צייט פון קריעג.

איוואַן.

זיינע אויגען צינדען זיך אָן, זיין געזיכט ווערט רויט.

טוידט דיין געוויסען אויך! ס׳איז דיר ניט גענוג, וואָס זייערע קערפערס דאָרטען ווערען געטוידטעט, צוקאַליעטשעט?

סאָניא.

איוואַן, בעהאַלט דיין פילאָזאָפיע פאַר זיך. דו ציהסט שוין די אויפמערקזאַמקייט פון די בעאַמטע. נו, מיר וועט זאָגאַר ניט וועה טהאָן, ווען עטוואָס וועט פּאַסירען.

אנא.

אך, וואָס קען מען פון דיר פערלאַנגען? דו ביזט דאָך אזוי פער׳שיכור׳ט, אז צו דיין אייגענעם מאַן פיהלסטו ניט קיין רחמנות.

סאָניא.

שפּרינגט אויף, מיט פלאַמענדע אויגען.

ניט דיין זאַך! איך וויים, וואָס איך האָב צו טהאָן. איך זאָג אייך, אז גיכער וואָלט איך געזעהן מיין מאַן פערקריפּעלט פאַר זיין פאַטערלאַנד, איידער זיך אַליין מאַכען פאַר אַ קאַליקע.

אנאַ און איוואַן שפּרונגען אויף, ווי געביסען פון עפּעס, און פאַר אַ סעקונדע קוקען זיך די דריי אָן מיט האַס.

אנא.

אַליין געמאַכט! אַליין! ווי קענסטו דאָס וואָגען? ווייסטו דען ניט, אז איוואַן האָט ריזיקירט מיט זיין לעבען, אום אַרויסצוראַטעווען אַ קינד פון׳ם ברענענדיגען הויז? אויב ער וועט פערבלייבען אַ קריפּעל, וועט ער וועניגסטענס האָבען דאָס בעוואוסטזיין, אז ער האָט געראַטעוועט אַ לעבען. אָבער דו מיט דיינע העלדישקייטען, דיין פוסטען שטאָלץ, דיינע קריפּעלס, ווי אזוי ווערען זיי געמאַכט?

פעטער קומט אריין פון גאס. ער איז שרעקליך צוטראָגען, קוקט זיך אום, וויל עפּעס זאָג׳ן, אָבער ער קען ניט.

איוואַן.

וואָס איז געשעהן, פּעטער ?

פּעטער.

גאָר ניט. נו, וואָס קוקט איהר מיך אַלע אזוי אָן ? סאָניא, סאָניא, דו ווייסט ? —

אנא.

פיעל־בעדייטענד.

פּעטער !

פּעטער.

אָ, יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען ? יאָ, איך מיין, דו ווייסט עפּעס נייעס ?

יאָ, אודאי ווייס איך. מיר זיינען די זיעגער איבעראַל.

פּעטער.

ניין, ניין, ניט דאָס. איך מיין פון אַלעקסאַנדער׳ן.

סאָניא.

אַלעקסאַנדער׳ן ? ניין, פון איהם האָב איך גאָר ניט געהערט, אָבער איך בין זיכער, דאָס ער איז געזונד און טהוט זיין פליכט. איך בין זיכער.

פּעטער.

זיכער, זיכער, ווי אזוי ?

סאָניא.

אַך, פּאָטער, ווארום זאָלט איהר זיך אזוי ערגערן ? ווען עטוואָס וואָלט פּאסירט, וואָלט מען אונז דאָך גלייך געלאָזט וויסען.

פּעטער הוסט, ווישט זיך דעם שווייס. אנא וויל עפּעס זאָגען, ווען די גאַס־טהיר עפענט זיך. עס לויפט אריין מאשא. זי איז זעכצעהן יאָהר אַלט.

מאשא.

אָ, מאַמע, מאַמענקאַ! האָסט בעדאַרפט זעהן!

אנא.

דערשראָקען.

וואו האָסטו איבערגעלאָזען די קינדער?

מאשא.

אין סאָד, מיט דער אַלטער אוודאָטיע און איך בין געלאָפען צום וואקזאַל. אַלע שלאָפען. די באַהנען קומען אָן פון דער מלחמה מיט אַזוי פיעל פערוואונדעטע, מען לאָזט די וואַגאָנען זאָגאַר ניט אויסלופטערען פון די קראַנקע. מען פּאַקט זיי גלייך מיט פרישע, געזונדע, צוריקצושיקען צו דער מלחמה. אַך, וואָס פאַר אַ שרעק־ליכעס בילד! די טרעהרען ביים געזעגענען זיך, דער עלענד פון די אומגעקומענע. איהר הערט, מיר שטעהען אזוי, מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַ געשריי. מיר קוקען זיך אום, ערשט אַ יונגער סאָלדאַט לויפט נאָך אַ נאָסילקע און שרייט: „מיין ברודער, מיין ברודער!" ער איז צו איהם צוגעפאַלען — אַך, איך קען דאָס אייך ניט איבערגעבען. אַ בלינדען האָבען זיי איהם אָבגעשיקט אַהיים.ביידע אויגען אויסגעשאָסען.

זי ווישט זיך די טרעהען. אַ שוידער לויפט דורך אַלעמען.

שטעלט אייך פאָר ווי דער אָרימער האָט געפיהלט. ער מוז געהן צום זעלבען פּלאַץ, וואו זיין עלטערער ברודער האָט זיינע אויגען פערלאָרען...

איוואַן.

געה ניט, מאשא, צום וואָקזאַל. צו וואָס?

פעטער.

פיבעריש.

לאָז איהר, איוואַן, לאָז איהר. זאָל זי האָבען צו דערצעהלען איהרע קינדער, וואָס מיר לעבען דאָ איבער. און זי אַליין, קען זיין, זעהט זיך מיט די יונגע מענשען צום לעצטען מאָל. אזעלכע בליה־ענדע, יונגע מיידלעך, וואָס בלייבט פאַר זיי איבער? קאַליקעס, משוגעים.

לאכט היסטעריש.

א, איך האָב גאָר פערגעסען אָז די אַלטע, איך און נאָך אזעלכע העלדען, ווי איך. אָרימע מיידלאך!

סאָניא.

אָ, פּעטער, הערט אויף, איך בעט אייך.

אנא.

מאַשא, מעהר זאָלסטו צום וואָקזאל ניט געהן, דו הערסט?

מאַשא.

אָבער מאָרגען מוז איך.

איוואָן.

ניין, ניט מאָרגען און ניט איבערמאָרגען.

פּויזע.

מאַשאַ'ס אויגען זיינען אָנגעפילט מיט טרעהרען, זזי קערט זיך שנעל אָב.

סאָניא.

דאָס איז דאָך אַן אידיאָטסווע! וואָס האָט איהר מורא? מ'וועט איהר דאָך אין דער מלחמה ניט שיקען!

אנא.

עס איז צו שרעקליך אָנצוקוקען אזעלכע בילדער, איבערהויפּט פאר קינדער.

מאשא.

אָבער מאָרגען, מאמענקא, בלויז מאָרגען און מעהר ניט.

איוואָן.

וואָס עפּעס גראָדע מאָרגען?

מאשא.

רויט ווערענדיג, שטאַמעלט.

מאָרגען... כ'מיין, מאָרגען שיקט מען אוועק מאקס'ען. איהר ווייסט דאָך, אנא'ס ברודער, און ער האָט מיך געבעטען, ניין,

גיין, זי, אנא, מיין איך. איך מוז זיך זעגענען, איך — אך, לאָזט מיך אָב.

זי לויפט אַרויס פערשעהמט און געקרענקט. אַ געדריקטע שטימונג.

אנא.

ס'איז טרויעריג. אך, איהר פריהלינג ענדיגט זיך, נאָך איידער ער האָט זיך אָנגעפאנגען.

פעטער.

וועהרענדיג אַלץ מעהר און מעהר אויפגערעגט.

די מלחמה שניידט יונגע לעבענס דאָ אין דער היים, פונקט ווי דאָרט אויפ'ן שלאַכטפעלד. אך, מיין זוהן, מיין זוהן!

זיך ווענדענדיג צו סאָניאַ'ן.

סאָניא, גנה, גנה. איך מיין, איך האָב דיר פערגעסען צו זאָגען, א בריעף איז אָנגעקומען צו די איוואַנאָווס פון זייער זוהן. דו הערסט? גנה שנעל. ער איז דאָך אין איין פּאָלק מיט אַלעקסאנדער'ן.

סאָניא.

שטעלט זיך האַסטיג אויף.

און דאָס זאָגסטו מיר ערשט איצט?

איוואַן.

זי נעהמט ארויס א שאַכטעל פון קאָמאָד.

וואַרט, איך גנה מיט דיר.
ניט נויטיג.

שנעל אָב.

פעטער.

פיבעריש.

אנא, איוואַן! עס איז געשעהן!

אנא.

גאָט מיינער! פעטער, וואָס האָט פּאַסירט?

איוואַן.

באַלד, ווי איהר זענט אין שטוב אריין, האָב איך פערשטאַנען אַז עטוואָס האָט פּאַסירט. איהר זעהט אויס שרעקליך.

פּעטער.

איך האָב ערשט ערהאַלטען אַ טעלעגראַמע.

אנאַ.

פון אַלעקסאַנדער'ן?

ער נעהמט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ קאָנווערט. זיינע הענד ציטערען.

פון האָספּיטאַל.

איך האָב פריהער ניט געוואָלט רעדען. איך האָב סאָניאַ'ן זאַבּזיכטליך אַוועקגעשיקט.

אנאַ.

מיט פערבראָכענע הענד.

טוידט? ער איז טוידט?

פּעטער.

ערגער ווי טוידט. גאָט מיינער, ווי שרעקליך!

ער וויל אַרויס נעהמען די טעלעגראַמע, אָבער ער קען ניט. די הענד ציטערען איהם.

אנאַ.

אין דער גרעסטער אויפרעגונג רייסט ביי איהם אַרויס דעם קאָנווערט, נעהמט אַרויס די טעלעגראַמע, ווערט פלוצלינג בלאַס, קעהרט אַוועק דעם קאָפּ, דערלאַנגט די טעלעגראַמע צו איוואַנ'ען. איוואַן נעהמט און לעזט פאַר זיך.

אנאַ.

ציטערענדיג.

איוואַן, לעז.

איוואַן.

לעזט הויך.

ערוואַרטעט אַווער זוהן היינט. אום צו רעטען זיין לעבען, איז גע־

ווען נויטיג ארונטערצונעהמען זיינעביידע פיס. איצט פיהלט ער שוין בעסער און קען פאָהרען.

איוואנ׳ס בלאסע געזיכט ווערט נאָך בלאַסער. ער לעגט אריין די טעלעגראַמע צו זיך אין קעשענע. אַנאַ לאָזט זיך אראָב אויף דער קניה לעבען אַ דערביי־שטעהענדיגען שטוהל. פעטער ווישט זיך דעם שווייס, זיין קליינער אויסגעבויגענער קערפער ווערט נאָך קלענער.

איוואַן.

ביידע פיס! אך, ווי שרעקליך!

פעטער.

גאָט, דערבארם דיך, גאָט, דערבארם דיך.

איוואַן.

מיט וויינען און גאָט בעטען קענען מיר איהם זיינע פיס צוריק ניט געבען. לאָמיר זיך בערעכענען, וואָס מיר האָבען צו טהאָן.

אנא.

זיך אויפשטעלענדיג.

די ערשטע זאך מוזען מיר סאָניא׳ן פאָרבערייטען. אָרימע סאָניא!

פעטער.

איהר מוזט עס איהר געוויס זאָגען.

פעטער קוקט זי אָן, אַזוי ווי ניט פערשטעהענדיג, וואָס זי רעדט. פלוצלונג צואוויינט ער זיך, ווי אַ קליין קינד.

איוואַן.

פעטער, פעטער, מיר מוזען זיין שטארק, קומט, לאָמיר געהן צום וואָקזאל.

אנא.

און טאָמער קומט סאָניא? ניין, ניין, איך וויל יעצט מיט איהר אליין ניט בלייבען.

די טהיר עפענט זיך. צוויי אַלטע לייט טראָגען אַריין אַלעקסאַנדער׳ן אויף אַ נאָסילקע. זיי בלייבען שטעהן ביי דער טהיר. אַלעקסאַנדער הויבט עטוואס אויף דעם קאָפּ, שמייכעלט רחמנות׳דיג, זיין געזיכט

דריקט אויס אַ שאַרפען וועהטאָג. אלע בלייבען ווי פערשטיינערט. פויזע.

אנאַ.

ווי זיך אויפכאַפּענדיג פון שלאָף.

אַלעקסאַנדער ! ביזט אהיים געקומען ? דו לעבסט ?

אלעקסאַנדער.

מיט אַ ביטערען שמייכעל.

איך לעב...

פעטער ווישט אָב דעם שווייס פון זיין פּנים, הוסט, פלוצלונג לאָזט ער זיך אַראָב אויף דער קניה, צלמ'ט זיך און פערזינקט אין אַ שטילע געבעט. איוואַן וויל עפּעס זאָגען און געפינט ניט קיין ווערטער. אַנאַ שטעהט לעבען אַלעקסאַנדער'ן, גלעט איהם די האָר.

ערשטער אַלטער.

נו, וואס האַלט איהר אונז דאָ ? דאָרט זיינען אזוי פיעל פערוואונדעטע היינט געקומען, מען דאַרף זיי אהיים טראָגען. דאָס איז איצט די איינציגע ארבייט, ביי וועלכע מען קען עפּעס פערדיענען.

צווייטער אַלטער.

ס'איז איצט אזוי ווי שניט-צייט, מ'מוז זיך צואיילען.

אנאַ.

פערציטערט.

שניט-צייט... שניט-צייט...

איוואַן.

לאָמיר נעהמען אַלעקסאַנדער'ן אין זיין צימער, אין זיין בעט.

אלעקסאַנדער.

ניין, ניין, ניט אין בעט, גענוג געלעגען אין בעט. דאָ מיט אייך אַלע וועל איך זיין.

זיך אומקוקענדיג.

און וואו איז מיין זוהן ? סאָניא ?

אנא.

זיי וועלען באלד קומען. פעטער, שנעל, העלף מיר! סאניא טאר איהם אזוי ניט זעהן. מיר וועלען איהם אט דא אין גרויסען שטוהל אריינזעצען.

פעטער הויבט זיך אויף, געהט צו צו זיין זוהן, קושט איהם, זיין קול איז יעצט קלאר און שטארק.

מיין זוהן! מיין זוהן! גאט האט דיך צוריקגעגעבען צו מיר.

אלעקסאנדער.

פאטער, מיין פאטער!

פויזע. אנא מאכט א שטומע בעמערקונג צו פעטער'ן. זיי נעהמען דעם קראנקען מיט'ן צודעק, זעצען איהם פארזיכטיג אריין אין פאטער'ס שטוהל. אנא סטארעט זיך צו ארגאנזשירען דעם צודעק, אזוי, אז עס זאל ניט קענטיג זיין דאס די פיס פעהלען.

אנא.

אט אזוי. איז דיר בעקוועם?

פעטער גיט די צוויי אלטע קליינגעלד, זיי פערנויגען זיך טיעף, געהן אב. אלעקסאנדער זיפצט, קוקט זיך אום גלייכגילטיג. אלע שווייגען, א געדריקטע שטימונג.

אלעקסאנדער.

און וואו איז איליא? פאר וואס זעה איך איהם ניט?

אנא.

ער וועט באלד קומען. זארג ניט.

אלעקסאנדער.

מיט א שוואכען שמייכעל.

ווער האט דאס צייט צו זארגען? ארבייטען מוז מען אהן אן אויפהער, אהן רוה. א, מ'איז געזונד, ווי פערד. דו קענסט דארט זעהן איינעם געזונד, גרויס, שטארק, ארבייט אהן רעכענונג, טאג און נאכט, און פלוצלונג, דו קוקסט זיך אום — ער איז שוין ני־טא... ליגט אין א טייך בלוט אויסגעצויגען. ניין, ניין, א צו־זאמענגעדרעהטער... קליין איז ער שוין איצט... און אט, אט, איהר

הערט דאָס זשומען... אָט, אָט, באַלד, און איך בין שוין אויך לע־
בען איהם...

אַלע שווידערן אויף. קורצע פויזע. אַלעקסאַנדער קוקט מיט אַ
שטאַרקען בליק אויף איין פונקט.

הרג'ע, שים, שטעך... איידער דו פאַלסט אַליין... קיין רחמנות,
קיינע זאָרגען... טהו דיין ארבייט, פערניכט אַלעס...

ער בענעצט זיינע ליפען.

גיב מיר אַ טרונק.

אנא.

אָט געה איך שוין און מאַך דיר טהעע. איך וויים דאָך, וועלכע
טהעע דו האָסט ליעב.

זי געהט שנעל אָב רעכטס. אַלעקסאַנדער, ווערענדיג אַלץ מעהר און
מעהר נערוועז, זוכט אין זיינע קעשענעס, נעהמט אַרוים אַ פלאַכע
פלעשעל, עקזאַמינירט זי פון אַלע זייטען. זיין געזיכט בעקומט
אַ רחמנות'דיגען, הילפלאָזען אויסדרוק, ווען ער געפינט דאָס פלע־
שעל לעדיג. איוואַן און פעטער בעטראַכטען איהם אויפמערקזאַם.
אַלעקסאַנדער בעמערקט זיי, לאַכט הייזעריג.

אַלעקסאַנדער.

נו, וואָס ווילט איהר? מ'קען דאָך פון זינען אראָב אָהן דעם.

פעטער.

אָבער, מיין זוהן, ווי איז דאָס מעגליך? מען האָט דאָך פערבאָטען,
וואו האָסטו עס געקראָגען?

אַלעקסאַנדער.

מ'קריגט פאַר געלד אַלעס. דאָס גאַנצע געלד האָב איך זיי אוועק־
געגעבען, וויפיעל דו האָסט מיר געשיקט.

פעטער.

גאָט מיינער! דו האָסט דאָך קיינמאָל ניט געטרונקען?

אַלעקסאַנדער.

דערלאַנגט דאָס פלעשעל צו זיין פאָטער.

אך, פאָטער, קריעג א ביסעל פאַר מיר, כאָטש א קליין ביסעלע.

האָב רחמנות. איך וועל עס ניט אַריבערטראָגען. דאָס גאַנצע שווידערליכע בילד קומט צוריק צו מיר. איך פיהל, ווי מען רייסט פון מיר שטיקער, אָ, האָב רחמנות!

פעטער.

אָבער מ'קען ניט קריגען, ס'איז אונמעגליך.

איוואַן.

נעהמענדיג פעטער'ן אָן אַ זייט.

אין אפטייק וועסטו דאָס קריגען. זאָג זיי פאר וועמען, געה דורך דער הינטער־טיר.

פעטער נעהמט דאָס פלעשעל. זיין האַנד ציטערט. ער געהט אָב שטיל מיט אַן אַראָבגעלאָזט'ען קאָפּ. אַלעקסאַנדער בלייבט זיצען פערמאַטערט, פערמאַכט די אויגען, אָטהעמט שווער. עס הערען זיך טריט לעבען דער גאַס־טהיר. איוואן געהט אַרויס אויף די שפּיץ פינגער. פויזע. ס'דערהערט זיך אַ שטילער געשפּרעך פון יענער זייט טהיר. באַלד קומען אַריין סאָניא און איוואַן. איוואַן האַלט סאָניא'ס האַנד, רעדט צו איהר גאַנץ שטיל. אַלעקסאַנדער זיצט מיט דעם קאָפּ פערוואָרפען, מיט געשלאָסענע אויגען, ווי פערזונקען אין אַן אונרוהיגען שלאָף. סאָניא קוקט אָן דעם קראַנ־קען מיט אַ פערכאַפּטען אָטהעם. אַלעקסאַנדער עפענט די אויגען, קוקט זיך פערעמד אום. זיינע טרוקענע ליפּען בעוועגען זיך אָהן ווערטער.

אלעקסאַנדער.

פאָטער! פאָטער! וואו ביזטו?

איוואַן.

זיך איבערבויגענדיג צו איהם.

דער פאָטער וועט עס דיר באַלד ברענגען, זיי רוהיג. זעה, אַלעק־סאַנדער, דאָס איז דאָך סאָניאַ.

אלעקסאַנדער.

סאָניא! סאָניאַ!

סאָניא לויפט צו צו איהם. פּלוצלינג לאָזט ער אַרויס אַ היסטערי־שען געשריי.

פאַרזיכטיג, דו הערסט? דאָס איז זי... אַך, ווי עס רייסט, ווי עס זשומעט... אונזער זוהן, אונזער זוהן בעהאַלט! לאָז איהם ניט!...

סאָניא מיט אייזערנע זעלבסט־בעהערשונג, קושט איהר מאַן, לאָזט זיך אַראָב אויף דער קניה און רעדט מיט אַ קלאָרער רוהיגער שטימע.

מיין מאַן! מיין העלד!

אנא קומט אַריין מיט אַ זידענדען סאַמאָוואַר, שטעלט איהם אויפ׳ן טיש.

איוואַן.

לאָז אָב מיט דיין טהעע איצט.

אלעקסאַנדער.

ווי איהם ערשט בעמערקענדיג.

איוואַן, דיין האַנד? דו אויך? ווען ביזטו אַהיים געקומען?

סאָניאַ, אויף וועמענס געזיכט אַ שטיינערנע רוהיגקייט איז צו מערקען, ווערט מיט אַמאָל דורכגענומען מיט אַ פונק פון טריאומף.

איוואַן איז ניט געווען אַזוי גליקליך. ער האָט זיין בלוט ניט פער־גאָסען פאַר זיין פאַטערלאַנד.

אנא.

מיט אַ טרויעריגען שמייכעל.

ניט קיין מלחמה־העלד.

פּעטער קומט אַריין. אַלעקסאַנדער, איהם דערזעהענדיג, גיט זיך אַ כאַפּט ווי פון אַ שלאָף.

אָה!

סאָניא.

אַלעקסאַנדער, טהייערער, וואָס איז מיט דיר? בערוהיג דיך.

אלעקסאנדער.

פאטער!

זי גראַב אַבשטויסענדיג פון זיך.

ער שטרעקט אוים צו איהם ביידע הענד. פעטער נעהמט אַרוים פון בוזעם קעשענע דאָס פלעשעל, האַלב פול, און גיט דאָס איהם. אַלעק־סאַנדער כאַפּט דאָס אָן מיט פרייד און מיט איין אָטהעם־צוג טרינקט ער אוים אין גאַנצען. סאָניא קוקט איהם אָן מיט שרעק. ער בע־האַלט דאָס לעדיגע פלעשעל אין בוזעם־קעשענע. בעמערקט סאָניא׳ן.

נו, וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן? מיינע ביידע פיס האָבען זיי מיר אָבגעריסען. וואָס ווילסטו? איך מוז דאָך, איך מוז פערגעסען. אַך, מיינע פיס. מיינע פיס!

סאָניא.

וואָס? וואָס זאָגסטו?!

אלעקסאַנדער.

וועסט שוין מיט דיין מאַן אין ערגעץ ניט קענען געהן... נו, וואָס קוקסטו מיך אָן אזוי צושראָקען? איך בין דאָך איצט א העלד. כאַ־כאַ־כאַ! א מלחמה־העלד אָהן פיס, און איצט דאנקט גאָט, דאַנקט איהם, וואָס ער האָט מיך געלאָזט לעבען.

סאָניא לאָזט זיך אַרונטער אויף אַ דערבייאיגען שטוהל, בלייבט זי־צען בעווּעגלאָז. איהר געזיכט צוקט קאָנוואולסיוו. זי קוקט אויף איהר מאַן מיט שרעק און רחמנות. און פון דעם מאָמענט ביז דער פאָרהאַנג פאַלט, בלייבט זי זיצען, ניט רעדענדיג קיין וואָרט. אָבער איהרע אויגען דריקען אוים א ים פון פערצווייפלונג. איי־ניגע סעקונדען הערשט אין צימער אַ טוידטע שטילקייט. מען קען בלויז הערען דאָס שווערע אָטהעמען פון דעם קראַנקען.. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ קינדערשער קול פון גאַס: פּאַפּאַ! פּאַפּאַטשקאַ! באַלד בעוויַיזט זיך איליא אין פענסטער, ער קוקט זיך אום.

איליא.

איז עס אמת? מיין פּאַפּאַ איז געקומען צופאָהרען? אין שוהלע האָט מען מיר אָנגעזאָגט די נייעס.

ער שפּרונגט אריין דורכ'ן פענסטער אין צימער. ער איז זיבעצעהן יאָהר אַלט, טראָגט אַ שוהל־יוניפאָרם, וואַרפט זיין היטעל אין דער לופט.

הורראה!

בעמערקט מיט אַמאָל די געדריקטע שטימונג פון די אַנוועזענדע, קוקט זיך אום, דערזעהט דעם פאָטער, פאַלט צו צו איהם מיט אַן אויסגעשריי:

פּאַפּאַ!

פויזע. ער קוקט אַן זיין פאָטער מיט רחמנות.

אַך, ווי דו זעהסט אוים!

ער קושט איהם צערטליך.

ביזטו פערוואונדעט?

אַלעקסאַנדער, אַזוי ווי קומענדיג צו זיין בעוואוסטזיין, לעגט אַרויף ביידע הענד אויף זיין זוהנ'ס קאָפּ, בויגט זיך איבער, קושט איהם צערטליך.

איליא.

ביזט שטארק פערוואונדעט, פּאַפּאַ? וואו, וואו ביזטו פערוואונ־דעט?

אַלעקסאנדער קוקט הילפלאָז זיך אום, זיין בליק שטעלט זיך אָב מיט געבעט אויף זיין פאָטער.

פעטער.

צו איליא'ן

אַך, זוהן מיינער, פרעג ניט. דאנק בעסער גאָט, וואָס מיר זעהען איהם כאָטש אַ לעבעדיגען.

איליא.

מיט טרעהרען.

טהייערער פּאַפּאַ!

קושט זיין פאָטער'ס האַנד.

אַלע, אַלע, וואָס קומען אהיים, זיינען פערוואונדעט, צוקאַליע־

טשעט — א שרעק! אָבער איך האָב אזוי געהאָפט, איך ווייס ניט פאר וואָס, אָבער געהאָפט האָב איך, אז די מלחמה וועט זיך גיך ענדיגען, און דו וועסט אהיים קומען א העלד, געזונד, שטארק, און —

אלעקסאנדער.

קינדערשע פאנטאזיעס! קינד, אזוי לאנג, ווי דו קענסט נאָך עטוואס נוצען ברענגען, לאָזט מען דיך ניט אָב. מ'האלט דיך אזוי לאנג, ווי דו קענסט נור שטעהן אויף די פיס, און דאן, דאן...

איליא.

מיט יוגענדליכען פייער.

אך, זאָרג ניט, טהייערער פאפא! וועסט גיך געזונד ווערען, און איך וועל דיך אזוי אָבהיטען. אָ, די צייט איז זעהר גינסטיג, דער פריהלינג איז שוין דאָ, די זון שיינט אזוי ווארים. יעדען טאָג וועל איך מיט דיר אין וואלד געהן. געדענקסטו דעם וואלד, וואו דו פלעגסט מיך נעהמען פאר־א־יאָהרען זומער? אך, איך בין דאן אזוי קראנק געווען. געדענקסט? פלעגסט לאכען פון מיר, ווייל איך האָב דיך ניט געקענט כאפען ווען דו פלעגסט זיך מיט מיר ארומשפיעלען. איך בין דאן געוועזן שוואך, ווי א קינד, געדענקסט? אָבער היינט בין איך געזונד, שטארק, אך, ווי שטארק! אויף די הענד קען איך דיך טראָגען. וועסט זעהן, ווי גיך דו וועסט גע־זונד ווערען. און דער פריהלינג וועט מיר צוהעלפען, און —

אלעקסאנדער.

טרויעריג.

אך, זוהן מיינער! פאר מיר קען שוין קיין פריהלינג מעהר ניט זיין.

איליא.

אך, ניין פאפא! רעד ניט אזוי. דער פריהלינג איז פאר אלע־מען. ווען די זון שיינט, ווארעמט זי אלעמען גלייך. קום צום פענסטער און זעה ווי אלעס גרינט שוין. יונגע גראָז שפּראָצט

איבעראַל. קום, קום, עס איז פיעל בעסער, ווי אויף איין אָרט צו בלייבען.

פעטער.

ניין, ניין, איליא. פאַפאַ איז צו שוואך, לאָז אָב.

איליא.

איך וויס, זיידעניו, איך וויס, ער איז שוואך. אָבער דערפאר בין איך שטאַרק, און איך קען איהם העלפען.

אלעקסאַנדער.

מיט ביטערער פערצווייפלונג.

זיי וועלען דיך אוועקנעהמען פון מיר, זיי, זיי מוזטו העלפען, ביזט געזונד, שטאַרק, אודאי. אָבער פאר וועמען וועט דיין יונגער קערפער אויסגעניצט ווערען? שפייז פאר די קאַנאָנען. און אויב עפּעס פון דיר וועט איבערבלייבען, וועט מען דיך אָבוואַרפען אָן א זייט, צוזאַמען מיט אַלע איבערגעבליבענע.

ווילד.

ניין, ניין. איך וועל ניט לאָזען! איך וועל דיך מיט מיינע אייגענע הענד דערשטיקען, דערווערגען, איידער צו זעהן דיך אוועקגעהן אהין, דאָרט, צום ווילדען, שטורמדיגען ים פון בלוט. אָ, מיין זוהן!

ער צואווײנט זיך. ראָזא און איהר מאַן קומען צו צום פענסטער. ער איז שרעקליך מאָגער, זיין קאָפּ איז פארבאַנדאַזשירט. ווילד דערשראָקענע אויגען, וועלכע זיינען אימער אָנגעשטעלט אין איין ריכטונג.

ראָזא.

איך האָב אייך בלויז געוואָלט זאָגען, אז איך האָב איהם געפונען ביי טהאָמאַס'ען אויפ'ן בוידעם — געלעגען בעהאַלטען אונטער א בארג שטרוי.

אלעקסאַנדער.

בארסען! דאָס איז דאָך בארסען! וואָס איז מיט איהם געשעהן?

פעטער.

פרעג בעסער ניט. ער וועט סיי ווי סיי ניט ענטפערען. געה, ראָזא, נעהם דיין מאַן אהיים. גיב אַכטונג אויף איהם, געה, מיין קינד, געה.

ראָזא און איהר מאַן פערשווינדען רעכטס. פון ווייטען הערט זיך דאָס געוויין פון פרויען, אויסגעמישט מיט מענער־שטימען, וואָס שרייען און שילטען. די שטימען קומען אַלץ נעהנטער און נעהנ־טער. אלע אין צימער קוקען מיט שרעק און פערכאַפּטע אָטהעמען. פעטער מאַכט צו דאָס פענסטער.

דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

ע נ ד ע.

דער קריטיקער

פון

דזשעין ראוז

דער מאָטיף טיילוויז. ענטנומען פון אַלפרעד סוטרא.

COPYRIGHT BY
JANE ROSE
New York, 1918
All rights Reserved

פ ע ר ז אָ נ ע ן.

דער קריטיקער.
די פרוי.
דער שרייבער.

די האנדלונג קומט פאָר אין דעם קריטיקער'ס הויז, אבענד־צייט. א שעהן מעבלירט צימער. נים רייך, אָבער עס מערקט זיך אָ גוטער געשמאק. די ווייסע גארדינען, די פרישע בלומען און די פערשיעדענע אַנדערע קלייניגקייטען דערצעהלען פון א זאָרגפעלטיגער פרוי'ס האַנד, וואָס מאַכט דאס הויז אויסזעהן בעקוועם און היימליך.

דער שרייבער, א הויכער, מיט טונקעל־ברוינע האָר, א שעהן, עטוואס לענגליך געזיכט, מיט קליינע, אָבער אויסדרוקספולע אויגען, וועלכע קוקען טראַציג אַרוים פון אונטער דעם הויכען שטערען, שטעהט ביי א קליין טישעל, אויף וועלכען עס ליגען מאַגאַזינען. ער בלעטערט איין זשורנאַל נאָכ'ן צווייטען, רויבערט נערוועז.

די פרוי, דרייסיג יאָהר אַלט, א סימפּאַטישע געזיכט, עטוואס קאָקעטיש, טראָגט אַ ליכט ווייסע זומער־קלייד, וואָס פּאַסט איהר זעהר גוט. זי זיצט אויפ'ן סאָפע, האַלט א קליין קעצעלע אויף די קניה, גלעט און צערטעלט עס.

די פרוי.
קוטיקעל, טהייערער, איינציגער פריינד מיינער, האסט מיך אמת ליעב. דו וועסט מיך קיינמאל ניט פערגעסען. דו פערשטעהסט מיך בעסער, ווי אט די אלע שלעכטע מענשען.
שרייבער.
גיט א ווארף דעם זשורנאל.
ווען א פרוי צערטעלט א בעסטיע, פערלירט זי איהר נאטירליכען רייץ. עס עקעלט מיך פון אזא קאצען־ליעבע.
פרוי.
ניט ערגערענדיג זיך.
קוטיקעל, געה און דראפע איהם אויס די אויגען.
זי טהוט א ווארף דאס קעצעלע אויפ'ן שרייבער. עס בלייבט הענגען אויף זיין ברוסט. ער ווארפט עס ארונטער מיט עקעל.
שרייבער.
געה צום טייפעל, בעסטיע!
דאס קעצעל לויפט אוועק צושראקען.
איך האס קעץ, ווי דעם טוידט.
פרוי.
לאכט.
ניין, מיין פריינד, דו האסט זיי ניט, נור דו האסט פשוט מורא פאר זייערע שארפע נעגעל. אך, ווען איך וואלט זיך געקאנט פערוואנדלען אין א קאץ און זיך א ביסעל א שפיעל טהאן מיט דיין גלאטען געזיכט!
שרייבער.
פערוואנדלען דארפט איהר זיך! הם...
פרוי.
נו, געווים, מיר זיינען טהייערע, ליעבינקע, שעהנינקע קעצעלעך...
שרייבער.
איהר פערבלענט אזוי די אויגען, אז מען קען די בעסטיע אין אייך ניט זעהן. אבער פיהלען — פיהלען מיר עס.

פרוי.

און דאָך ווילסטו זיך ווידער לאָזען פערבלענדען.

שרייבער.

דאָס איז עפּעס אַנדערש. אַ געזעצליכע פרוי איז ניט — ניט ניט — ווי זאָל איך עס זאָגען —

פרוי.

זאָג איינפאַך: ניט קיין געליעבטע — און דאָס מוזטו זיך נעהמען אַ ביישפּיעל פון דיין פריינד...

שרייבער.

דיין מאַן איז אַ נאַר, אַ בלינדער נאַר. איך מיט מיין פרוי —

פרוי.

שפּרינגט אויף.

דו רעדסט אַזוי ווי עס וואָלט שוין בעשטימט געוועזן...

שרייבער.

יאָ, יאָ, בעשטימט. איך בין זעקס און דרייסיג יאָהר אַלט, און בין מיעד פון לעבען, וואָס איך פיהר. דו קענסט מיר נאָר פערשכור'ען, אויפרעגען אָדער ניט מעהר. דו הערסט, ניט מעהר! איך בין דאָס מאָל פעסט ענטשלאָסען.

די פרוי געהט צו צו די בלומען, רייסט אָב איינע, זינגט שטיל פון אַ בעקאַנטע אָפּערא. פּלוצלונג צולאַכט זי זיך, וואַרפט אויף איהם די בלום. זי נעהמט אַ זשורנאַל, זעצט זיך אַריין אין אַ פאָטעל, די פיס אונטער זיך. דער שרייבער נעהמט זיין הוט און ראָק, טהוט עס אָן, געהט צום טיר רעכטס, וויל עפענען, בלייבט אָבער שטעהן און וואַרפט אַ זייטיגען בליק אויף דער פרוי, און רעדט אַרויס, ווי מיט געבעט.

אננאַ!

זי ענטפערט ניט. ער טהוט צוריק אויס דעם הוט און ראָק, וואַרפט עס אויף אַ שטוהל, געהט צו און נעהמט פון איהר אַוועק דעם זשורנאַל, נעהמט איהרע ביידע הענד אין זיינע.

— אננאַ, איך וויל, מיר זאָלען בלייבען פריינד.

פרוי.

פריינד?

שרייבער.

ס'איז דיין אייגענע שולד — פון מיינעטוועגען — דו ווייסט איך

האָב שטענדיג געוואָלט, דו זאָלסט זיך גט'ען מיט דיין מאַן. מיר וואָלטען געקאָנט זיין פערהייראַטה און לעבען גליקליך!

פרוי.

פערהייראַטה און גליקליך!

שרייבער.

יא, אויב דו ביזט ניט גליקליך מיט דיין מאַן, מיינט עס נאָך ניט, אַז דו וואָלסט ניט געקאָנט זיין גליקליך מיט מיר.

פרוי.

אַ פערהייראַטער לעבען קען ניט זיין אינטערעסאַנט, מען איז צו־פיעל צוזאַמען, צו אָפּען, צופיעל קען מען זיך, און דאַריבער ווערט עס אַזוי וואָכעדיג — אפשר וואו קינדער — און אפילו דאַן לעבט מען דאָך אויך צוליעב זיי. און דאָס לעבען צווישען מאַן און פרוי ווערט עפּעס אַ מין געשעפט.

שרייבער.

יא, אָבער דאָס אַלעס בערעכטיגט אונז נאָך ניט צו אַ פאַלשען לע־בען. דיין מאַן —

פרוי.

גלויב מיר, אַ מאַן פּראָפּיטירט, ווען זיין ווייב האָט אַ געליעבטען. זי זוכט שטענדיג איהם צופריעדען צו שטעלען, מאַכט איהם גלוי־בען, אַז ער איז דער איינציגער.

זי ציהט איהם צו צו זיך, דריקט איהר געזיכט צו זיינעם.

שרייבער.

ניין, איך קען זיך ניט פערגעבען. איך פיהל זיך אַזוי שולדיג!

פרוי.

שולדיג, שולדיג! ווער קען וויסען, ווער עס איז שולדיג? ווער האָט גאָר אַ רעכט צו אורטיילען? בערנאַרד, וואָרום איז דעם איי־גענעם מאַנ'ס געזיכט ניט אַזוי גלאַט, ווי אַ געליעבטענס? דו ביזט נאָך קיינמאָל ניט געקומען צו מיר בעוואַקסען, אָבגעלאָזט. און איך, אין דיין געגענוואַרט, בין קיינמאָל ניט נאַכלעסיג, צושריי זיך ניט אויף דער דיענסט, דו געפינסט צייט צו דערצעהלען, ווי שעהן מיינע האָר זיינען פערקעמט...

שרייבער.

און דאָך בין איך כמעט זיכער, אַז דו וועסט מיך באַלד פערגעסען. דיין מאַן איז דיר טייער —

פרוי.

ניין, ניין! ער איז מיר בלויז טייער, ווי א קינד, ווי א פאָטער. אָבער דו —

זי דריקט זיך צו איהם און קושט איהם ליידענשאפטליך. אייניגע סעקונדען בלייבען זיי, ווי פערגעסענדיג אָן אַלעס. פלוצלונג שפרינגט ער אויף.

שרייבער.

מיר דאַכט, אַז אימיצער קומט. האָסט ניט געהערט?

פרוי.

דאָס מוז זיין בעקי, אין קיך. איך וועל איהר באַלד אוועקשיקען.

זי געהט צו צום טיר לינקס, עפענט, שטעקט אַריין דעם קאָפּ און רופט.

בעקי! איהר קענט דעם אָבענד פאַר זיך נעהמען. איך דאַרף אייך היינט ניט מעהר. אָך, זייט דאָך פאָרזיכטיג, קלאַפּט ניט אזוי מיט׳ן געשיער. איהר קענט נאָך אויפוועקען מיין מאַן.

שרייבער.

ער שלאָפט נאָך?

פרוי.

יא.

שרייבער.

זיין שלאָף מאַכט מיך נערוועז.

פרוי.

זיין שלאָף איז אַזוי אונשולדיג און זאָרגלאָז ווי א קינד׳ס. מיט א מאַן א קריטיקער איז מען אבסאָלוט זיכער. ער איז שטענדיג פערנומען מיט יענעמ׳ס קורצזיכטיגקייט...

שרייבער.

און ווען גאָט העלפט, אַז דער זעלביגער מאַן האָט נאָך א פרוי, וואָס דאַרף ניט אָנקומען צו זיינע פערדיענסטען, קען מען געוויס שלאָפען רוהיג. יא, וויפיעל היטעלעך האָסטו היינט פערקויפט? וויפיעל מיידלעך אָבגענאַרט?

פרוי.

לאכט.

מיר נאַרען אַלע, גאָר ניט וויסענדיג און ניט פיהלענדיג. אָט, צום

ביישפּיעל, דו. נאָך דיין אויסזעהן און קליידונג, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אז דו ביזט אַ באַנקיער.

שרייבער.

ביטער.

אז גאָט העלפט און אַ גדול פערגלוסט זיך צו מאַכען אַ שפּאַציר אויף יענער וועלט, קענען זיך די שרייבער ערלויבען צו געניסען די וועלט.

פרוי.

וואָס האָט יענע וועלט צו טהאָן מיט דיין נייעם אַנצוג ?

שרייבער.

פּשוט, די רעדאַקטערע מוזען בעשטעלען עקסטרא אַרטיקלען. וואָס פאַרשטעהסטו ניט ?

פרוי.

פון מיינעטוועגען וואָלטען זיי אַלע געמעגט לעבען. מיר געפעלסטו אין אַן אַלטען אַנצוג אויך.

שרייבער.

יא, אָבער זיך, זיך אליין געפעל איך ניט. אָט די שטענדיגע אויסגערעכענטקייט, דאָס אונאויפהערליכע שפּאָרעניש, דאָס שטענדיגע זאָרגען פאַר דירה־געלד, די גמילת־חסדים האָבען מיר שוין דערעסען ביז צום טויט. ניין, איך קען אַזוי ווייטער ניט לע־בען. איך מוז הייראַטען. איך וויל ניט זיין אַבהענגיג פון די רע־דאַקטערע.

פרוי.

דו פאַנגסט שוין ווידער אָן ! אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבען די רעדאַקטערע צו דיין הייראַטען ?

די זעלבע שייכות, וואָס דיין מאַנ'ס קריטיקען האָבען צו דיין הוט־געשעפט.

פרוי.

איך פערשטעה נאָך אַלץ ניט.

שרייבער.

קורץ.

איך הייראַט אַ רייכע מיידעל.

אָ, מאַך זיך ניט נאַריש, בערנאַרד.

שרייבער.

אננא, איינמאָל פאר אַלע מאָל, הער מיך אויס ערענסט. איך זאָג דיר, אז איך וועל קירצליך הייראַטען.

פרוי.

לאכט.

מיט א רייכע מיידעל?

שרייבער.

יא, מיט א רייכע מיידעל.

פרוי.

און דו שעהמסט זיך גאָר ניט?

שרייבער.

שעהמען זיך? ווארום? און אז דו צאָהלסט פאר אַלעס, דארף זיך דיין מאַן שעהמען?

פרוי.

איך? וואָס גלייכסטו זיך צו מיר? איך ארבייט, און, פערגעס ניט, מיר האָבען געהייראַט אויס ליעבע.

שרייבער.

אויס ליעבע! באַלד נאָך דער חתונה האָסטו זיך אריינגעוואָרפען אין מיינע אָרעמס.

פרוי.

אָך, איך לייקען עס ניט. אָבער דו ווייסט גאַנץ גוט, אז דו האָסט מיך ניט אָבגעלאָזט פון דער ערשטער מינוט פון אונזער בעקאַנטשאַפט. ווי א שאָטען ביזטו מיר נאָכגעגאַנגען, און דאָך, בעשולדיג איך ניט קיינעם, ווייל איך בין גליקליך מיט דיר, און אין איהם בעוואונדער איך זיין טאַלאַנט —

שרייבער.

אַז דו וואָלסט געווען א מבין, וואָלסטו דאָך פערשטאַנען, אז ער בעזיצט ניט קיין שום פעהיגקייטען.

פרוי.

ער איז דער קריטיקער פון איינע פון די גרעסטע צייטונגען.

שרייבער.

נו, דאָס איז נאָך אַליין קיין בעוויז, אַז ער האָט טאַלאַנט. ווען ער וואָלט געווען אַן אָרעמער טייפעל ווי מיר אַלע, וואָלט ער קיינמאָל ניט געקאָנט פערבלייבען א קריטיקער.

פרוי.

דאָס איבערטרייבסטו שוין. ער קריעגט בעצאָהלט גוט, ווי איהר אַלע. און זיינע קריטיקען זיינען עהרליכער.

שרייבער.

קריטיקען קענען שוסטער אויך שרייבען.

פרוי.

דו רעדסט מיט אַזאַ האַס וועגען איהם —

שרייבער.

איך האַס? וואָס פעהלט דיר איין? מען רעדט וועגען זיינע קריטי־קען, זאָג איך, אַז ער איז ניט קיין קריטיקער. עס איז דען ניט לע־בערליך, איך שרייב אָן אַ דראַמע, ציטיר זיין אייגענעם לעבען, שטעל איהם פאָר, ווי ער שטעהט און געהט, מיט אַלע זיינע שוואַכ־קייטען, און ער — וואָס טהוט ער? רייסט עס ארונטער, לאַכט זיך אויס. ביי איהם איז עס ניט קיין ליטעראַטור — ס'איז ניט דאָס לעבען — מאַכט דערפון אַ ניט־געפלויגענע, ניט געשטויגענע מעשה. עס איז צו־אַלט, זאָגט ער.

פרוי.

אָט דאָס, וואָס די קריטיק האָט דיך אַרונטערגעריסען, מיט דעם בין איך גראָד צופריעדען. ס'איז פאַראַן גענוג טהעמאַס, האָסטו גע־זאָלט נעהמען עפּעס אַנדערש. —

שרייבער.

דו ביזט דאָך אָבער געווען איינשטימיג, ווען איך האָב דיר דער־צעהלט.

פרוי.

ווייל דו האָסט מיר איינגערעדט, אַז אַזאַ דראַמאַ וועט דיך גרויס מאַכען.

שרייבער.

מיט היץ.

און איך וואָלט געוויס מיין ציעל עררייכט, ווען ניט ער — און אויך דו.

פרוי.

איך?

שרייבער.

יא, איך בין געווען זיכער מיט דיין איינפלוס איבער איהם. —

פרוי.

ניין, דו זאָלסט דאָס פון מיר קיינמאָל ניט ערוואַרטען. איך בין שטאָלץ אויף זיין עהרליכע קריטיק. אָה, פערגעס בעסער, און אין דיין נעכטיגער דראַמע —

שרייבער.

פערגעסען? ווי קען א מענש מיט קאָכיגען בלוט פערגעסען? ער האָט רואינירט מיין קאַריערע, אַלס דראַמאַטורג. מיין נעקסטע דראַמאַ, האָף איך, וועט ווערען אויפגעפיהרט אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטענדען, דאַן וועל איך שוין מעהר ניט זיין אַבהענגיג פון קיינעם.

ער געהט ארום איבער'ן צימער, בלייבט שטעהן ביי א קליין טי־שעל, אויף וועלכען עס ליגען סיגאַרעטס און סיגאַרען. ער נעהמט א סיגאַרעט. די פרוי רייבט אָן א שוועבעלע, דערלאַנגט איהם. ער פעררויכערט און פאַנגט ווידער אָן ארומגעהן.

פרוי.

בערנאַרד, טהו ניט אָב א זאַך, אויף וואָס דו קענסט שפּעטער חרטה האָבען.

זי רעדט ליידענשאַפטליך.

זי, יענע, וועט דיר קיינמאָל ניט געבען וואָס דו פערלאַנגסט, אין וואָס דו נויטיגסט זיך אַזוי. איצט קענסטו עס ניט בעגרייפען, דו פערשטעהסט זיך אַליין ניט. אָבער שפּעטער, בערנאַרד, שפּעטער...

שרייבער.

אַננאַ, איך קען ניט מעהר... עס איז פשוט מיר מיאוס פאַר זיך אַליין. שוין צוויי יאָהר, אַז איך בע'גנב'ע מיין פריינד.

פרוי.

ווען דו וואָלסט מיך ווירקליך געליעבט, וואָלסטו זיך קיין רעכענונג ניט אָבגעגעבען — אפשר בע'גנב'עט ער גאָר דיך?

שרייבער.

א מענש מוז דאָך אָבער אמאָל קומען צו א רעכענונג.

פרוי.

ניין, ניין, איך וויל מעהר ניט הערען. איך האָס רעכענונגען, ווי דעם טוידט, איבערהויפּט פון דיר. פערגעס אָן אַלעמען, בערנאַרד, און מיר וועלען ווידער זיין גליקליך, ווי פריהער.

פויזע.

נײן, אננא. דיר קען איך קײן ליגען ניט זאָגען. דו — דו מוזט װײ־
סען. שוין צװײ מאָנאטען, אז איך בין פערלאָבט.

פרוי.

בלאס, מיט אַ ציטערענדער שטימע.

פערלאָבט? װען? — איך מײן — װער? מיט װעמען?

שרײבער.

פערדרויבערט אַ נײעם פּאַפּיראָס.

װאָס קען דיך אינטערעסירען מיט װעמען? די הױפּט זאַך איז, אז איך װעל קירצליך הײראַטען. עס איז שױן זאָגאר בעשטימט די צײט. און מיר פאָהרען אװעק אױף אַ מאָנאט — נו, װאָס קוקסטו מיך אזױ אָן, אננא?

די פרוי שטעהט די גאַנצע צײט בעװעגלאָז, װי ניט בעגרײפענדיג, װאָס דאָ קומט פאָר.

איהר זײט מאָדנע, זײט איהר, פרויען. איהר מאַכט אונז אימער פיהלען עפּעס װי מיר האַנדלען געגען אײך, װי די ערגסטע מענ־שען, אָדער װי פײגלינגע. שױן ניט אײנמאָל האָב איך געװאָלט מאַ־כען אַ סוף, און אימער האָט מיר אױסגעפּעהלט מוטה.

פרוי.

אָבער — אָבער...

שרײבער.

און איך בין אזױ גוט אָדער אזױ שלעכט, װי אַלע. װעל חתונה האָבען און װעל אפשר װערען גענאַרט װי אַלע. אָבער אזױ לעבען קען איך מעהר ניט. איך בין זעקס און דרײסיג יאָהר אַלט. דו פערשטעהסט, איצט אָדער קײנמאָל ניט.

פרוי.

נו, און איך?

שרײבער.

װאָס דו?

פרוי.

װאָס װעל איך טהאָן?

שרײבער.

דו? דו האָסט אַ הײם, אַ מאַן און — און דו האָסט דאָך ניט גע־דענקט אַז אײביג װעט אזױ אָנהאַלטען.

פרוי.

ווארום ניט?

שרייבער.

ווייל עס איז אונמעגליך, אוננאטירליך.

פויזע.

פרוי.

אוננאטירליך? איך גלויב גאר, אז דו האסט מיך גאנץ נאטירליך אויפגעהערט צו ליעבען.

שרייבער.

אונגעדולדיג.

נו, האב איך דיך אויפגעהערט צו ליעבען!

פרוי.

קוקט איהם אן מיט פייערדיגע אויגען.

נו, וועלען מיר האבען אן אפענעם סקאנדאל! איך וועל אלעם דערצעהלען דיין צוקונפטיגע פרוי.

שרייבער.

דאס וועסטו ניט טהאן — אויף דעם ביזטו צו־קלוג.

פרוי.

נו, וועל איך דאס מאל זיין א נאר.

שרייבער.

ניין, ניין, אננא. נאך אלעמען, וועסטו אימער פערבלייבען די איינ־ציגע, דיך וועל איך קיינמאל ניט קענען פערגעסען! איך בעט דיך, אננא, זיי רוהיג. וועסט זעהן, אט פונקט ווי מיר, א בארג וועט דיר אראב פון געוויסען.

פרוי.

דו רעדסט פון געוויסען, ווען איך פיהל קיין זאך אויסער ליעבע.

שרייבער.

אבער אויב דו ליעבסט מיך, דארפסטו מיר ניט שטערען אין מיינע נייע פערבינדונגען.

פרוי.

ביטער.

אבער ווען די נייע פערבינדונגען שוואכען אפ די אלטע?

שרייבער.

נו, פערפאַלען. איך קען אַנדערש ניט, און דו טאָרסט מיר דעם וועג ניט פערשטעלען.

פרוי.

פלוצלונג.

ס'וואָלט מיך ניט געאַרט, גאָר ניט געאַרט, ווען דו וואָלסט ניט געווען אַזוי פערליעבט אין איהר.

שרייבער.

איך — פערליעבט?

פרוי.

יאָ, יאָ, לייקען עס ניט. איך זעה עס, איך בין זיכער. איך בין דיר איינפאַך מיאוס געוואָרען.

ס'דערהערט זיך דעם קריטיקער'ס שטימע: בעקי, וואו זיינען מיינע פאַנטאָפעל? בעקי!

שרייבער.

מיט אַ כאַפּ.

אָט אַזוי פאַלט ער אימער אומגעלומפּערט אריין. מ'קען פון זינען אראָפּ.

קריטיקער.

עפענט די טיר לינקס, שטעקט אריין דעם קאָפּ.

בעקי, וואו זיינען מיינע פּאַ — אָה, בערנאַרד, ביזט שוין לאַנג דאָ?

ער קומט אריין אָהן שיך און אָהן אַ ראָק. ער איז פערציג יאָהר אַלט, ניט גאַנץ הויך. אַ רונד געזיכט מיט אַ שפּיציג בלאָנד בערדעל, אַ קורצער, רויטער האַלז און גוטמוטהיגע אויגען.

אננאַ, וואָס איז מיט דיר? זעהסט מיר עפּעס אויס ווי אַ נעכטיגע.

זי זיצט בעוועגלאָז, בלאַס.

שרייבער.

עפּעס פיהלט זי ניט גוט. קאָפּ־שמערצען, זאָגט זי.

קריטיקער.

קאָפּ־שמערצען, טאָ וואָרום האָט מען מיך ניט אויפגעוועקט? אפשר שיקען נאָך אַ —

פרוי.

ניין, מ'דאַרף ניט. איך פיהל שוין בעסער. געה טהו זיך אָן. ווי

היים דאָ איז! מאַנכעס מאָל גיבען זיי שוין צופיעל סטים. עפען א פענסטער, זיי אזוי גוט.

ער טהוט עס.

געה, איך בעט דיך, טהו זיך אָן, קענסט נאָך פערשפעטיגען דעם ערשטען אקט.

קריטיקער.

וואָלסט אפשר מיטגעגאנגען, אנטשיק?

פרוי.

ניין, ניין, ניט היינט. איך בין מיעד.

קריטיקער.

און וואו איז בעקי?

אויסגעגאנגען.

קריטיקער.

גראַד היינט, ווען איך דארף אוועקגעהן און דו פיהלסט ניט גוט! וואָס האָסטו מיך געלאָזט אזוי לאנג שלאָפען, הא?

זי געהט צו צום פענסטער, קוקט אַרויס.

קריטיקער.

ניין, איך וועל דיך ניט איבערלאָזען אליין, אננא. אויב דו געהסט ניט מיט מיר, וועט בערנארד מוזען בלייבען.

שרייבער.

איך — איך בין פערנומען, איך מוז געהן. איך האָב ארבייט.

קריטיקער.

קענסט דאָך ארבייטען דאָ. דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל.

שרייבער.

איך זאָג דיר, אז איך קען ניט.

קריטיקער.

זאָג מיר גאָרניט. דו בלייבסט דאָ ביז איך קום צוריק פון טהעאַטער. נו, וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן, אננא? א באַרוועסער העלד, הא?

ער לאכט.

בערנארד מיינט, אז נאָר ער האָט די ריכטיגע פאפיערען. איך וועל זיך אויספוצען וועל איך איהם אין גאנצען פערטונקלען.

לאכט.

אננא, וועלכען אנצוג זאָל איך אָנטהאָן?

פרוי.

וועלכען דו ווילסט, איך מיין דעם שווארצען. יא, דעם שווארצען. היינט איז א פאסענדע געלעגענהייט. ניט אזוי, הערר בערנארד?

קריטיקער.

אך, האב איך א ווייב, זאל מיר זיין אזא יאהר.

אב.

פויזע. זי זיצט בעוועגלאז, ניט ארונטערנעהמענדיג די אויגען פון שרייבער.

שרייבער.

נערוועז און אונרוהיג, רעדט פלוצלונג ארויס.

איך מוז געהן!

פרוי.

צו איהר?

שרייבער.

איך דארף קיינעם קיין רעכענונג ניט אבגעבען!

פרוי.

דו דארפסט יא. דו ביזט מיר מעהר שולדיג ווי איהר.

שרייבער.

צום טייפעל! הער מיך אויף צו מאטערען!

פרוי.

שריי ניט, הער מיך בעסער אויס, איידער ער קומט.

זי קומט צו גאנץ נאהענט צו איהם, רעדט מיט א פעסטער שטימע.

דו מוזט דיינע פלענער אויפגעבען!

שרייבער.

איך מוז?

פרוי.

יא! איך בין פעסט ענטשלאסען. ס'ארט מיך גאנץ וועניג, וואס ס'וועט דערפון ארויסקומען. איך קען מיין שטעדטעל בעשטעהן אהן מיין מאן.

שרייבער.

אננא, ווי קומט דאס צו דיר? איך דערקען דיר גארניט. מיט גוואלד ווילסטו מיך האלטען? דאס איז דאך פשוט א העסליכקייט!

פרוי.

ניט העסליכער ווי דו! ערשט געכטען האסטו מיר דיין גרויסע ליעבע פערזיכערט, ביי מיינע פיס ביזטו געלעגען...

שרייבער.

דאס אליין דארף דיך איבערצייגען, אז איך בין ניט ווערטה, דו זאלסט וועגען מיר א טראכט טהאן. אננא, בערוהיג דיך, געדענק אונזער אלטע שעהנע איבערלעבונגען, אונזערע זיסע —

פרוי.

שפעטער, שפעטער, ווען איך וועל אלט ווערען, דאן וועל איך קענען לעבען מיט דער פערגאנגענהייט. היינט קענען מיך די שעהנסטע עראינערונגען ניט צופריעדען שטעלען.

זי שפרינגט אויף, רייסט זיך די האר.

גאט מיינער, וואס טהוט זיך דא מיט מיר? א טאג איז ניט פאר־איבער אהן דיר. מיר זיינען געווען אזוי גליקליך, און היינט! — צו־וואס האסטו מיר גערארפט ד'רצעהלען? דו ליעבסט מיך ניט מעהר, און דאך האסטו מיך אין דיינע ארעמס געהאלטען, גע־קושט... נור אן אויסוואורף קען פיהרען, אזא דאפעלטען לעבען.

שרייבער.

אט פאר דיעזער אורזאכע וויל איך דאך מאכען א סוף. דו פיהרסט דאס זעלבע לעבען, און דו פיהלסט גארניט. דו מיט דיין מאן, צוויי יאהר, אונטער איין דאך, אין איין צימער, אין איין בעט —

פרוי.

שפרינגט צו איהם צו מיט צוזאמענגעדריקטע פויסטען, לאזט זיי האסטיג ארונטער אויף זיין ברוסט, שרייט.

הונד!

קריטיקער.

קומט אריין אין א שווארצען אנצוג, בלייבט שטעהן פערוואונ־דערט.

שרייבער.

שפרינגט אב פון איהר, ווישט זיך דעם שוויס.

צום טייפעל מיט אלע ווייבער! האסטו געזעהן אן איינפאל!

קריטיקער.

אננא, וואס טהוט זיך היינט מיט דיר?

פרוי.

מיט אַן אָנגעשטרענגטער רוהיגקייט און געצוואונגענעם געלעכטער.

ער זאָגט, אַ זאַ פרוי האָט ניט אַזעלכע געזונטע מוסקלען, ווי אַ מאַן, נו, האָב איך איהם איבערציינט. איך האָב געוואָלט וויסען, אויב ער קען פערטראָגען אַ קלאַפּ פון אַ פרוי.

קריטיקער.

אַן איינפאַל דאָס איז! וואָס מיין פרוי קען זיך פערגלוסטען! גע־מאַכט דיר אַ פּאָר בלויע אויגען, האַ?

פרוי.

ניין, דערווייל נאָך ניט. זאָל ער אָבער נור הייראַטען, וועט ער שוין קריעגען וואָס איהם קומט.

קריטיקער.

הייראַטען — בערנאַרד?!

פרוי.

אַ שעהנער פריינד! וויים אפילו ניט דערפון. ער וויל דאָך דיך מאַכען פאַר אַן אונטערפיהרער!

קריטיקער.

אַזוי, אַזוי בערנאַרד! האָסט סודות פאַר דיין אַלטען פריינד! שעהמען מעגסטו זיך.

ער כאַפּט איהם פאַר ביידע הענד.

מזל טוב דיר! מזל טוב! זעה נור, זעה, ווי דאָס שעהמט זיך, פונ[illegible]ט ווי אַ חדר־אינגעל.

[illegible]וי באַלד אַזוי, וועלען מיר טאַקע טרינקען פאַר דעם געזונד פון דיין צוקונפטיגער. אַנטשיק! דערלאַנג עפּעס צום טיש.

פרוי.

מיט אַ פּיבערהאַפטע לעבעדיגקייט.

צוערשט מוז ער אונז זאָגען, ווער זיין צוקונפטיגע איז. ביזט גאָר ניט נייגעריג?

קריטיקער.

יאַ, אודאי, אָבער איך בין רוהיג, ווייל איך בין זיכער, אַז אין הלכות פרויען קען מען זיך אויף בערנאַרד׳ן פערלאַזען.

פרוי.

פאַר וואָס זאָל ער מורא האָבען אויסצוזאָגען?

שרייבער.

וואָס עפּעס מורא האָבען? איך האָב קיין מורא ניט.

פרוי.

דו הערסט, זיידמאַן, איך דענק, עפּעס א געהיימניס שטעקט דאָ. שוין צוויי מאָנאַטען ווי ער איז פערלאָבט און ערשט היינט האָב איך עס קוים פון איהם אַרויסגעקראָגען.

קריטיקער.

צוויי מאָנאַטען?

פרוי.

אויב מיין פאָרשטעלונגס־קראַפט נארט מיך ניט, בעשטעהט די געהיימניס אין דעם, וואס ערגעץ א ווייב אָדער א געליעבטע איז דאָ אין מיטען.

קריטיקער.

לאכט הארציג.

א ווייב, ווי א ווייב, אָבער א געליעבטע — ווער ווייס? אויף אזא חברה־מאַן איז אַלעס צו גלויבען.

פרוי.

איך דענק, זיידמאַן, עס איז דיין פליכט, אַלס פריינד, אויסצו־פאָרשען די זאַך גרינדליך. עס קען נאָך ארויסקומען א סקאַנדאַל, און דו טאָרסט עס ניט דערלאָזען.

קריטיקער לאכט.

שרייבער.

איך בין גאָרניט אויפגעלעגט דאָ מיט אייך היינט קאָמעדיעס צו שפּיעלען. איך מוז אוועקגעהן, און דו דארפסט דאָך אויך געהן.

קריטיקער.

מיינסט, אז איך בין אזוי נייגעריג צו זעהן די נייע פּיעסע? איך קען ניט דעם אויטאָר? גלויב מיר, אז דיינע נייעס איז מיר פיעל וויכטיגער, און אינטערעסאַנטער אודאי. איך ווייס וואָס מיר ער־ווארטעט אין טהעאַטער. איך קען אָנשרייבען די קריטיק, נאָך איי־דער איך זעה די פּיעסע. די זעלבע אַלטע געשיכטע ווערט זיך אי־בער׳חזר׳ען נאָך אמאָל.

שרייבער.

צופריעדען מיט דער נייער ווענדונג פון געשפּרעך.

אַט אזוי האָסטו דאָך דער׳הרג׳ט מיין פּיעסע אויך. מ׳שרייבט קריטיקען גלאַט אין דער וועלט אריין.

קריטיקער.

נו, וועגען דעם וועלען מיר זיך איצט ניט קריגען. דערצעהל בעסער פון דיין —

שרייבער.

וואָס עפּעס ניט רעדען? עס איז א וויכטיגער פּונקט. און יעדעס מאָל, ווען א נייע פּיעסע ווערט אויפגעפיהרט, דערמאָן איך זיך, ווי דו האָסט מיין דראמא —

קריטיקער.

וועגען דיין דראמא האָב איך מיין מיינונג ארויסגעזאָגט —

שרייבער.

און דו דענקסט, אז אָהן דיין מיינונג וואָלט די גאַנצע וועלט אונטערגעגאַנגען? די קריטיקער מיינען, אז עס איז זייער הייליגסטע פליכט צו לערנען דאָס פּובליקום, ווי צו פערשטעהן.

קריטיקער.

זעה נור, זעה, ווי ער לאָזט ניט דורך קיין געלעגענהייט. זאָגאר היינט, ווען דו קומסט אָנזאָגען אזא שמחה...

שרייבער.

מאַכט זיך ניט הערענדיג.

ווער גיט אייך דאָס רעכט צו דיקטירען יענעמס געשמאַק? פאַרוואָס לאָזט איהר ניט דאָס פאָלק אליין אורטיילען?

קריטיקער.

ווי עס זעהט אויס, וועסטו שוין בלייבען ביי דיין אַלטער שוואַכקייט די גאַנצע קריטיק דארף אונטערגעהן, ווען ס׳קומט צו דיינס א זאַך, אָבער מיר מאַכט ניט אויס, ווער דאָס איז, זאָגאר מיין אייגענער ברודער. איך וועל ארונטעררייסען אַלעס, וואָס האָט, נאָך מיין מיינונג, קיין ווערטה ניט צו לעבען. אדרבא, גיב עפּעס נייעס, ווען ס׳וועט ווי מ׳וועט דיך אויפכאַפּען.

שרייבער.

ס׳איז ניטאָ קיין נייעס.

קריטיקער.

וואָס האָסטו דאָרט געוואָלט ארויסברענגען מיט דער פרוי? דו שטעלסט איהר פאָר, אַלס אזעלכע, וועלכע האָבענדיג א געליעבטען,

האָט אויך איהר איינגענעם מאַן ניט פיינט. נו, גוט, אַ פרוי מיט ווילענס־קראַפט, וואָס פיהלט זיך צו קיינעם ניט פערפליכטעט אוי־סער צו זיך, און ביי זיך איז זי פאָלשטענדיג גערעכטפערטיגט. קורץ, אַן אינטערעסאַנטע פרוי. קומסטו אָבער אין לעצטען אקט, ביי דער סצענע, וואו איהר מאַן דערוויסט זיך איהרע בעציהונגען מיט זיין פריינד, און דו מאַכסט פון איהר אַ גאָרניט, אַ שוועכלינג, ווי אַלע פרויען פון אַ גאַנץ יאָהר. זי פערדרעהט איהר מאַן דעם קאָפּ מיט ניט־געשטויגענעם, ניט־געפלויגענעם ליגען, און דער אי־דיאָט גלויבט איהר. ס'איז אזא רחמנות, ס'ווערט אזוי וואָכעדיג, אז עס ווילט זיך פּשוט אויסשרייען צו דער פרוי: — זיי שטאַרק! קום אַרויס מיט'ן אמת, און נעהם די פאָלגען!

פרוי.

ענערגיש.

דאָס וואָלט דאָך אָבער צובראָכען דאָס לעבען פון אַלעמען!

קריטיקער.

גוט, ווֶעמען אַרט עס? האָסט געהאַט אַ גליקליכען צופאַל, האָסט געהאַט אַ געלעגענהייט אוועקצושטעלען אַ נייע פרוי, מיט נייע שטרעבען, נייע אידעען, טאַ בענוץ זיך דערמיט. די גאַנצע וועלט מעג צו־גרונד געהן, אָבער זי האַלט שטאַרק ביז'ן סוף.

פרוי.

דאַן וואָלט עס ניט געווען רעאַליסטיש. אַזוי איז דאָך דאָס לעבען, קיינער וויל ניט ליידען.

קריטיקער.

נו, גוט, שרייבט. שטעלט אַלעמען צופריעדען. וועניג שמירערס זיינען דאָ אויף אַזעלכע זאַכען? און וועניג טהעמאַס זיינען דאָ אַ חוץ פערפיהרערישע, פאַלשע פרויען. שימעל שמעקט דאָך דערפון.

שרייבער.

דער אונגליק מיט דיר איז, וואָס דו זעהסט יעדען איינעם דורך זיך.

קריטיקער.

ניין, מיין פריינד, ווען איינער האָט אָפענע אויגען, קען ער אויך זעהען יענעמס ליידען. איך — איך —

פרוי.

הייַנט לאָז איך אייך ניט דיסקוטירען וועגען עפּעס אַנדערש, הייַנט

מוז בעשטימט ווערען אַן ענדע צו מאַכען צו דער אַלטער טהעמאַ:
וואָס דאַרף דער מאַן טהאָן מיט זיין פאַלשער פרוי?

קריטיקער.

הינגעריסען.

פון מיינעטוועגען קען זי געהן צום טייפעל!

פרוי.

גוט. און דער פערפיהרער, כ'מיין דער פאַשלער פריינד?

קריטיקער.

ער? מיט איהם? — צו אַל די שווארץ יאָהר!

פרוי.

ניין, דאָס איז ניט גענוג.

קריטיקער.

אָבער וואָס ווילסטו? איז דער מאַן אַן אידיאָט און גיט איהם אַ געלעגענהייט —

פרוי.

אהאַ! דו געהסט שוין אויפ'ן פאַלשען וועג. די פערפיהרטע פרוי.—

קריטיקער.

ניטאָ קיין פערפיהרטע פרויען.

שרייבער.

דאָס זאָג איך דאָך. פערפיהרערינס זיינען דאָ, ניט קיין פערפיהרטע.

קריטיקער.

לאַכט.

דער פאַלשער פריינד איז אַ מאַרטירער וועמען דער מאַן דאַרף צו־דריקען צו זיין אָבגענאַרטען האַרץ.

פרוי.

ניין, ניין, צו אַזאַ ענדע וועל איך ניט דערזאָלען. דו האָסט דאָך אַזוי פיינד קאָמפּראָמיסען. איך פערלאַנג פון דיר אַ גערעכטע שטראָף פאַר'ן פאַלשען פריינד.

קריטיקער.

וואָס ווילסטו פון מיר? צוברעכען איהם די ביינער, ארונטער־וואַרפען פון אַלע טרעפּ? אָט דאָס האָט איהר אַלע ליעב.

פרוי.

קוקט אויפ'ן שרייבער און רעדט.

צוברעכען די ביינער און אַרונטערוואַרפען פון אַלע טרעפּ — גאָר־ניט שלעכט, ווי דענקט איהר?

שרייבער.

רייכע פאַנטאַזיע.

ער רויכערט נערוועז.

קריטיקער.

הלואי וואָלטען אונזערע שרייבער געלאָזט זייער פאַנטאַזיע א ביסעל ארבייטען. מ'קלייבט זיך אָבער געוועהנליך אוים דעם אַלט־בע־קאַנטען וועג.

שרייבער.

שרייט.

אזוי איז דאָס לעבען! מיין לעבען! דיין לעבען!

קריטיקער.

אָבער מיר מוזען זיך אויפהויבען העכער פון דעם אַלטעגליכען. —

פרוי.

בראַוואָ! בראַוואָ! איצט פאַסט א פּאָר רעאַליסטישע קלעפּ.

קריטיקער, ווי זיך אויפכאַפּענדיג, צולאַכט זיך.

שרייבער.

ער קען זיך נור שלאָגען מיט דער פּען.

קריטיקער.

פון דעסטוועגען וואָלט איך קיינעם ניט געוואונשען צו פערזוכען מיין קולאַק.

פרוי.

אַן אמת'ער העלד ווערסטו דאָך. עס וואָלט געווען גאַנץ אינטערע־סאַנט צו זעהן, ווי דו וואָלסט געהאַנדעלט מיט דיין ווייב'ס פער־פיהרער. איך מיין, נאַטירליך, אויף דער ביהנע.

קריטיקער.

אויף דער ביהנע אָדער אין לעבען — דיין העלד, דאָרטען, וואָס טהוט ער ביי דיר? זיצט מיט אַן אָפענעם מויל, גלויבט און שמיי־בעלט תם'עוואַטע.

שרייבער.

יא, יא, דאָס איז ער.

קריטיקער.

קרימט זיך.

דאָס איז ער! א גליק האָט דיך געטראָפען, א פּארשוין אויסגע־

טראכט! פאר וועמען איז ער אינטערעסאנט, ווער קעהרט פאר אזעלכע? אָט די אידיאָטען, וואָס געהן ארום מיט פערמאַכטע אויגען און גלויבען אַלעמען, זיינען די אַלטע טיפּען. מיר ווילען נייעס, נייעס ווילען מיר האָבען. און אין דיין דראמא. —

פרוי.

גענוג צו רעדען וועגען זיין דראמא.

קריטיקער.

עס איז זיין אייגענע שולד. ער פערפיהרט מיך אימער. לאָזט קיין געלעגענהייט ניט דורך.

פרוי.

און דו האָסט אין גאנצען פערגעסען וועגען דער צוקונפטיגער רייכער מאַדאַם בערנארד.

קריטיקער.

פעררויכערט א סיגאר.

איך האָב שוין גאַרניט פערגעסען. הכלל, ארוים מיט'ן פערפיהרער!

שרייבער.

מיט'ן פערפיהרער?

קריטיקער.

טפוי, צו אַל די שווארץ יאָהר, איך מיין דאָס מיידעל.

שרייבער.

וואָס מאַכט דיר אוים? דו קענסט זי סיי ווי סיי ניט.

קריטיקער.

וועל איך זי קאָנען. די הויפּט־זאַך איז, זי זאָל זיין די ריכטיגע פרוי און קאָנען דיך אָבשעצען און פערשטעהן.

ער קוקט מיט ליעבע אויף זיין פרוי.

עס איז קיין שאנדע ניט פאר א קינסטלער צו הייראַטען אַ רייכע פרוי. אין די אַלטע צייטען פלעגען אונזערע פאָטערס זיצען און לערנען און אונזערע מוטערס זיינען די שפּייזערס געווען. אַ קינסטלער מוז זיין פריי פון אַלע דאגות פּרנסה, דאַן קען ער שאַפען.

ער דריקט איהם וואַרעם די האַנד.

פון מיין גאַנצען הארצען ווינש איך דיר גליק. דערלאַנג, אַנטשיק, עפּעס צום טרינקען. עס איז מיר אַזש טרוקען געוואָרען אין

האלז. ביז בערנארד'ס שאמפאניער וועלען מיר איהם דערוויילע גליק ווינשען מיט אונזער פראסטען וויין.

פרוי.

וועסט מוזען דיין פריינד גליק ווינשען אהן וויין. איך וויים ניט, אויב עס געפינט זיך אין הויז.

קריטיקער.

וואס היים, דו וויים ניט? צו מיטאג איז דאך נאך געווען א פלאש וויין.

פרוי.

איך וויים ניט.

קריטיקער.

ווארט א מינוט איך וועל שוין געפינען. געהערט אן איינפאל. זי וויים ניט!

אב לינקס.

פרוי.

עס הויבט מיך אן צו עקלען פון דער גוטער ענדע.

שרייבער.

פארזיכטיג. ער קען זיך נאך אנשטויסען, און דו קענסט נאך דערפון ליידען.

פרוי.

איך?

שרייבער.

ווער דען, איך? אין ערגסטען פאל, וועל איך פערלירען זיין פריינדשאפט.

פרוי.

און ווען דיין — דיין, ווי הייסט זי דארט, וועט זיך דערוויסען?

שרייבער.

מאך זיך ניט נאריש. א מיידעל לעגט ניט אזוי פיעל געוויכט אויף א מאנ'ס פערגאנגענהייט.

פרוי.

זעהר פראקטיש, אבער איך. —

דער קריטיקער קומט אריין. ער טראגט א טאץ, אויף וועלכען

עס געפינען זיך דריי גלעזער און א פלאַש וויין. ער שטעלט עס אויפ'ן טיש.

קריטיקער.

זעהסט, אַנטשיק, אז מ'זוכט, געפינט מען. גאַר, זי וויים ניט. אַט זאָג פשוט דו ווילסט ניט. איצט זעהסטו שוין, אז מיך קען מען ניט נאַרען.

ער גיסט אָן די גלעזער.

און איצט וועלען מיר אָוועקלעגען ליטעראַטור, קונסט, קריטיק אָן א זייט, און טרינקען פאַר דיין געזונד, בערנאַרד.

ער דערלאַנגט די אָנגעפילטע גלעזער.

און פאַר'ן געזונד פון דיין אויסערוועהלטער, און די הויפט זאַך, פאַר דער צוקונפטיגער דראַמא, ווייל, נאָך אַלעמען, ביזטו דאָך ווירקליך דער איינציגער, אויף וועמען מיר לעגען גרויסע האָפנונגען. נאַטירליך, איצט ווענדט זיך עס אָן דער פרוי. ביז אהער האָסטו געפיהרט א טרוקענעם לעבען. די פרוי, מיין פריינד — זעה נור, אננאַ, וואָס עפּעס מיט אַמאָל אַזוי פערטראַכט? געטרונקען זאָל ווערען!

זיי הויבען אויף די גלעזער.

אננאַ, קלאַפּ צו, חלום ניט!

זי נעהמט מעכאַניש דאָס גלאָז, אלע דריי קלאַפּען צו, די מענער טרינקען, די פרוי שטעלט אַוועק דאָס גלאָז אונבעריהרט.

דיך פרוי, מיין פריינד, ווי איך האָב פריהער בעמערקט, זעהט די פערבאָרגענסטע ווינקעלעך פון דיין נשמה. גלויב מיר, ווען ניט אננאַ — אָבער, זעה נור, ווי זי האָט זיך דאָך אפילו ניט צוגעריהרט צום וויין.

ער פילט אָן די ליידיגע גלעזער.

פרוי.

איך טרינק ניט היינט.

קריטיקער.

פאַר וואָס?

פרוי.

ווייל איך וויל ניט.

קריטיקער.

ס'וועט דיר גאָר ניט העלפען. דו וועסט היינט טרינקען מעהר ווי אַן אַנדערס מאָל. בערנאַרד, פאַר דיין געזונד!

זיי טרינקען.

אַננאַ, דאָס געהט ניט. האָסט אונז ווידער איבערגעלאָזען אַליין. ס'איז ניט קיין גוטער סמן, ניט אַזוי, בערנאַרד? ווען די פרויען לאָזען אונז איבער אַליין, איז ניט קיין גוטער סמן. אַננאַ, ס'איז בערנאַרד'ס שמחה. ניט שעהן פון דיר.

שרייבער.

גאַנץ אויפגעלייגט, אויפהויבענדיג הויך זיין גלאָז.

צו די פרויען וועלכע פילען אַן מיט פייער אונזערע הערצער און מיט וויין אונזערע בעכער!

קריטיקער.

און מיט פריידען אונזערע הייזער!

זיי טרינקען ביידע.

אַננאַ, ס'איז דאָך פּשוט אַ בעליידיגונג. איך וועל עס פאַר קיין פאַל ניט ערלויבען. ער האָט עס ביי אונז ניט פערדיענט. דענק פון די פיעלע לאַנגע ווינטער־אָבענדען, ווען איך בין געוועזען פער־נומען מיט מיין ווערק, פאַר וועלכעס דו ביזט אַזוי בעגייסטערט גע־ווען, איך פלעג אייך איבערלאָזען שטונדען־לאַנג, גאַנצע אָבענדען, דאַן איז ער געוועזען דער איינציגער, וואָס פלעגט מיר העלפען. זיין אייגענער ארבייט פערנאַכלעסיגט, און קומען צולויפען, ווען איך פלעג איהם נור אַ פּיפּס טהאָן.

שרייבער.

אונטער'ן איינפלוס פונ'ם וויין.

אונדאַנקבאַרע בעשעפעניסען זיינען זיי, די ווייבער! דו, חבר מיינער, דו ביזט דער איינציגער, וואָס פערשטעהט מיך...

קריטיקער.

יאַ, יאַ, מיר פערשטעהן זיך גוט. און מיט אַלע דיינע פעהלערען האָב איך דיך פאָרט ליעב. פאַר דיין געזונד, בערנאַרד!

זיי טרינקען.

פונדעסטוועגען פערדריסט עס מיך. איך פיהל פּשוט, אַז איך טאָר דיר ניט נאָכגעבען, אַננאַ. איך האָב דעם גרעסטען רעספּעקט פאַר

דיר, אָבער, אָבער זיך לאָזען שפּייען אין פּנים, גלאַט אַזוי, פאַר וואָס? פאַר ווען?

פרוי.

ווען דו טרינקסט אויס אַ פּאָר גלעזלעך וויין, פערגעסטו, וואו דו ביזט אין דער וועלט. ווארום געהסטו ניט? ס'ווערט דאָך שפּעט.

קריטיקער.

מיש זיך נישט אין מיינע געשעפטען!

פרוי.

שפּרינגט אויף.

טאָ מיש זיך דו ניט אין מיינע!

זי לאָזט זיך צו דער טיר.

קריטיקער.

כאַפּט איהר אָן ביי די הענד, לאָזט איהר ניט געהן ווייטער.

ניט היינט! דו בלייבסט דאָ מיט אונז, און טרינקען וועסטו מוזען! חא־חא־חא!

פרוי.

מוזען?

קריטיקער.

פיהרט זי צום טיש געגען איהר ווילען.

יא, און גליק ווינשען אונזער פריינד, ווי עס בעדאַרף צו זיין — ווי — ווי.

שרייבער.

שיכור'לעך.

אָט וואַרט אַ ווייליגקע, ויידמאַן, איך וועל אוועקגעהן, דאַן וועט זיך קאָנען. —

קריטיקער.

ניין, דו אויך בלייבסט דאָ. דו געהסט ניט אוועק, ביז זי וועט ניט ערקלערען פאַרוואָס — פאַרוואָס זי מוז טרינקען פאַר דיין צו־קונפטיגער. —

פרוי.

זוכט זיך צו בעפרייען פון איהר מאַן.

קאָנסט זיך פרעהען וויפיעל דיין הארץ גלוסט, איך וועל אין זיין שמחה קיין אנטייל ניט נעהמען.

קריטיקער.

דו ווילסט ניט?

פרוי.

מיט פלאַמענדע אויגען.

איך וויל ניט!

קריטיקער.

בערנארד, וואָס זאָגסטו דערצו, האָ?

שרייבער.

איך ווייס ניט פארוואָס, פאַר ווען, מיט אמאָל געוואָרפען אן אומ'חן.

קריטיקער.

זעהסטו, אַז איך האָב דערפון גאָר ניט געוואוסט. ווי באַלד אזוי, קינדעלע, מוזטו זיך אודאי און אודאי מיט איהם איבערבעטען.

ער נעהמט זיי ביידען אָן פאר די הענד.

נו, בעט זיך איבער.

פרוי.

ארויסרייסענדיג איהר האַנד.

און אפשר זיך צוקושען אויך?

קריטיקער.

און פאַרוואָס טאַקע ניט? דו ביזט דאָך ניט ווי אַלע פרויען. דו ביזט דאָך... אָט נעהם טאַקע און גיב איהם דו דעם ערשטען קוש.

פרוי.

דו ווילסט אַלזאָ דורכאויס אז איך זאָל זיין אן אויסנאהם...

קריטיקער.

אודאי, אַנטשיק, אודאי, איך בין שטאָלץ מיט אזאַ. —

פרוי.

נו, גוט. ער — דיין פריינד — דיין חבר — איז מיין — געליעבטער געוועזן!

פויזע.

קריטיקער.

קוקט, ניט פערשטעהענדיג, פון איהר צו איהם און פון איהם צו איהר.

דיין — דיין —... בערנארד, דו? דיך מיינט זי?

שרייבער.

שטעהט ווי צוגעשמידט צו זיין פּלאַץ מיט אַן אָפענעם מויל און צושראָקענע אויגען.

פרוי.

יא, יא, איהם מיין איך. ער האָט חתונה, ווייל ער קען דיך מעהר ניט נארען. זיין געוויסען פּלאַגט איהם.

קריטיקער.

אַנדערשט ניט, דו ביזט פון זינען אראָב. א קלאָרער מענש קען דאָך ניט. —

פרוי.

וואָס קען ניט א קלאָרער מענש? זאָגען דעם אמת?

קריטיקער.

אננא!

פרוי.

שפּאָטיש.

דו ווילסט, איך זאָל דיר פערדרעהען דעם קאָפּ מיט עפּעס א ניט־געשטויגענעם, ניט־געפלויגענעם ליגען?

שרייבער.

ווי מיט א מאָל זיך אויסניכטערענדיג, זעהט די געפאהר און זוכט א רעטונג. לויפט צו צו דער פרוי, נעהמט אַן איהר האַנד.

אויסגעצייכענט! פּראַכטפול! די גרעסטע אקטריסעס מוזען קומען צו אייך לערנען. מ׳קען ווירקליך מיינען, אז איהר זייט ערנסט. אָבער איך בעט אייך, גענוג! קוקט אַן אייער מאַן. חא־חא־חא! ער האָט שוין כמעט אָנגעהויבען צו גלויבען. זיידמאַן, מיר האָבען דיך געוואָלט אויספּרובירען. דאָס האָבען מיר פוריהער אָבגערעדט. א שטראָף פאר דיר דערפאר, וואָס דו האָסט אזוי ארונטערגעריסען מיין דראַמא.

קריטיקער.

נאָך אלץ צוטומעלט, פּלאַצט ארויס מיט א געלעכטער.

א שעהנע, ריינע כפרה! הערסט אַן איינפאַל! און דו, אַנטשיק, האָסט זיך געלאָזט פון איהם פערפיהרען, הא?

פרוי.

מיט פעראכטונג.

איך, פון איהם?

קריטיקער.

רייבט זיך די הענד מיט פערגעניגען.

אודאי איז עס דיין קאָפּ. איך קען איהם ניט, דעם חברה־מאַן? גו, האָט איהר מיר א קאָמעדיע אָבגעשפּיעלט, חאַ־חאַ־חאַ, אַלץ צוליעב א פּיעסע. ביז׳ן טוידט אריין וועט ער עס מיר ניט פערגעסען.

שרייבער.

וואָס דען, שווייגען, לאָזען זיך אונטערדריקען, קוקען אייך אין די צייהן? הלואי קען מען זיך אזוי מיט אַלע קריטיקער אָברעכענען... דו זעהסט דאָך, זאָגאר דיין אייגענע פרוי איז מיט מיר איינפערשטאַנען. האָסט געזעהן ווי אויסגעצייכענט זי האָט געשפּיעלט די ראָלע?

קריטיקער.

העכסט צופריעדען, קוקט מיט שטאָלץ אויף זיין פרוי.

א וואהרע סאראה בערנארד! אך, האָב איך א פרוי, זאָל מיר זיין אַזאַ יאָהר. אויב דו, מיין פריינד, זאָלסט זיין האלב אזוי ערפאָלגרייך אין דיין פערהייראטען לעבען... ביזטו א גליקליכער מענש. האָב איך ניט רעכט, אנטשיק? און איצט נאָך אזא ערפאָלג, וועסטו דאָך אודאי טרינקען.

פרוי.

מיט פעראכטונג.

ביידע מענער הויבען אויף די גלעזער. אלע דריי קלאפּען צו.

אויב די דראַמא האָט זיך אויסגעלאָזט א קאָמעדיע, מעג מען טאַקע טרינקען פאר׳ן גליק פון די מענער...

זי כאַפּט איהר אָנגעפילטע גלאָז פון טיש, רעדט בייסענד.

פאר׳ן גליק פון די מענער!

ע נ ד ע.

א נ ר א

פון
דזשעין ראוז

COPYRIGHT BY
JANE ROSE
New York, 1918
All rights Reserved

פ ע ר ז אָ נ ע ן.

פאַרשטאַדט. — טהעאַטער מענעדזשער און הויפּט־אקטיאָר.

ארנאַ. — זיין פרוי, שפּיעלט אין איהר מאַנ'ס טהעאַטער.

פרייליין ראָד. — אַן אקטריסע.

פעלער. — וויל שרייבען פאַר דער ביהנע.

פרוי זעלער.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ פּריוואַטען האָטעל. אַ גרויסער, ליכטיגער צימער. געגען איבער, צוויי פענסטער מיט ווייסע פאָרהאַנגען. רעכטס — אַ טיר; לינקס — אַ גרויסע, ווייסע ניט פארבעטע בעט, א סאָפאַ, אַ טיש, שטוהלען, אַ דרעסער, אויפ'ן טיש מאַגאַזינען, אַן אָפענער באקס סיגארס, אַ טאַץ אויף וועלכען עס שטעהען גלעזער און א טהעע טשייניק. אַן אָפענער קופערט, פרויען־קליידער, שיך, זאָקען ליגען אי־בעראל צואַוואָרפען אין אונאָרדנונג.

פ א ר ש ט א ד ט, 35 יאָהר אַלט. הויך, געזונד, און גוט ענטוויקעלט, גלאַנציג שוואַרצע האָר, ברענענדיגע קליינע אוי־גען, וועלכע דריקען אוים ענערגיע און פעסטקייט. ער איז אָהן א ראָק און טראָגט א ווייסע זיידענע העמד, ליגט אויפ'ן בעט, אַ סיגאַרעט אין מויל, אַ מאַנוסקריפּט אין איין האַנד און אַ בלייפעדער אין דער צווייטער. אויפ'ן ברעג סאָפע זיצט פעלער, ער איז פינף און צוואַנציג יאָהר אַלט, קליין און מאָגער. גרויסע, שוואַרצע צושראָקענע אויגען, קוקען אַרוים פון אַ בלאַסען געזיכט אויף פאָרשטאדט'ען.

פאַרשטאַדט.

אַט האָט איהר אייער פּיעסע.

פעלער.

גערהט צו און נעהמט די פּיעסע, די האַנד ציטערט איהם.

פאַרשטאַדט.

א צלם מיינט שניידען, א פּאסיק — צוגעבען.

פעלער.

מיין גאָט, די גאַנצע פּיעסע האָט איהר דאָך אויסגע'צלם'ט!

פאַרשטאַדט.

אויסגעשטערענט, מיינט איהר. דאַנקט גאָט, מיין פריינד, וואָס איהר זייט אריינגעפאַלען צו מיר אין די הענד. אַן אַנדער מענע־דזשער, יו נאָו, וואָלט עס אינגאַנצען אויסגעשניטען.

ער זעצט זיך פּלוצלונג אויף.

די צרה מיט אַלע שרייבער איז, זיי גלויבען ניט אין געגוג.

פעלער.

נערוועז.

אָבער דאָס וויכטיגסטע, די נשמה פון דער דראַמע, האָט איהר געקרייציגט. דאָס פּובליקום וועט ניט אָנהויבען וויסען וואָס דאָ קומט פאָר.

פאַרשטאַדט.

איהר רעדט ווי א שרייבער. איך מיין דאָך אייער טובה, איהר ווילט דאָך שרייבען פאר דער ביהנע, מוזט איהר אָנציהען דעם עולם, אָבער ניט צוציהען די פּיעסע!

פעלער.

עס וועט ניט זיין מיט וואָס דעם אבענד אויסצופילען ווען מ׳שניידט עס אַלעס אויס.

פאַרשטאדט.

פערלאָזט זיך אויף מיר, איהר ווילט דאָך א סוקסעס, ניין? נו, דאַרף מען אריינשטעלען טענץ און געזאַנג!

פעלער.

דערשראָקען צום טויט.

אין — אין — אין — מיין פיעסע, מיינט איהר?

פאַרשטאדט.

יאָ, יאָ, אין אייער פיעסע.

פעלער.

עס וועט דאָך אָבער אינגאַנצען ענדערען דעם כאַראַקטער פון דער זאַך.

פאַרשטאדט.

הערט נאָר, יונגערמאַן, ווילט איהר האָבען צו טהון מיט דער ביהנע, מוזט איהר זיך לאָזען לערנען. די ערשטע זאַך, דאַרפט איהר וויסען, אַז די ביהנע איז ניט קיין בוך און ניט קיין צייטונג; אין טהעאטער קומט מען זיך אַמוזירען, ניט שלאָפען.

ער נעהמט פון איהם דעם מאַנוסקריפּט.

אָט האָט איהר אָנגעשריבען א פּיעסע מיט א געוואַלדיגע ראָלע פאַר מיין פרוי, ניט פאַרטראַכטענדיג זיך אויף איין מינוט, אויב זי קען דאָס גאָר דורכפיהרען. א מאָדנע זאַך מיט אייך, יונגע שרייבער, איהר גיט דער פרוי ראָלען, פעראַנטוואָרטליכע, גרויסע, און איהר רעכענט זיך ניט מיט׳ן פּובליקום. איהר פערשטעהט, וואָס איך מיין?

פעלער.

איך — איך מיין, אז זי קױנן יאָ דורכפיהרען די ראָל. און דאָס פּובליקום —

פאָרשטאַדט.

וואָס מיר פּובליקום, ווער מיר פּובליקום! עס קען גאָר זיין, אז זי זאָל זיך אין גאַנצען דארפען צוריקציהען פון רעד ביהנע פאר אַ געוויסע צייט...

פעלער.

וואָס רעדט איהר, וועט זי ניט שפּיעלען אין מיין פּיעסע?

פאָרשטאַדט.

אָט, אָט, דאָס איז דאָך דער אומגליק מיט אייך; ווידער זי און אָבער זי — איהר דארפט דאָך פארשטעהען, אז דאָס פּובליקום קומט מ י ך זעהען. מיך, דעם סטאַר. און איך האָב זיך דאָ ביי אייך ניט מיט וואָס אויסצוצייכענען. כ'קען די ראָל ניט שפּיע־לען.

פעלער.

פאר וואָס? ס'איז דאָך אַן אויסגעצייכענטער טיפּ.

פאָרשטאַדט.

טיפּ היינט, טיפּ מאָרגען. אַ ראָל, אַ ראָל מוז איך האָבען אַ גרויסע! פערשטאַנען?

פעלער.

ס'וועט רואינירען די איבעריגע כאראקטערע, דעם פּלאַן, די קאָנ־סטרוקציע.

פאָרשטאַדט.

וואָס מיר פּלאַן, קאָנסטרוקציע, וואָס ווייסט איהר דערפון? איך מיין זיין טובה און ער — איהר ווייסט גאַנץ גוט, אז איך בין

ניט ווי די אנדערע מענעדזשערס. איך האב ליעב אויסצוהעלפען יונגע שרייבער, יו נאו. אבער שפיעלען די ראל ווי איהר האט זי אנגעשריבען, נו דאס וואלט שוין געווען צו פיעל אפפער. איך קען פשוט אזא זאך ניט אפטהאן דעם פובליקום — זעה נור, זעה ווי צושראקען דאס איז, איך בעט אייך, וואס טויג אונז א דורכ־פאל? דאס איז דאך אייער ערשטע פיעסע, האט נור ערפאלג, וועט איהר שוין קענען נאכהער זאגאר דאס אויסגעשניטענע ער־געץ אריינשטוקעווען.

קלאפט איהם גוטמוטהיג איבער'ן פלייצע.

איך וועל אייך שוין אויסלערנען דעם פאך.

פעלער.

איך — איך — ניין, די גאנצע טהעמא ווערט רואינירט!

פארשטאדט

די טהעמא געפעלט מיר סיי ווי סיי ניט. הערסט א מין טהע־מא! א מאן איז אייפערזיכטיג אויף זיין שעהנער פרוי, האט זי ביי איהם יעדען יאהר א קינד און דערמיט רואינירט ער איהר שעהנהייט, און דאס, ווילט איהר, זאל אינטערעסירען משה'ן? — אפשר ביי די גוים —

פעלער.

פאסירט עס דען ניט אין אונזער לעבען פונקט אזוי ווי ביי די גוים?

פארשטאדט.

וואס פאסירען, ווען פאסירען? אבער אלע שרייבער זיינען אזוי. אט פערלאזט זיך אויף מיר, איך וועל אייך חלילה קיין שלעכטעס ניט טהאן. איהר וועט נאך זעהן וואס פאר אן אויסשטאטונג איך וועל אייך געבען. אז איך פיהר אויף א פיעסע, יו נאו, מוז עס זיין „איי וואן".

ער גיט א קנאק מיט די פינגער, ווערט הינגעריסען.

איהר וועט אייערע אויגען ניט גלויבען, אייער אייגענע פיעסע ניט דערקענען!

פעלער.

כ'וואָלט געוואָלט זעהן אַ פּראָבע איידער איהר פאָהרט אוועק פון שיקאַגאָ

פאַרשטאדט.

צייט געגוג. צוערשט מוזט איהר אויספּיקסען מיין ראָל. געהט אַהיים און נעהמט זיך גלייך צו דער אַרבייט. די פרוי מאַכט עט־וואָס אונסימפּאַטיש, קאָקעטיש; דער מאַן, ווידער, דאַרף ליידען אַזוי לאַנג, ביז עס פּלאַצט אין איהם די גאַל, יו נאָו, און — און — און — דאָס איבריגע וועט איהר שוין אַליין ווייסען. איך גלייך אייער שרייבען. איהר טהוט נור וואָס מ'הייסט און איך פערזי־כער אייך מיט אַן ערפאָלג.

פעלער.

אונענטשלאָסען.

ווי אַזוי איך קענען איבעראַרבייטען אינגאַנצען דעם טיפּ, הויב איך ניט אָן צו פערשטעהן.

פאַרשטאדט.

וואָס איז דאָ ניט צו פערשטעהן? ער דאַרף זיין אַ מענש, וואָס האָט ליעב קינדער, אַ היים, אַ גרויסע פאַמיליע —

פעלער.

פּונקט דער היפּוך וואָס ער איז איצט. עס איז פּשוט אונמעגליך.

פאַרשטאדט.

ביי אַ דראַמאַטורג טאָר קיין אונמעגליכעס ניט עקזיסטירען. לאָזט זיך נאָר דיענען, און איך וועל אייער נאָמען גרויס מאַכען. כ'וועל

איך אראפּבריינגען נאָך נויאָרק, יו נאָו, און — און עס וועט זיין „אַ קיוי".

ער גיט איהם א קלאַפּ אין פּלייצע.

פעלער.

וויקעלט צונויף טרויעריג דעם מאַנוסקריפּט, לייגט איהם אריין אין טאַש מיט אַ שווערען זיפץ.

און אייער פרוי? וועט זי זיין צופריעדען? פארקירצען, אומ־בייטען איהר ראָל?

פאַרשטאַדט.

מיין פרוי איז אָלל רייט, פערלאָזט זיך אויף מיר!

ער דערלאַנגט איהם אַ סיגאַר.

פעלער.

א דאַנק, איך רויכער ניט!

פאַרשטאַדט.

וואָס זענט איהר פאר א מענש, הא? ניט רויכערען, ניט שפּיע־לען, ניט טרינקען. ס'איז גאָר ניט קיין וואונדער וואָס איהר קענט נאָך ניט דעם פאַך. אָבער אין נויאָרק וועלען מיר אייך שוין מאַ־כען פאר א לייט — איהר וועט זיין אין טהעאַטער היינט אבענד? קומט צוגעהן, איהר וועט הנאה האָבען.

פעלער.

איך קען אזעלכע פּיעסען ניט פארטראָגען.

פאַרשטאַדט.

אזוי?! איך האָב דאָרטען א קונסט־ראָל, דאָס גאַנצע הויז ברענג איך צו מיינע פיס, און ער קען דאָס ניט פארטראָגען!

פאַרשטאַדט.

איך מיין ניט אייער שפּיעלען, חלילה, נור די זאַך אליין געפעלט

מיר ניט. איך מיין, אז אָריגינאַליטעט איז די הויפּט זאַך און ווען איהר וואָלט אויפגעפיהרט מיין דראַמא ווי איך האָב זי אָנגעשריבען, און אייער פרוי זאָל טאַקע שפּיעלען די הויפּט ראָל —

פאַרשטאַדט.

העי, יונגער מאַן, עפּעס זייט איהר מיר צופיעל פערליעבט אין מיין פרוי! איך גלייך דאָס ניט, יו נאָו.

ער עפענט די טיר, שטופּט איהם גוטמוטהיג אַרויס.

גוד ביי, גוד ביי. קומט אין טהעאַטער היינט אבענד וועט איהר קליגער ווערען.

ער מאַכט צו די טיר, אָטהעמט פריי אָפּ.

נאַ, די פּראָווינץ־שרייבער זיינען גאָר ניט אויסצוהאַלטען.

ער געהט צו צום שפּיעגעל, פארקעמט זיך די האָר, זינגט אונטער אַ ליעדעל. לאַנגע פּאוזע. — געהט צו צום פענסטער, קוקט אַרויס. די טיר עפענט זיך האַסטיג, אַ ר נ אַ קומט אַרוין. זי איז 25 יאָהר אַלט, בלאָנד און צאַרט, בלייבט שטעהן ווי אַ פערפאַלגטע חיה.

פאַרשטאַדט.

גאָט צו דאַנקען, ארנא, ביזט דאָ. פאַר וואָס אַזוי לאַנג?

ער נעהמט אַרונטער איהר הוט און מאַנטעל.

נו, וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

אַרנאַ.

שטאַרק אויפגערעג.

איך האָב ערשטע באַגעגענט פעלער׳ן —

פאַרשטאַדט.

צום טייפעל מיט פעלער׳ן! וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

ארנא.

ער זאָגט, דו ווילסט שניידען מיין ראָל. ער וועט צוריק קומען. איך האָב איהם געהייסען.

פאָרשטאַדט.

טהוט אַ קלאַפּ מיט׳ן פוס.

הער מיר אויף צו באַדערען מיט׳ן יאָלד, דער דאָקטאָר וואָס האָט געזאָגט?

ארנא.

ביטער.

גאָר נישט!

פאָרשטאַדט.

וואָס הייסט גאָר נישט? ביזט דאָך געגאַנגען זיך לאָזען אונ־טערזוכען.

ארנא.

זעצט זיך אויף׳ן בעט, די אויגען ווערען איהר אָנגעפילט מיט טרעהרען, זי בייסט זיך די ליפּ און ענטפערט ניט.

פאָרשטאַדט.

ווייכער. גלעט איהרע האָר.

נו, נו, ארטשיק, זיי ניט אזוי אויפגערעגט.

ארנא צואווייגט זיך, ער קוקט זי אָן אַ ווײַלע.

הם, וואָס ווײַנסטו, נאַר! וואָס האָט ער געזאָגט?

ארנאַ ענטפערט אַלץ ניט. אומגעדולדיג.

א סוף, אַ סוף, הער אויף צו ווײַנען און דערצעהל!

ארנא.

וואָס געהט עס דיך אָן? דו קעהרסט דאָך סיי ווי סיי ניט. פון

דיינעט וועגען קאָן איך האָבען צעהן קינדער אויף איין מאָל. אָה! אָה!

זי רייסט זיך די האָר פון קאָפּ.

די דריטע איז נאָך קיין יאָהר ניט אַלט, און שוין ווידער — איך וועל זיך דאָס לעבען נעהמען. איך —

פאַרשטאדט.

עס בעווייזט זיך אַ בעהאַלטענער, צופריעדענער שמייכעל אויף זיינע ליפּען.

ביזט עס אַזוי זיכער? אפשר האָט דער דאָקטאָר אַ טעות גע־האַט?

ארנא.

ער האָט קיין טעות ניט געהאַט, ער פערשטעהט מעהר פון דיר! ער איז אַ —

פאַרשטאדט.

ער! ער! ער! אַ גאַנצער גאָט, מיינט זי, איז ער! קנאַפּ פרויען־דאָקטוירים זיינען דאָ, פערשטעהען מעהר פון איהם, און זי האָט זיך איינגעקלעפּט דוקא אין איהם.

ווי זוכענדיג צו וואָס זיך צוצוטשעפּען.

איך האָב דאָך דיר געזאָגט דו זאָלסט געהן צו אַ פרויען־דאָקטאָר, וואָס ביזטו געלאָפען צו איהם?

ארנא.

וואָס טויג דיר זוכען חסרונות מיט אַנדערע, ווען דו אַליין ביזט שולדיג.

פאַרשטאדט.

ווער איך בין שולדיג?

ארנא.

מיט פעראַכטונג.

נו, זוך טאקע, אפשר וועסטו געפינען אַן אַנדער שולדיגען. אפשר איז דער דאָקטאָר שולדיג פאַר זאָגען דעם אמת?

פאַרשטאדט.

צום טייפעל! ווי אזוי קען זיך אַ פרוי לאָזען אונטערזוכען פון אַ מאַן — און אז אַ דאָקטאָר איז וואָס? ער איז דאָך אבער אַ מאַן!

ארנאַ.

אז דו וואָלסט געהאט דעם קלענסטען געפיהל פאר מיר וואָלסטו ניט גערעדט אזוי ווי עס וואָלט געווען עמיצענס אנדערש שולד. ווענמען קען דאָס ליגען אין זינען — אַ מאַן, אָדער אַ פרוי — אַ דאָקטאָר איז אַ דאָקטאָר.

פאַרשטאדט.

איך וואָלט טאָקע ווע‏לען זעהן, ווי דיר וואָלט עס געשמעקט ווען איך זאָל זיך לאָזען אונטערזוכען פון אַ פרוי, — אַ דאָקטאָר איז אַ דאָקטאָר — דעם קאָפּ וועל איך איהם צוברעכען, ווען דו וועסט נאָך אמאָל —

ארנאַ.

ברעך, הלואי וואָלט איך עס געקענט טהאָן. צו מיר קלעפּט זיך דער אומגליק אזוי ווי פּעך. אַלע יאָהר, אַלע יאָהר אַ קינד. און ווען מיר האָבען געהייראַט האָסטו צוגעזאָגט מיך צו מאַכען פאַר דער גרעסטער אקטריסע. אָה! אָה! איך —

פאַרשטאדט.

גלעט זי.

ארנאַ.

אָדער איך ליעג אין קינדבעט, אָדער איך שפּיעל פאַרקירצטע ראָלען.

פאַרשטאדט.

נארעלע, ביזט דאָך פאַרהייראַט, ווי קען אנדערש זיין? און — און איך — מיט אנדערע האָבען צו טהאָן?

ארנא.

מיין ריינער מענש!

פאַרשטאַדט.

אַט דאָס איז דאָך דער אומגליק מיט אַלע פרויען. זיי גלויבען עפּעס וואָס... אַט וואָלט איך איצט געקענט זיין דער גליקליכסטער מענש, און דו אויך; עס פעהלט דיר עפּעס? נאָך אַ קינד? — נו, איז נאָך אַ דיענסט. וויל מען דאָך אָבער זיין אַ חכם. געדענק, ס'איז אַן אייזערנע וואַנד. וועסט זיך צוברעכען דעם קאָפּ.

ארנא.

וואָס האָב איך וואָס אַנצואַווערען?

פאַרשטאַדט.

זי איינרעדענדיג.

נאַרעלע, מיין מאַמע האָט געהאַט דרייצעהן. אַליין געטראָגען, אַליין געהאָדעוועט און צו קיינעם קיין טענות ניט געהאַט. אַט נעהם בעסער פּאַק זיך איין און פאָהר אין קאַנטרי.

ארנא.

מיט ברענענדיגע אויגען.

און ווער וועט מיין ראָל שפּיעלען? מיין נייע ראָל!

פאַרשטאַדט.

אויך אַ זאָרג ווער, קנאַפּ אַקטריסעס דרעהען זיך ארום.

ארנא.

און דו מיינסט אז איך וועל לאָזען עמיצען אַנדערש אין מיין ראָל צום ערשטען מאָל?

פאַרשטאַדט.

נו, אַ גאַנצע מציאה צום ערשטען אָדער צום לעצטען מאָל!

ארנא.

וואָלסטו ערלויבט אימיצען אַנדערש אויפטרעטען אין דיינער א ראָל, וועלכע מ'האָט אויסדריקליך פאר דיר געשריעבען ?

פאַרשטאדט.

איך — איך — וואָס גלייכסטו זיך צו מיר ? מיך האלט מען פעראַנטוואָרטליך, מיינע א ראָל קען קיינער ניט שפּיעלען !

ארנא.

דו פלעגסט דאָך אָבער זאָגען, אז מיינע א ראָל קען אויך קיינער ניט שפּיעלען, געדענקסט ?

פאַרשטאדט.

נו, האָב איך געזאָגט, — נו האָסטו ביי מיר אַן עולה, איך ציה מיינע ווערטער צוריק.

ארנא.

ביזטו, הייסט עס געקומען צום בעשלוס, אז איך בעזיץ קיינע פעהיגקייטען, קיין טאַלאַנט —

פאַרשטאדט.

פרויען, מיין שעהן ווייבעלע, — פרויען זיינען בעשאַפען געוואָרען קינדער צו האָבען.

ארנא.

אָה, איצט פערשטעה איך פאר וואָס דו גלייכסט ניט פעלער'ם פּיעסע. ס'איז דיין אייגענער לעבען. דער אָרימער טייפעל האָט עס געטהאָן גאָר אונבעוואוסטערהייט.

פאַרשטאדט.

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר.

גאָט זיי דאנק ! פּטור ווערען פון —

ער כאַפּט אַרויס אַ ווייסע זיידענע טיכעל פון טאַש, ווישט אָפּ אַרנאַ'ס טרעהרען.

וואו איז דיין פּאודער?

אַרנאַ, כליפּענדיג, נעהמט אַרויס אַ פּאודער פּאַף און אַ קליין שפּיע־געלע פון אַ זילבערנער בייטעלע, קוקט אַריין אין שפּיעגעלע און פּאודערט זיך. פאַרשטאַדט בעטראַכט זי קריטיש.

מיין אָרימע קעצעלע. די נאָז דיינע, די רויטע, ווייס אָפּ.

ער עפענט די טיר. פרוי זעלער קומט אַריין. זי איז אַ מיט־על־יעהריגע פרוי, מיט אַ גוטמוטהיגען געזיכט און קלוגע אויגען.

פאַרשטאַדט.

האַ־האַ־האַ, די בעל הבית'טע גאָר!

פרוי זעלער.

עסען איז פאַרטיג. ברענגען אהער אָדער איהר וועט אַרונטערקו־מען?

פאַרשטאַדט.

איך בין שוין מיט אייך פאַרטיג.

ער נעהמט זיין ראָק און הוט.

איך דאַרף זיך אַרויסכאַפּען פאַר אייניגע מינוטען אין טהעאַטער וועל איך שוין אָפּעסען אויך פאַר איין גאַנג.

קוקט אין שפּיעגעל, טהוט זיך אָן, נעהמט דעם שטעקען, פאַרנויגט זיך קאָמיש.

אויפ'ס באַלדיגעם ווידערזעהען, מיינע דאַמען. דו, אַרטשיק, עס און זאָל דיר וואויל בעקומען!

ער גיט איהר אַ קניפּ אין באַק.

זי איז נעבאך היינט צודרומשקעט, מיין נאריש קעצעלע, חא־חא־חא. גיט איהר גוט אָפּעסען, מאדאם זעלער, וועט זי אָן איהרע צרות פערגעסען.

ער געהט אַרויס. אַרנאַ פּרובירט שמייכלען.

פּאוזע. פרוי זעלער קלייבט צו דעם צימער.

פרוי זעלער.

דו זעהסט מיר היינט אויס ווי א ביטערע ציבעלע.

אַרנאַ.

אך, עס איז אזוי ביטער דאָס לעבען —

פרוי זעלער.

אַט קום, נאריש קינד, עס עפּעס.

אַרנאַ.

איך בין ניט הונגעריג.

פרוי זעלער.

דו זעהסט אויס ווי עפּעס וואָלט דיך געגעסען.

אַרנאַ.

פּאוזע.

פרוי זעלער, עס איז מיר שלעכט! אזוי שלעכט! עפּעס וועט געשעהן — איך וויים ניט, איך — איך קום דאָס איצט פון דאָקטאָר. אך, צו וואס האָב איך חתונה געהאט! .

פרוי זעלער.

הער, מיין קינד, ווען א פרוי טראָגט זיך ארום מיט אמביציעס, טאָר זי ניט חתונה האָבען.

אַרנאַ.

ער האָט מיר צוגעזאָגט, און איך האָב איהם אזוי געגלויבט. איך — איך —

פרוי זעלער.

סימפּאַטיש.

וואָס קומט אַרויס פון דיין וויינען? שכל דאַרף מען האָבען, שכל.

גלייכט אויס דאָס בעט. פּאוזע.

ארנאַ.

אָה, איך האָב מורא, איך האָב מורא, זיין מאַמע האָט געהאַט דרייצעהן און איך —

פרוי זעלער.

אומגעדולדיג.

מען איז קיין נאַר ניט איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. מען פערלאָזט זיך ניט אויף נסים. ווען זיין מאַמע וואָלט קיין בהמה ניט געוועזען וואָלט זי אויך קיין דרייצעהן ניט געהאַט.

ארנאַ.

איך ליעב מיינע קינדער אַזוי גוט ווי אַלע מאַמעס. אָבער מיין פּראָפעסיאָן, די ביהנע, — און מיינע ראָלען האָלט ער אין איין קירצען. ער זאָגט מען קען ניט שפּיעלען צוויי ראָלען.

פרוי זעלער.

וואָס עפּעס ניט קענען? ביזט צו גוט, דו לאָזט זיך.

ארנאַ.

יאָ, איך לאָז זיך. אָבער ווי אַזוי קען איך אַנדערש? ווי אַזוי?

פרוי זעלער.

אַזעלכע זאַכען קען מען ניט לערנען. מען דאַרף אַליין פערשטעהען, אַליין וויסען וואָס מען האָט צו טהאָן. ער שפּיעלט אַלעמאָל די הויפּט ראָלע, און דו —

ארנאַ.

איך וויים, איך פיהל אַז ער מיינט נאָר זיך, זיך.

פאַרשטאַדט.

קומט אַריין מיט אַ בוקעט בלומען אין האַנר, פון זיין גאַנצער בענעהמונג איז קענטיג אַז ער האָט אַביסעל געטרונקען.

ווי געפעלט עס אייך? קיינעם אין טהעאַטער ניט געטראָפען — און מיין ווייבעל האַלט נאָך אַלץ אין — נאַ! אָט האָסטו בלו־מען און וויש זיך אָפּ די טרעהרען! חאַ, חאַ, חאַ, — אַ שלעכטער מאַן, אפשר, וואָס? האַ?

וואַרפט פון זיך אַרונטער דעם ראָק און חוט. פרוי זעלער וויל אַרויסגעהן. ער כאַפּט זי אָן ביים האַנד.

וואָס! וואָס! איך שרעק אייך אַוועק פון דאַנען?

פרוי זעלער.

ניין, אָבער איך מוז נאָך צוגרייטען עסען פאַר אייניגע געסט און אַהר מוזט דאָך אידאַי אויך זיין הונגעריג.

פאַרשטאַדט.

חאַ, חאַ, חאַ, חאַ, הונגעריג! — וואו מיינט איהר בין איך גע־ווען?

פרוי זעלער.

בעטראַכט איהם מיט אַ שמייכעל.

ווען אַ מאַן איז צופריעדען מיט זיין בעל־הבית'טע איז אַ סימן אַז ער איז זאַט.

פאַרשטאַדט.

הוראַ, געטראָפען. און דערפאַר קומט אייך צוויי קושען.

ער קושט זי.

פרוי זעלער.

זיך אַרויסרייסענדיג.

געהט שוין, געהט.

אָב.

פאָרשטאדט.

שוין דאכט זיך אַן עלטערער מענש און האָט אויך הנאה פון א קוש. אָהאָ, קען איך די ווייבער! — נו, וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן? אפשר מיין נאָז ארויף העכער? חא, חא, חא, די כפרה וועט־רען דאָך אלע פאר מיין נאָז. טאקע אמת קלאסיש?

ער קוקט אין שפיגעל.

און מיינע האָר, עפעס א קליינינקייט, די האָר און דער נאָז? אָ, יאָ, האָסט שוין געהערט? מען וויל אונז דאָ פערהאלטען אויף נאָך א וואָך. איך האָב געמאכט א „היט", ווי עס זעהט אוים.

ארנא.

דו! דו! דו! אלץ דו!

פאָרשטאדט.

פעררויכערט אַ סיגאר. ציהט זיך אוים אויף'ן סאָפע.

א־אה — נערוועןְ־באלזאם איז אזעלכע נייעס פאר דעם וואה־רען ארטיסט... און דו אויך. ע־עסס אָפּ א גוטען דינער און — און א פּאָר ג־גלעזלאָך וויין, —

ארנא.

ביזט זעהר ארטיסטיש געשטימט.

פאָרשטאדט.

ק־קום, נארעלע, זעץ זיך לעבען מיר, ועסטו פארגעסען אלע דייַ־נע, — דיינע — קינדער, יו נאָו, איז א פרוי'ס ביזנעס, א קעני־גין, א דיענסט, אַן אקטריסע, אלע גלייך, אלע, אלע — —

די ווערטער בלייבען איהם שטעהען אין האלז, דער סיגאר פאלט ארוים פון דער אראָבגעהאנגענער האנד, און ער שלאָפט איין, ארויסלאָזענדיג א שווערען זיפץ. ארנאַ קוקט איהם אַן אייביגע סעקונדען מיט ברענענדיגע אויגען. די ליפּען בעוועגען זיך איהר אָהן ווערטער. זי הויבט אָן ארומצולויפען איבער'ן צי־מער ווי א פערוואונדעטע חיה, בלייבט שטעהן ביים טיש, כאַפּט

אַ גלאַז, ווייל עס וואַרפען אויף איהם, האַלט זיך צוריק, לאָזט עס פאַלען צו דער ערד. דאָס גלאָז צוברעכט זיך.

פאַרשטאדט.

גיט זיך א כאַפּ, שטעלט זיך אויף צוטומעלט.

וואָס — וואָס — איז דאָ ?!

ער כאַפּט זי אַן ביי די הענד.

ערנאַ.

אין דער העכסטער אויפרעגונג, רייסט זיך אַרויס פון איהם.

ער קען שלאָפען, פארגעסען, קיין זאך שטערט איהם ניט, קיין זאך איז איהם ניט אין וועג, און איך — איך — וואָס וועל איך יעצט טהאָן, הא? איך פרעג דיך, וואָס וועל איך טהאָן?!

פאַרשטאדט.

געה צום — סארא סצענעס זי מאכט! וואָס ווילסטו טהאָן? שפיעלסט שוין צופיעל אויף מיינע נערוועז, דאָס, יו נאָו, האָב איך פיינט! כ'האָב אזוי פיעל ארבייט, אזוי פיעל פעראַנטוואָרטליכע ארבייט, איך מוז רוה האָבען, זאָל זיין שטיל! דו הערסט?

ער וויל זיך צוריק לייגען.

ערנאַ.

אויסער זיך.

וועסט ניט שלאָפען! כ'וועל דיך ניט לאָזען! האָסט מיך אריינגעשלעפט אין א זומפּ מוזטו מיר העלפען!

פאַרשטאדט.

איך האָב דיך אין קיין זומפען ניט געשלעפט און פערדרעה מיר ניט מיין קאָפּ, נעהם און פאָהר אוועק אין קאָונטרי, ס'וועט מיר זיין שווער, אָבער, איך וועל שוין זעהן ווי עס איז אויסקומען אָהן דיר.

אַרנאַ.

איך וועל ניט פאַהרען! האָט מיך רואינירט און איצט שיקט ער מיך אין קאונטרי!

פאַרשטאַדט.

די פרוי איז פון זינען אראָפּ. איך האָב איהר רואינירט! האָט מען שוין דאָס אמאָל געהערט, א מאַן זאָל רואינירען זיין אייגענע פרוי?

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר.

פאַרשטאַדט.

הויבט אויף די הענד.

גרויסער גאָט, איך וועל דיר קיין מאָל די טובה ניט פארגעסען!

עס עפענט זיך די טיר, פרייליין ר א ד קומט אַריין. זי איז פון אַן אונבעשטימטען עלטער, רויט געפארבטע האָר, אַ רויט און ווייס געפארבט פּנים, איהרע קליידער זיינען רייך און מאָדיש, איהר בענעהמונג פריי און אָפט וואולגאר.

פר. ראד.

העלאו!

פאַרשטאַדט.

זעה נור, רויטע, דו גאָר?

פר. ראד.

נו, וואָס דען, א שווארצע וועט צו דיר קומען? העלאו, דיערי!

זי קושט אַרנאַ'ן.

אַרנאַ.

קאַלט.

זיצט מיסס ראד.

פאַרשטאַדט.

נעהמט זי אַן פאר ביידע הענד.

זעה נור, זעה, ווי שעהן! דאָס וויל גאָר קיין מאָל ניט אַלט ווע־רען!

פר. ראַד.

ס'לוינט זיך מיר.

זי גיט אַ שלעפּ מיט'ן פוס אַ שטוהל און זעצט זיך.

אויך מיר אידען זיינען זיי, איך גיב ניט אַ סנעפּ פאר אזעלכע אי־דען! קענען אפילו קיין אידיש ניט ריידען.

פאַרשטאַדט.

וואָס הערט זיך מיט דיין ענגלישער טור? ווי קומסטו איצט אהער? כ'האָב דאָך געלעזען אז דו שפּיעלסט אין קליוולאַנד די וואָך.

פר. ראַד.

„קליוולאַנד מאַי אי בראו", אויך מיר אַ שטאָדט, קליוולאַנד! עס זיינען דאָרטען עפּעס דאָ מענשען, וואָס?

פאַרשטאַדט.

יאָ מענשען, ניט מענשען, שפּיעלען דארפסטו דאָך אָבער.

פר. ראַד.

כ'האָב עס אין דר'ערד, אָבגעבראָכען די גאַנצע טור.

פאַרשטאַדט.

וואָס איך הער! פאר וואָס, ווי אזוי?

פר. ראַד.

קרימט זיך.

פאר וואָס, ווי אזוי, ווייסט ניט אז גוים האַסען אידען? מ'לאָזט פּשוט ניט צו.

ארנאַ.

אויף דער ענגלישער ביהנע זיינען דאָ מעהר אידען ווי גוים, און האָבען גראדע ערפאָלג.

פאַרשטאדט.

איז פון דער גאַנצער באַמבע האָט זיך, הייסט עס, אויסגעלאָזט א — א שוועבעלע, וויפיעל, צוויי וואָכען, דאכט זיך, ביזטו געווען מיט די גוים.

ארנאַ.

ווי, דאָס פובליקום האָט ניט גוט אויפגענומען אייער שפּיעלען?

פר. ראד.

הא? „דאָס פובליקום מאַי אי בראו", ס'איז די הינטישע קריטיקער — ווארט! ווען איך וועל נור אמאָל קריגען די געלעגענהייט — ניט קיין אידען־האסער, הא? א פיזעל — האָבען זיי געזאָגט — בין איך פאר דער ענגלישער ביהנע. ווער אַנדערש ווי אן אנטיסעמיט קען דאָס זאָגען?

ארנאַ.

האָבען אייך די קריטיקער, הייסט עס, פשוט ניט פערשטאַנען...

פר. ראד.

הא? איך האָב זיי אין דר'ערד! און וועמען פערשטעהען זיי יאָ? — סעי, וואָס איז דער מעהר מיט דיר, זעה נור ווי דו זעהסט אוים, אפשר אויך געהאַט א דורכפאַל?

ארנאַ נעהמט אַ זשורנאל פון טיש, פאַנגט אָן צו בלעטערען און ענטפערט ניט.

זאָל דאָס דיך גאָר ניט פּרואווען ארען, אויך מיר מענשען, די קריטיקער, לאָז זיך אוים פון זייערע קעפּ. זיי זיינען פונקט ווי מאַנקים. ווען איינער זאָגט באָם, באָמען אַלע. ס'איז א רעגעלע אָרגאַניזירטע באַנדע, אָבער ווארט, איך וועל זיך שוין מיט זיי אָפּרעכענען. לאָמיך אמאָל נור האָבען אן אייגענעם טהעאטער!

אויפ׳ן שוועל וועל איך זיי ניט ארויפלאָזען! האָב זיי אין דר׳ערד, ארנאַ!

פאָרשטאדט.

האָסט אַ טעות, רויטע, מיין פרוי האָט גאָר אַנדערע צרות, זי איז —

ארנאַ.

פאָרשטאדט! איך בין דאָך ניט מחויב יעדען איינעם רעכענונג אָפצוגעבען!

פר. ראד.

בעטראַכט זי פּיעל בעדייטענד, ווארפט אַן אויג אויף פאָרשטאדט׳ען, צולאַכט זיך, בלייבט שטעקען אין מיטען.

אזוי? הם!

זי געהט צו צו אַרנאַ׳ן, נעהמט זי אַרום.

פור גוירל!

אַרנאַ בעפרייט זיך פון איהר.

פאָרשטאדט.

איז וואָס, דענקסטו מאַכען אַ נייעם פערזוך אין ענגליש?

פר. ראד.

הא, איך? אין ענגליש? אי שוד סיי נאָט! איך האָב זיי אין דר׳ערד. איך פרעג דיך: וואָס פעהלט מיר אויף דיר אידישער ביהנע, הא?

פאָרשטאדט.

בעטראַכט זי.

ביזט אזוי פעט געוואָרען.

פר. ראד.

הא, איך? זינט איך בין פּטור געוואָרען פון די גוים — פונקט ווי נאָך אַ קרענק.

פאַרשטאדט.

אי, רויטע, רויטע! דו הויבסט שוין אויך אָן צו קריכען אויפ'ן קאָפּ? האָסט א מאַן א יאָלד, און ער גיט נאָך. — ענגליש טהעאַטער האָט זיך איהר פערוואָלט! וואָלסט בעסער די געלד אריינגעלעגט אין מיין טהעאטער. אָט געה איך איצט אויפפיהרען א נייע פיעסע. מען וועט מאַכען געלד; מען דאַרף אָבער האָבען א גרויסע אויסשטאַטונג. ארויסנעהמען זי אויף דער פּראָווינץ איידער מען פיהרט עס אויף אין נויאָרק. — פלעגסט דאָך אמאָל מיר אויפ'ן וואָרט גלויבען, געדענקסט?

פר. ראד.

אמאָל, חכם! אמאָל איז דאָך קיין מיסים פאַרשטאדט ניט געווען.

פאַרשטאדט.

הערסט, ארטשיק? היינט האָב איך ביי איהר דעם קרעדיט פערלאָרען.
כ'וואָלט דאָך דיר ניט געהן לייהען געלט אָהן א ראָל!

פאַרשטאדט.

וואָס הייסט, אָהן א ראָל? ווילסט שפּיעלען טהעאַטער? נו, בעלאַנגסט דאָך צו דער יוניאָן! — מיר וועלען אוועקשטעלען דעם אַלטען רעפּערטואַר. דו זיי נאָר ניט קיין נאַר און מעסט ניט די ראָלען מיט קיין אַרשין. איך האָב פיינט פרויען, וואָס מעסטען. איך — וואַרט אויס, עס איז מיר עפּעס איינגעפאַלען. ארנא, יו נאָו, מוז אָבפאָהרען אין קאַונטרי, און דו וועסט —

ארנא.

פאַרשטאדט, איך וועל ניט פאָהרען, דו הערסט!

פאַרשטאדט.

צערטליך.

שא, שא ארטשיק, געה בעסער ארונטער און עס עפּעס. זי האָט דאָך נאָך היינט גאָר ניט געגעסען. געה, מיין קינד.

ארנא.
איך וויל ניט עסען, לאָז מיך אָפּ.

פאָרשטאדט.
נו, איז ניט עסען, אָבער איך בעט דיך, שריי ניט. טאָרסט זיך ניט אויפרעגען.

איינרייידענדיג.

ראַדעל איז אן אייגענער מענש. זי מעג וויסען. די אומשטענדען זיינען אזעלכע — הערסט, רויט —

ארנא.
שפּרינגט אויף.

האָסט ניט קיין ברעקעל געפיהל, קיין שאנדע. זי, זי — איך וויל ניט. וואָס פאר א מאן ביזטו!

פאָרשטאדט.
אָט פונקט דער מאן וואָס לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאשע. איך וויים וואָס איך האָב צו טהאָן. פערלאָז זיך אויף מיר. דו מוזט באלד אוועקפאָהרען. און דו, ראדעל, מאך זיך פארטיג צו דער אר־בייט. איך וועל דיר געבען איינינע מאנוסקריפּטען. נייע, אלטע — מוזט אָבער שטודירען. ניטאָ מעהר קיין „ארבעל פראָזע”. וועסט קומען וועל איך מיט דיר איינשטודירען. דו לאָז זיך נאָר לער־נען.

פר. ראד.
אודאי וועל איך זיך לאָזען לערנען. וואָס איז, דו האָסט עפּעס אמאָל געהאט שוועריגקייטען מיט מיר?

ארנא.
מיט כעס.

וואָס פאר א מענש זענט איהר? אייך ארט ניט. אימער לאָ־זען, לאָזען!

פר. ראד.

קוק אַן ווער עס רעדט! איך, גאָט זיי דאַנק, מאַך מעהר ערפאָלג ווי דו.

ארנא.

איז דער העכסטער אויפרעגונג.

מיט פארקירצטע, אָבגעשניטענע ראָלען קען מען קיין ערפאָלג ניט מאַכען. ניט איך, ניט איהר.

פר. ראד.

מיט פארקירצטע אָבגעשניטענע ראָלען קען מען קיין ערפאָלג ניט מאַכען. ניט איך און ניט איהר.

פארשטאדט.

ווייבער, ווייבער, הערט אויף! איינע קען משוגע מאַכען, אָבער צוויי — ארנא, געה און טהו וואָס איך הייס!

ארנא.

אויסער זיך

איך וועל ניט! זאָל זי געהן!

פר. ראד.

שרייט נאָך העכער.

איך זאָל געהן?! וואָס מיינסטו, ווער ביזטו? איך האָב מיט איהם געשפיעלט איידער דו ביזט געקומען, און וועל ווייטער שפּיעלען. ער האָט צו זאָגען, ניט דו.

פארשטאדט.

געוואַלד, איך ווער משוגע! הערט אויף, זאָג איך!

עס עפענט זיך די טיר. פעלער קומט אריין. אַלע בלייבען שטיל.

פעלער.

ענטשולדיגט, איך האָב געקלאפּט און געקלאפּט אָבער קיינער האָט מיך ניט געהערט.

פארשטאדט.

בייז.

וואס ווילט איהר?

ארנא.

איך האב איהם גערופען.

פארשטאדט.

געהט אלע צום טייפעל! איך האב דאך אייך געהייסען אויסבעסע־רען די פיעסע. וואס זענט איהר געקומען?

פעלער.

איהר — האט מיר געהייסען שניידען און מאדאם פארשטאדט, זי —

פארשטאדט.

שרייט אין אויפרעגונג.

זי — זי — יאלד, וואס זיקעט איהר? ! אז מען הייסט שניידען, שניידט מען!

ארנא.

מען וועט מעהר מיינע ראלען ניט שניידען! איך וועל ניט לאזען!

פ א ר ה א נ ג.

ע נ ד ע.

הינטער די קוליסען

פון

דזשעין ראוז

COPYRIGHT BY
JANE ROSE
New York, 1918
All rights Reserved

פארוואָרט.

הסכמות האָבען זייער פּלאַץ אויף תורה אָדער מוסר־ספרים, אויף א ליטעראַריש ווערק זיינען זיי איבעריג. אויב א ווערק פון ליטעראַטור קען זיך אַליין אויף די פיס ניט האַלטען, זיינען נוצלאָז אַלע אונטערשפּאַרערס.

איך שרייב דאָס איצטיגע פּאַרוואָרט, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון ליטעראַרישער הכנסת אורחים און צוליעב איינע אָדער צוויי פערזענליכע אדער זייטיגע בעמערקונגען.

מאַדאַם דזשעין ראָוז, די פערפאַסערין פון די איצטיגע איין־אַקטערס, איז גוט בעקאַנט אין די קרייזען פון אונזערע דראַ־מאַטישע פעראיינען. זי איז אויך בעקאַנט אין אונזערע ענגערע ליטעראַרישע קרייזען. פאַר׳ן ברייטען עולם און אפילו פאַר אונ־זער ברייטערער ליטעראַרישער קאָלאָניע וועט זי מעגליך אויסוויי־זען א פּנים חדשות. דאָך שרייבט זי שוין זייט איינינע יאָהר. די מייסטע איין־אַקטערס וואָס ערשיינען אין איצטיגען בוך, זיי־נען שוין געוועזען געדרוקט פריהער אין דער „פרייער ארבייטער שטימע״. דער איין־אַקטער פון קינדערשען לעבען, „דאָס גע־פינס״, איז פאַר א פּאָר חדשים ערשיענען אין „דער אידישער קינדער וועלט״.

מאַדאַם ראָוז האָט איהר לעבען לאַנג זיך אינטערעסירט מיט׳ן טעאַטער, איבערהויפּט מיט׳ן אידישען, און עס גוט בעאָב־אַכטעט. דאָס ערקלערט וואָרום גאַנצע דריי פון די איצטיגע איין־אַקטערס זיינען פון טעאַטער־לעבען. דער קענער פון דער אידישער טעאַטער־וועלט וועט גלייך דערזעהן, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט א מענשען, וואָס האָט מיט א קלוג־הומאָרים־טיש אויג ניט נאָר צוגעקוקט, וואָס עס טהוט זיך ביי אונז א ו י ף דער ביהנע נאָר אויך אַריינגעדרונגען הינטער־די־קוליסען.

אין א געוויסען הינזיכט זיינען ביי אונז די איצטיגע פּיעסעלעך

א נייע ערשיינונג. אין דער אייראפעאישער ליטעראַרטור איז די מאַניער פון בעהאנדלען דאס פאמיליען לעבען מיט א געוויסער קאלטבלוטיגער, לייכט־גראציעזער, גרויסשטאדטיגער לאכעדיגקייט קיין נייעס ניט. אויך איז דאָרט קיין נייעס ניט, אז די ליטעראַטור זאל זיך אליין נעמען אויפ'ן צימבעל. אין אייראפא האט זיך דורך דעם געבילדעט א נייער מין שפילעוודיגקייט, יענער בעזונדערער הומאָר וואס שוימט ארויס פון דער לייכטער מישונג פון ליטעראטור מיט ליעבע. (א גוטער ביישפיעל איז שניצלער'ס „ליטעראטור".)

די איצטיגע איין־אקטערס, אויב זיי שלאָגען ניט אָן קיין נייעס טאָן אין דער אידישער דראמאטישער ליטעראטור, טראָגען זיי אָבער אין איהר אריין א הויך פון ע פ ע ס ברייטערעס, א וואונק אויף ע פ ע ס זאָרגלאָזעס, אן אָנצוהערעניש אויף א נייער שפילעוודיגקייט.

„מיט א מאן א קריטיקער", זאָגט די פרוי פון'ם „קריטיקער", „איז מען אבסאָלוט זיכער; ער איז שטענדיג פערנומען מיט יענעמס קורציזיכטיגקייט." אומזיסט וועט איהר אזא אפאָריזם, אזא לייכט־ביטערליכען שפאס זוכען אין אנדערע אידישע ווערק.

מאדאם ראוז'ס שרייבען איז ווי פון א ווינקעל ארויס. קוועלט ארויס פון א טיילווייז אייגענטליכען לעבענס־בליק.

און דאָס גיט דעם איצטיגען ווערק א בעזונדערע שאטירונג. עס איז א בליק פון דער זייט. עס איז א סאָלאָ־געזאנג, וואס קלינגט ביי דער זייט פון א כאָראל.

איבערהויפט דארף דאס איצטיגע בוך קריעגען א ווארימען קבלת פנים ביי אונזערע דראמאטישע פעראיינען. קיינער פיהלט ניט אזוי די אָרימקייט פון אונזער ליטעראטור אין אָיין־אקטערס, וואָל זאָלען זיין פאסיג צו שפיעלען, ווי די דאָזיגע פעראיינען.

יואל ענטין.

25טען מערץ, 1918.

פערזאָנען.

לובריז. — א יונגער אידישער שרייבער.

פאַרשטאַדט. — א הויפּט־אַקטיאָר און דירעקטאָר פון א אידיש טהעאַטער.

עממא, רוזאָוו, הערר און מאַדאַם שטאַבע. — אַקטיאָרען.

די האַנדלונג קומט פאר אויף דער ביהנע אין פאַרשטאַדט'ס טהעאַטער. צייט: א ווינטער פריהמאָרגען. די ביהנע איז אויסגעשטאַט אויסערגעוועהנליך רייך. טירען רעכטס און לינקס. דעם סופליאָר'ס קאַסטען שטעהט אויף זיין געוועהנ־ליכען פּלאַץ. א פרעהליכער פייער ברענט אין קאַמין.

פ אַ ר ש ט א ד ט, פופציג יאָהר אַלט, הויך און דיק. זיין פּעטער, רויטער האַלז הענגט אריבער דעם ווייסען נידעריגען קאַלנער. זיין געזיכט איז פול און גלאַט. זיינע אויגען, גרוי־סע, אַרויסגעסטאַרטשעטע, קוקען מיט פעראכטונג אויף די ארומיגע. זיין יונגע, לייכטע האַלטונג איז עטוואס אָנגע־שטרענגט. זיין אנצוג איז רייך און נאָך דער לעצטער מאָדע. ער שפּאצירט ארום איבער דער ביהנע, בלייבט שטעהן ביים קאַמין, ווארפט אַריין דעם פערלאָשענעם סיגאר אין פייער און פעררויכערט אַ פרישען.

עממאַ.

קומט אריין פון לינקס. זי איז יונג, שעהן און לעבענס־לוסטיג.

טראָגט א געשמאַקפולען ווינטער־אנצוג.

גוד מאָרנינג, מר. פאַרשטאַדט!

פאַרשטאַדט.

געהט צו איהר מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס.

גוד מאָרנינג, גוד מאָרנינג, עממא, ווארום אזוי שפּעט?

עממאַ.

זיך ארומקוקענדיג.

זייט איהר אליין?

פאַרשטאַדט.

ווען נאָך דארפסטו?

עממאַ.

איהר האָט מיר געהייסען קומען היינט פריה צו פּראָבע. האָב איך געדענקט, אז אלע אקטיאָרען וועלען דאָ זיין.

פאַרשטאַדט.

קוקט אויפ'ן זייגער.

האַלב נאָך אכט, און איך האָב דיך געבעטען קומען אום אכט. דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב ליעב פּינקטליכקייט.

ער נעהמט ביי איהר צו די מוף און העלפט איהר אויסטהאָן דעם מאַנטעל, וויל ארונטערנעהמען איהר הוט.

עממאַ.

ניין, ניין.

פאַרשטאַדט.

גיט איהר א קניפּ אין באַק.

נאָך שעהנער, ווי דו ביזט, ווילסטו זיין, עה?

עממאַ.

בעטראַכט דאָס צימער.

ווי פּראַכטפאָל שעהן דאָ איז!

פאַרשטאַדט.

איאַ שעהן? דאָס איז דאָך פאַר דער מאָרגענדיגער פאַרשטע־לונג.

עממאַ.

לוברין האָט עס שוין געזעהן?

פאַרשטאַדט.

ניין. אָבער פאַר איהם אַרט מיך וועניג. אז דו שפּיעלסט, דאַרף אַלעס זיין „איי וואָן"! דו ווייסט דאָך, אז פאַר דיר איז מיר קיין זאַך ניט צו שווער.

עממאַ.

איך האָב געדענקט, אז איהר זייט ברוגז, פאַר וואָס איך בין מיט אייך ניט אויסגעפאָהרען נעכטען ביי נאַכט.

פאַרשטאַדט.

דאָס איז א בעזונדערע זאַך. פאַר דעם וועל איך זיך מיט דיר אַנ־אַנדערס מאָל אָברעכענען. מירביידע וועלען שוין דורכקומען, אָבער לוברין'ען זאָלסטו מיר ניט אריינשלעפּען אין מיטען.

עממאַ.

מיט איהם מוזט איהר זיין פאַרזיכטיג, איך בעט אייך.

פאַרשטאַדט.

פאַרזיכטיג! פאַרזיכטיג! פאַר וואָס איז ע ר ניט פאַרזיכ־טיג? ווער מען אַרט עס?

עממאַ.

אך, ער איז אזוי אָנגעשטרענגט צוליעב זיין דראַמע, און — און — ווען איהר האָט לעצטע נאַכט גערעדט וועגען ארויסוואַרפען די צווייטע סצענע פון'ם ערשטען אקט — איהר האָט שוין גענוג גע־שניטען.

פאַרשטאַדט.

די גאַנצע פּיעסע וואָלט מען בעדאַרפט ארויסוואַרפען.

עממאַ.

ברוגז'דיג.

איהר האָט מיר צוגעזאָגט, אז איהר וועט אויפפיהרען די פּיעסע — ניט שרייבען, ניט מעקען — ווי איהר האָט זיך אַליין אויסגע־דריקט.

פאַרשטאַדט.

רויכערט זיין סיגאַר, בלייבט שטעהן אויפ'ן מיטען ביהנע.

דענקסטו ניט, עממא, אז עס פאַדערט זיך נאָך א ביכער־שראַנק, אָט דאָ אין דער זייט? דהי טהינג איז דהיס, יו נאָו — ווען מען שטעלט פאַר אַ צימער פון א געלערנטען, מוז עס זיין, יו נאָו —

ער טהוט א קנאַק מיט די פינגער.

עממאַ.

מר. פאַרשטאַדט, איך פאָדער פון אייך, איהר זאָלט האַלטען אייער וואָרט.

פאַרשטאַדט.

פלוצלונג.

ווי אַלט ביזטו, עממא?

עממאַ.

וואָס עפּעס? —

פאַרשטאַדט.

איך וויל דיך פשוט אויפמערקזאם מאַכען, יו נאָו, איך וויים, אז דו ביזט ניט דאָס אונערפאהרענע קינד, פאַר וועלכען דו מאַכסט זיך.

עממאַ.

וואָס מיינט איהר דערמיט?

פאַרשטאַדט.

קוקט אויף איהר מיט צוזאמענגעדריקטע ברעמען. ברומט אַרויס.

דו ווייסט, וואָס איך מיין, און זוך מיך בעסער ניט צו נאַרען.

עממאַ.

וואָס רעדט איהר עפּעס פון נאַרען?

פאַרשטאַדט.

מיט הונגעריגע אויגען.

דו ווייסט גאַנץ גוט, אז די פּיעסע האָב איך געקויפט אויף דיין רע־כענונג.

עממאַ.

אויף מיין רעכענונג?

פאַרשטאַדט.

ניין, וואָס דען, אויפ'ן רעכענונג פון ערפאָלג? אָדער אפשר צו־ליעב די פאָר קבצנים אינ־טע־לי־גענ־טען, שרייבער, קריטיקער?

מילא, אז ער, דיין פּערפּאסער, מאכט זיך ניט וויסענדיג, וועלל, א יונגער מאן וויל צוקומען צום פּסוק, יו נאָו, אונטער אלע אומ־שטענדען... ס׳איז ניט מיינע ביזנעס. איך גיב איהם זאָגאר קרע־דיט... אָבער דו — דו ביזט דאָך ניט קיין גרינע, דו ווייסט דאָך, אז איך וואָלט אויף אזא זאך אפילו א קוק ניט געטהאָן.

מיט האַס.

עפּעס א ראָלע האָב איך דאָרטען? אז אָך און וועה, איך דארף שפּיעלען אן אלטען מאן, און דערצו נור בלויז פּאָרקומען אין צוויי אקטען. וואָס איז, א שלעפּער האָט זיך פּערוואָלט —

עממאַ.

אוי, רעדט ניט אזוי.

פּאָרשטאַדט.

פאר וואָס ניט?

עממאַ.

ער וואָלט אונז ביידען דער׳הרג׳עט.

פּאָרשטאַדט.

ער וועט ניט הרג׳ענען, האָב קיין מורא ניט. ער איז גאָר ניט אזא נאַר. א ביסעל אָנגעצויגען, בלאָזט זיך, אָבער אזוי זיינען שוין אלע, אָט די יונגע חברה, ווען מ׳לאָזט זיי צו — די וועלט איז דאָך קיין וועלט ניט געוועזען איידער זיי האָבען אָנגעהויבען שריי־בען, האַ־האַ־האַ! זיי זיינען דאָך אונזערע ערלייזער. זאָל ער מיי־נען, אויב ער וויל, אז ער שטעלט מיך אויף די פיס, אז איך בין דאָ פון זיעבען א זייגער אין דער פריה צוליעב זיין פּיעסע, אז צוליעב איהם האָב איך בעצאָהלט די סטיידזש־קאָרפּענטערס עקס־טרא, אום צו האָבען אלעס פּאַרטיג פאר דער גענעראל־פּראָבע. פון זיינעטוועגען, פון זיינעטוועגען, הא, קעצעלע מיינס?

ער נעהמט אריין איהר געזיכט אין זיינע הענד.

דו קליינע מכשפה, פאר וואָס אנטלויפסטו פון מיר?

עממאַ.

שפּרינגט אָפּ פון איהם.

זינט איך האָב לוברין׳ען דערקענט, בין איך אן אנדער מענש געוואָ־רען, און איך האָף —

פאַרשטאדט.

אויב דו וועסט מיר דעם וועג ניט פערשטעלען, קענסטו אויף אלעם האָפען.

עממאַ.

מיט געבעט.

מר. פאַרשטאדט!

פאַרשטאדט.

וואָס טהוט זיך דאָ מיט דיר? ביזט דאָך קיינמאָל אזוי ניט געוועזן! א מאָל —

עממאַ.

איהר דארפט מיר ניט דערמאָנען, וואָס א מאָל איז געוועזן. היינט איז דער טאָג שעהן און איך וועל זיין גוט.

פאַרשטאדט.

קאַלט.

און איך מוז ארויסשניידען די סצענע פון ערשטען אקט, און דער לעצטער אקט געפעלט מיר אויך ניט. איך וועל מוזען שניידען.

עממאַ.

ניין, ניין, דאָס וועט איהר ניט טהאָן; לוברין וועט ניט דערלאָזען.

פאַרשטאדט.

ער זעצט זיך אויף א שטוהל, ציהט אוים די פּים אויפ'ן טיש, און רעדט, ציהענדיג די ווערטער, מיט א טאָן פון נצחון.

אויב דיין פּאָעט וויל, אז איך זאָל שפּיעלען, ווי ער שרייבט, דארפסטו קיין נאר ניט זיין... דארפסט פערשטעהן, אז די זאך איז א דורכפאל.

עממאַ.

ענטהוזיאסטיש.

ניין, ניין, די פּיעסע וועט זיין א גרויסער ערפאָלג, איהר וועט זעהן!

פאַרשטאדט.

שניידענד.

א דורכפאל, אן אבסאָליוטער דורכפאל.

ער שפּרינגט אויף.

אבער מיך ארט ניט! זאל זיין, וואס עס וויל. מיין ערפאלג מיט דיר איז מיר פיעל וויכטיגער, ווי דיין שלעפער דארטען —

עממא.

איך וויל ניט, איהר זאלט איהם רופען שלעפער. ער איז רייכער פון אונז אלע. א — גרויסער טאלאנט, א וואונדערבארער זשע־ניע איז ער. זאל נור די דראמא אויפגעפיהרט ווערען, אזוי ווי ער האט איהר געשריבען, וועט איהר זעהען, ווי בעריהמט ער וועט ווערען, און איהר וועט האבען די גרעסטע עהרע פאר דער אויפפיהרונג פון אזא ליטעראַרישע זאך.

פארשטאדט.

חא־חא־חא! אלע ליטעראַרישע עהרעס וועל איך דיר אוועקגע־בען פאר איין קוש.

ער וויל איהר קושען.

עממא.

איהם אויסמיידענדיג. לאכט געצוואונגען.

אויף דער ביהנע וועט איהר מיך קענען קושען, וויפיעל אייער הארץ געלוסט.

פארשטאדט.

סטראשעט איהר מיט'ן פינגער.

מיט א ביהנען־קוש וועסטו מיך ניט צופריעדענשטעלען... מיר קע־נען נארען דאס פובליקום, אבער —

עממא.

ווען איהר זאלט וויסען, ווי איך לייד, וואלט איהר אפשר מיטלייד געהאט מיט מיר. עס קען זיין, אז איהר האט א געוויסע רעכט צו פאדערען, ווייל צוליעב מיר האט איהר אפשר די פיעסע גע־קויפט, אבער — אבער — איך קען ניט זיין פאלש צו איהם. א מאל איז געווען אנדערש. איך בין געווען א פרייער פויגעל, גע־ליעבט אלעמען און ניט געדארפט קיינעם נארען. ס'איז אמת, אלע מענער זיינען שלעכט. אבער איהר זייט דאך א פאטער, איהר האט קינדער, ווי איך...

פארשטאדט.

אי, דו הויבסט אן מאראל פרעדיגען. דאס, יו נאו, האב איך פיינט.

עממאַ.

איך פרעדיג ניט, איך בעט. איך האָב אייך אייער טשעק צו־ריקגעבראכט. ווערט ניט בייז. איך קען איהם קיין ליגען ניט זאָגען. ער — ער מיינט, איהר זיינט פערליעבט אין מיר.

פאַרשטאדט.

שיפעט ארויס.

נו, טאָר איך ניט? ער איז דאָך אַ פּאָ־עט, מעג ער.

פויזע.

עממאַ.

פערטראכט.

ווען איך זאָל אזוי ניט ליעב האָבען דאָס לעבען, וואָלט איך בע־גאנגען זעלבסטמאָרד.

פאַרשטאדט.

אָט האָסטו דיר. איך זאָג, אז זיי זיינען אן אונגליק פאר אלע־מען, זיינען זיי, אָט די — ליטעראטען, פּאָעטען, פאר אלעמען! פאר'ן טהעאטער, ווי פאר די אקטיאָרען.

עממאַ.

מיין הארץ זאָגט מיר, אז עפּעס שרעקליכעס ועט פּאסירען.

פאַרשטאדט.

א מין פערקאָכעניש דאָס איז! און אזא שלעפּער האָט דאָס דעם גליק! אז איך זאָג — אקטיאָרען מוזען זיין פריי, ווייס איך, וואָס איך רעד. איבערהויפּט אקטריסעס. ער נעהמט אוועק דיין גאנ־צע צייט. אָט, צום ביישפּיעל, וויל איך פּאָהרען זעהן, ווי די קליידער פּאסען דיר, נו, ועסטו שוין אודאי געפינען א תירוץ.

עממאַ.

יא, די קליידער — איך וויל ניט, איהר זאָלט בעצאָהלען —

פאַרשטאדט.

וואָס איז שוין ווידער?

עממאַ.

אויב איך מוז ערשיינען אויף דער ביהנע אין אזעלכע קאָסטבארע קליידער, מוזט איהר העכערען מיין געהאלט.

פאַרשטאדט.

איך צאָהל גענוג, מעהר ווי גענוג. און אויב איך גיב דיר א טשע־

קעל דאָ און דאָרטען, איז עס ניט קיינעמס עסק. איך האָב ליעב צו מאַכען פּרעזענטען, יו נאָו.

עממאַ.

וואָס איז דער אונטערשיעד? העכערט מיין געהאלט, וועל איך אליין בעצאָהלען פאר מיינע זאכען.

פאָרשטאדט.

ניין, קעצעלע מיינס, דאָס ניט. איך האָב ליעב צו צאָהלען פאר יעדע זאַך בעזונדער...

ער וויל זי ארומנעהמען. זי שפּרינגט פון איהם אָב. בעהאלט זיך הינטער א שטוהל. ער גיט א וואָרף דעם שטוהל אָן א זייט, כאַפּט אָן איהרע הענד.

אויב דו ווילסט, אז די פּיעסע זאָל אויפגעפיהרט ווערען, ווי דיין פּאָעט פאָדערט, דארפסטו זיך אַנדערש פערהאַלטען צו מיר. דו הערסט? פערשטעהסט?

עממאַ.

ששש... איהר הערט גאָר ניט?

פאָרשטאדט.

זיך צוהערענדיג.

יאַ, די אַקטיאָרען זיינען שוין דאָ. קום צו מיר אין אָפיס.

עממאַ.

אין אָפיס? ניין, ניין!

זי קוקט איהם אָן צושראָקען.

פאָרשטאדט.

לאָזט איהר אָב.

גוט, ווען דיין וואונדערבארער זשעניע וועט קומען, שיק איהם אריין צו מיר. איך האָב איהם עפּעס צו זאָגען, איידער מיר הויבען אָן פּראָבע.

ער געהט צו צום טיר.

עממאַ.

מר. פאָרשטאדט!

שמערצליך.

פאַרשטאַדט.

בלייבט שטעהן.

אויב דו האָסט מיר עפּעס צו זאגען, דאן קום צו מיר אין אָפּיס.

עממאַ.

איך —

פאַרשטאַדט.

אין אָפּיס, אין אָפּיס.

אָב רעכטס.

עממא בלייבט שטעהן אייניגע סעקונדען ווי צוטומעלט. דער שמערצליכער אויסדרוק אויף איהר פּנים ווערט נאָך טיעפער. באַלד גיט זי זיך אַ טרייסעל און געהט שנעל אָב רעכטס. פון לינקס קומען אריין רוזאָוו, הערר און מאַדאַם שטאָבע.

מאד. שטאָבע.

אָה, דאָ איז דאָך א פערגעניגען, ווארעם.

ה' שטאָבע.

נאָך קיינער ניטאָ. כ'האָב דיר געזאָגט, אז עס איז נאָך צו פריה. פערגינט ניט דאָס לעבען! פון בעט ארויסגעשלעפּט.

מאד. שטאָבע.

ווען דו קומסט אָבער אהיים אין צייט, ניט שפּיעלען אין קאָרטען ביז —

שטאָבע.

בעקלאָג זיך ניט, זיי צופריעדען, וואָס דו לעבסט אויף דער וועלט. לייטישע מענער קומען אין גאנצען ניט אהיים.

רוזאָוו.

ער רעדט מיט אַ שאַרף רוסישען אַקצענט, אָבער ער שטרענגט זיך אָן צו רעדען די ביהנע־שפּראַך.

אך, גאָספּאָדא, ווי ווארעם דאָ איז!

שטאָבע.

ווי עס זעהט אויס, איז מען שוין פארטיג צום שפּיעלען.

רוזאָוו.

בעטראַכטענדיג יעדען געגענשטאַנד.

צום שפּיעלען? ניין, דאָס צימער איז צו רייך פאר א געוועהנלי־כען קאַבינעט. אבער וועגען דעם וועט שוין דער אויטאָר זאָר־

גען. איהר ווייסט, גאָספּאַדאַ, איך בעוואונדער איהם. ער פערדיענט רעספּעקט פאר זיין שטאַרקער האַלטונג. ביי איהם איז ניטאָ קיין בעטען, ער פאָדערט.

מאַד. שטאַבע.

ווינקט.

עס וואָלט איהם א סך געהאָלפען דאָס פאָדערען, ווען ניט עממא.

רוזאָוו.

נאַאיוו.

וואָס הייסט, ווען ניט עממא?

שטאַבע.

אָט, הערט זיך ניט צו צו איהר. שוין, דאכט זיך, ניט קיין יונג מיידעלע, און האָט נאָך אַלץ ליעב צו פּלאַפּלען.

רוזאָוו.

דאָס איז אַן אמת ליטעראַרישע זאַך, ס'וועט זיין א גרויסער ערפאָלג.

שטאַבע.

ליטעראַטור און — ערפאָלג, מ'נאַ! א גרינער בלייבט א גרינער. איך פערשטעה נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט, ווי אזוי מ'האָט אייך צוגעלאָזט צום פּסוק; די יוניאָן איז דאָך אזוי פּאַרטיקולאַר.

מאַד. שטאַבע.

וואָס זשע, ווען ער רעדט די ריכטיגע שפּראַך, וואָלט מען איהם עפּעס צוגעלאָזט? אָט, א ליטוואַק, ווען ער עם?

רוזאָוו.

נו דעריבער בין איך דאָך ביי אייך א קוואַרטיראַנט געוואָרען. איך פערשטעה דען ניט, אז איך מוז לערנען די ביהנע־שפּראַך?

שטאַבע.

שוין דריי מאָנאַטען, ווי ער „קוואַרטיראַנטעוועט" און דער „וואָס" און „דאָס" שלעפּט זיך איהם נאָך אַלץ נאָך.

רוזאָוו.

דאָס איז דערפאַר, ווייל איך בין נאָך ניט אין גאַנצען איבערציינגט, אז אייער שפּראַך איז די ריכטיגע. איך שטודיר יעצט די געשיכטע פון דער ביהנע־שפּראַך. פערשטעהט מיך, גאָספּאַדאַ, אַט

וואָס. אויף דער ביהנע מוז גערעדט ווערען די אמת אידישע שפּראַך, אָבער וועלכער איז דער אמת'ער אידיש, ווייס איך נאָך ניט. אַט נעהמט, צום ביישפּיעל, די דייטשע ביהנע.

שטאָבע.

ווייס איך וואָס? אמת'ער אידיש, ריינער אידיש! מ'וועט שוין באַלד וועלען, מיר זאָלען רעדען אידיש אויף נאָטען.

מאַד. שטאָבע.

זעה נור, זעה נור, גאַר ווי דער פּערפאַסער. איהם געפעלט אויך קיין זאַך ניט. ער לערענט פּשוט, ווי צו געהן, ווי צו שטעהן, ווי צו רעדען. איך בין, גאָט צו דאַנקען, אויפגעוואַקסען אויף דער ביהנע, דאַס לויב־געזאַנג פון אַלעמען ביי יעדער נייער פּיעסע, די צייטונגען זיינען דאָך פול מיט מיין שפּיעלען.

שטאָבע.

האָסט אַ טעות, נישט די צייטונגען, נור מיין קאָפּ... צוויי שוואַכ־קייטען האָט מיין פרוי, פון וועלכע איך מוז ליידען: איהר שפּיע־לען און איהרע יאָהרען. איך —

מאַד. שטאָבע.

וואוהין פּערקריכסטו, שטאָבע? מ'רעדט דאָך וועגען דער נייער פּיעסע, וואָס מ'האָט אויסצושטעהן פונ'ם פּערפאַסער.

רוזאַוו.

איך פערשטעה ניט, וואָס איהר האָט אויסצוזעצען געגען אונזער יונגען אויטאָר. פאַר מיר איז ער די פערקערפּערונג פון איינ־פאַכקייט, דער סימבאָל פון מאָדערניזם. און דאָס איז אַ פרעה־ליכע ערשיינונג אין דעם אידישען טהעאַטער. איהר דאַרפט ניט פערגעסען, אז די צייט ערלויבט אונז ניט צו שטעהן אויף איין אָרט. אויב אַלעס ווערט געענדערט ביי אונז, ווי ביי אַלע פעל־קער, טו וואָרום ניט די שוישפּיעל־קונסט?

מאַד. שטאָבע.

וואָרום איז מען געוועזען קינסטלער ביז יעצט, האַ? וואָרום, פרעג איך? אַן אונגליק דאָס איז — ווי נור די חברה שטעקען אריין די נאָז, טויגען שוין די אַלטע ניט.

רוזאַוו.

מיט היץ.

נו, געווים, אין דעם איינפאכען, ווי אין דעם ארטיסטישען לע־בען, דאס אלטע שטארבט אב און דאס נייע פערנעהמט דעם פלאץ. די אידישע ליטעראטור, דאס אידישע טהעאטער וואלט שוין לאנג אונטערגעגאנגען אהן דער שטיצע פון די יונגע.

שטאבע.

איהר וועט מיר ענטשולדיגען, מיסטער יונגער, אויב איך מוז אב־שטארבען, לאמיך אייך כאטש זאגען דעם אמת: אט, צום ביי־שפיעל, קומט איהר, א יונגער מאן אהן פיעל טאלאנט, אהן א שפראך און ווילט דוקא פערנעהמען מיין פלאץ.

רוזאוו.

אך, איהר האט מיך ניט פערשטאנען!

מאד. שטאבע.

מ'פערשטעהט, מ'פערשטעהט, ס'איז גאר ניט אזוי געפעהרליך.

שטאבע.

איהר דענקט טאקי אודאי צו ווערען איינער פון אונזערע גרעסטע.

רוזאוו.

מיט זעלבסטווירדע.

עס איז מיין הייליגע אויפגאבע זיך אין גאנצען איבערצוגעבען צו דער אידישער קונסט. איך וויס, עס פעהלט מיר פיעל, זעהר פיעל, נו, וועל איך לערנען, ארבייטען —

שטאבע.

אבער די שפראך, די שפראך אייערע די ליטווישע.

רוזאוו.

איהר קענט דאך ניט פערלאנגען, אז דערפאר, ווייל איך בין גע־בארען געווארען אין דער ליטא, זאל איך דערשטיקען מיין נייגונג צו דער ביהנע. גיט מיר נור צייט, און איך וועל זיך ענטוויק־לען צו דער העכסטער שטופע.

שטאבע.

אך, מיין פריינד, ווען איהר וועט אבדיענען צוואנציג יאהר דער אידישער ביהנע, ווי איך, וועט איהר זינגען אן אנדער ליעדעל. ארבייט, שטודירט, ענטוויקעלט זיך, וויפיעל איהר ווילט אבער דער־לאנגען, וואוהין איהר שטרעבט, דאס, ברודער, לא. איך בין אויך אמאל געוועזען אמביציעז, געארבייט, געהאפט, געטרוימט, קיין נעכט

ניט געשלאָפען, ראָלען שטודירט, געלערענט. אין יעדער קליי־ניגקייט זיך אריינגעלעבט. ניט נור אין מיין אייגענע ראָלע, נור די גאַנצע פיעסע, אַלע כאַראַקטערע שטודירט, געזוכט אין לעבען די טיפען, וועלכע איך האָב בעדאַרפט פאַרשטעלען אויף דער ביהנע. פלעג שטונדען־לאַנג ביים שפּיעגעל שטעהן, יעדע בעוועגונג מיינע שטודירט, און צום פּובליקום אַ פאָלקאָמענע זאַך געבראַכט.

פויזע. ער בלייבט שטעהן ביים קאַמין, קוקט פערטראַכט אין פייער, ווי ער וואָלט דאָרט זיין פערגאַנגענהייט געזעהן. רוזאַוו בעטראַכט איהם מיט אַכטונג. מאַדאַם שטאַבע, מיט רחמנות. ער לאָזט אַרויס אַ שטאַרקען זיפץ.

ע־עך! ווען מ׳לעגט קיין האַלץ ניט צו, געהט אויס... דיזעלבע גלייכגילטיגקייט, דיזעלבע קאַלטקייט פון אַלעמען. די סטאַרס, די מענעדזשערס, די פּרעסע, זאָגאַר די אייגענע קאָלעגען... און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ווערט די ענערגיע פערברענט, דאָס פייער לעשט זיך אויס, און וואָס ווייטער, ווערט אַלץ שווערער אין קאַלטען אש אַ פרישען פייער אויפצובלאָזען. דער טהעאַטער, דער טעמפּעל פון קונסט, פערוואַנדעלט זיך אין אַן איינפאַכען וואָרקשאָפּ, וואו מ׳קומט פערדיענען דאָס שטיקעל ברויט. דאָס פּובליקום, פאַר וועלכען מ׳פלעגט אַ מאָל ערשיינען מיט ציטערענדע קניה און אַ קלאַפּענדע הארץ, ווערט וואָכעדיג. אַ מאָל, ווען זיי האָבען ניט גענוג אַפּלאָדירט, פלעג איך זיך אויפעסען אַ לעבעדיגען: אודאי ניט גענוג שטודירט, ניט גענוג אויפגעפּאַסט. היינט —

ער כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף.

היינט!

רוזאַוו.

געהט צו און לעגט אַרויף זיינע הענד אויף שטאַבע׳ס אַקסלען.

איך האָב פאַר אייך דעם גרעסטען רעספּעקט, הערר שטאַבע, אָבער איינשטימען מיט אייך קען איך ניט. איך גלויב הייליג אינ׳ם פּובליקום, און איך פערזיכער אייך, אז נאָך היינט וואָלט איהר עס געקאָנט בעגייסטערען מיט אייער שפּיעלען, ווען איהר שטודירט אייער ראָלע מיט ענערגיע, לעבען —

מאד. שטאַבע.

אַט דאָס זאָג איך דאָך. ווען ער שפּיעלט ניט אין קאָרטען יעדע מינוט, וואָס ער איז ניט אויף דער ביהנע, וואָלטען די משה'ס נאָך היינט אויך פון איהם הנאה געהאַט.

שטאַבע.

ווייס איך וואָס! וואו האַלטען מיר ערגעץ אין דער וועלט?

ער נעהמט אַרויס זיין זייגער.

אַי, מיין זייגער האָט זיך גאָר אָוועקגעשטעלט.

רוזאָוו.

נעהמט ארויס זיין זייגער.

ביי מיר איז האַלב עלף.

שטאַבע.

אייערער לויפט.

מאד. שטאַבע.

וואַרט א מינוט, אַט וועל איך אייך זאָגען, מיינער געהט ריכטיג, ס'איז פונקט האַלב נאָך ניין.

שטאַבע.

און פון די סטארס איז נאָך קיין סימן ניטאָ.

רוזאָוו.

זיי וועלען דאָ געווים באַלד זיין.

שטאַבע.

וועמען אַרט עס, זאָלען זיי ניט קומען. קומט, איהר שפּיעלט א פינאָקעל?

רוזאָוו.

ניין, איך מוז מיין ראָלע שטודירען.

שטאַבע.

נו, וועל איך זיך געהן אויסזוכען א שעהנעם וואַלד הינטער דער ביהנע און כאַפּען א דרעמעל.

אַב לינקס.

מאד. שטאַבע.

שטענדיג איז דאָס שלעפעריג.

רוזאָוו.

נעהמט אַרויס א מאַנוסקריפּט פון טאַש, לעזט שטיל. באַלד לעגט

ער איהם אַוועק, פאַנגט אָן אַרומצוגעהן לאַנגזאַם איבער'ן הינטער־גרונד פון דער ביהנע, רעדט פון אָנפאַנג שטיל, אָבער וואָס ווייטער אַלץ העכער.

ניין, ניין, מיין פריינד, איך וועל עס דיר קיינמאָל ניט צוגעבען. עס איז דאָך ניט מעגליך, אז א שעהנע יונגע פרויענצימער, וועל־כע איז געזונד אויף אלע אברים, זאָל זיך קענען צופריעדענשטע־לען מיט אן אַלטען, קראַנקען מאַן. ניט מעגליך, ניט מעגליך.

מאַד. שטאַבע.

קוקט איהם אָן די גאנצע צייט מיט פערליעבטע אויגען.

און מיט א מאַן, וואָס שלאָפט, ווען ער שפּיעלט ניט אין קאָרטען, קען מען זיך צופריעדענשטעלען?

רוזאָוו.

פערטיעפט אין זיין ראָלע.

ניט מעגליך, ניט מעגליך.

מאַד. שטאַבע.

קאָקעטיש.

וואָס־זשע, און אזא יונגען מאַן, ווי איהר, דאַרף מען אויך וועקען?

רוזאָוו.

צוטומעלט.

האַ, וואָס?

מאַד. שטאַבע.

לאַכט.

האַ, וואָס? — ליטוואַק.

זי פיהרט איהרע פינגער דורך זיינע האָר.

וואו האָט איהר עס גענומען אזעלכע געדיכטע שווארצע האָר, האַ?

רוזאָוו.

איך — מיר — מיר וועלען דאָך אודאי מוזען היינט דורכגעהן די גאַנצע פיעסע און זיי זיינען נאָך ניטאָ.

מאַד. שטאַבע.

א זאָרג האָט איהר — זיי זיינען אימער שפּעט, אָט קומט, לאָמיר זיך גאָר א ביסעל דורכשפּאַצירען. דאָס וועטער איז אזוי שעהן, און דאָ קען דאָך דער פערפאַסער אָנקומען און וועלען דורכגעהן די

שוואַכע סצענעס. ער מאַכט מיך קראַנק מיט זיינע שוואַכע הצענעס.

רוזאַוו.

איך גלויב, מאַדאַם, אַז מיר זיינען ווירקליך ניט שטאַרק גענוג אין אונזערע ראָלען. מיר מוזען זיך מעהר אַריינלעבען, שטודירען.

מאַד. שטאַבע.

שטודירען, שטודירען! וואָס מיינט איהר, מ'קען עפּעס לעבען מיט'ן בלויזען שטודירען?

רוזאַוו.

יאַ, יאַ, איך קען.

מאַד. שטאַבע.

גענהט, מאַכט זיך ניט נאַריש. אַ יונגער, געזונדער מאַן, האַ־האַ־האַ! ס'איז אונמעגליך, אונמעגליך!

זי כאַפּט איהם אָן פאַר'ן האַנד און פיהרט איהם שנעל אַרויס. איניגע סעקונדען בלייבט די ביהנע לעדיג. באַלד בעווייזט זיך לוברין אין דער אונטערשטער באָקס, לינקס. ער שפּרינגט אַרויף אויף דער ביהנע, קוקט זיך אום, געהט צו צום קאַמין, וואַרעמט זיך די הענד. דאַן נעהמט ער אַראָפּ זיין הוט און אויבער־ראָק און וואַרפט זיי אויף אַ דערביישטעהענדען שטוהל. ער נעהמט אַרויס אַ סיגאַרעט, פערראויכערט. איניגע סעקונדען קוקט ער בעוועגלאָז אין פייער. וואַרפט אַריין דעם סיגאַרעט אין קאַמין. נעהמט אַרויס אַ מאַנוסקריפּט פון בוזעם־טאַש, פערטיפט זיך אין לעזען. ער איז 28 יאָהר אַלט. עטוואָס נערוועז און אונגעדולדיג. די האָר לענגער ווי געוועהנליך און גראָה ביי די שלייפען. זיין בלאַס, לענגליך פּנים דריקט אויס ענערגיע און זעלבסטבעוואוסטזיין. זיין קליידונג איז נאַכלעסיג, אָבער ריין. די טיר לינקס עפענט זיך גאַנץ שטיל. עממאַ קומט אַריין. זי וויל עפּעס זאָגען, אָבער האַלט זיך צוריק.

עממאַ.

פערנייגענדיג זיך קאָמיש.

ענטשולדיגט, מיסטער — איך מיין — הערר לוברין!

לוברין.

אַך, הער אויף צו שפּאַסען, עממאַ.

עממא.

גנעדיגער הערר, כ'האב ניט געוואוסט, אז איהר זענט הײנט פונקט אזוי שלעכט געשטימט, ווי נעכטען. אלזא, שנעל אויף די קניה און בעט מיך אום פערצייהונג פאר הײנט און פאר נעכטען.

לוברין.

עטוואס ווייכער.

דו ווייסט, ווי איך האב ליעב די טהעאטראלע שטיק.

עממא.

זעהסטו, און איך דיינע פאעטישע שטיק האב גראדע יא ליעב.

לוברין.

עס איז ניטא אזא זאך, ווי פאעטישע שטיק. פאעזיע איז פריי פון אלעס, וואס איז געקינסעלט.

עממא.

איך ווייס, ווי פריי דיין פאעזיע איז. דו מאכסט עס מיך פיהלען אויף יעדען טריט און שריט. ווען דיר האט זיך בלויז אויסגעדוכט נעכטען —

לוברין.

אויס—גע—דוכט!

עממא.

נו, זאל זיין ניט אויסגעדוכט. איך ווייס ניט, וואס פאר א פער־ברעכען איך וואלט בעגאנגען, ווען איך וואלט געפאהרען מיט פאר־שטאדט'ן.

לוברין.

פערקעהרט, א גרויסע טובה וואלסטו דערמיט געטהאן איהם.

עממא.

דאן טהו איהם דו טובות. ביזט איהם עפעס שולדיג.

לוברין.

איך?

עממא.

אזא מאן, ווי פארשטאדט, איז ניט געוואוינט זיך צו לאזען לער־נען. האסט בעדארפט זעהן אין אנדערע פיעסען, ווי ער שניידט און גיט צו אייגענע.

לוברין.

זיינע אַלטע מעטאָדען קענען ניט געהן אין אַ מאָדערנער זאַך.

עממאַ.

די אַנדערע האָבען דיין פּיעסע ניט געוואָלט אויפפיהרען און ער האָט זי יאָ געקויפט, דארפסטו איהם דאַנקבאַר זיין.

לוברין.

איך האָב קיינעם ניט פאר וואָס דאַנקבאַר צו זיין. אויב ער האָט מיין דראמא אויפגענומען, מוז ער זיך אונטערוואַרפען אונטער מיי־נע בעדינגונגען. דאַנקבאַר זיין פאר די אויסגעשניטענע סצע־נעס! איך וועל עס מעהר ניט דערלאָזען, דו הערסט?

עממאַ.

וואָס וועסטו טהאָן, אז ער וועט דאָך אויסשניידען די סצענע?

לוברין.

ער וועט ניט וואַגען. איך וועל עס ניט דערלאָזען.

עממאַ.

אָה, דו קענסט זיי נאָך ניט. ווען זיי פערגלוסט זיך עפּעס, קען עס זיין דאָס טעלעריל פון הימעל —

לוברין.

נעהם איך צו מיין מאַנוסקריפּט און שיק אהים אויפ'ן הימעל נאָכ'ן טעלעריל.

עממאַ.

ביזט דאָך אזוי גליקליך געווען, דאָס ענדליך האָט זיך געפונען איינער, וואָס פערשטעהט דעם ווערטה פון אזא ווערק, האָסט אזש געטאַנצט פאר פרייד מיט דיינע קאמעראַדען. געדענקסט, ווען איך בין דיר געקומען אַנזאָגען? מיט א מאָל אזוי גלייכגילטיג צונעהמען דעם מאַנוסקריפּט — איין קלייניגקייט!

לוברין.

גלייכגילטיג! אַך, עממא, דו וועסט קיינמאָל ניט פערשטעהן, וואָס מיך קאָסט זיך צו האַלטען רוהיג, ווען ער צייגט ארויס אזאַ גראָבע גלייכגילטיגקייט. יעדער זאַץ, יעדעס וואָרט איז א שטיק פון מיין הארץ, וועלכעס ער שניידט אויס.

עממאַ.

אָבער ווען מען איבערצייגט דיך, אז א מאָנאָלאָג אָדער א געוויסע סצענע איז ניט גוט, קען זאָגאר שאדען דער האַנדלונג —

מיט וועהטאָג.

לוברין.

ביים קינסטלער געפינען זיך ניט קיין איבעריגע סצענעס אדער שלעכטע זאַצען. די אונגעראָטענע קינדער זיינען אימער, אימער טהייער זייער מוטער אוג פ'טהוט איהר וועה, ווען מ'שלאָגט אָדער מען בעליידיגט זיי.

פויזע.

עממאַ.

דו זאָגסט, אז איך פערשטעה דיך ניט. אפשר איז בעסער, דו זאָלסט אזוי מיינען. בעסער, בעסער, יא. וואָרים, נאָך אלעמען, בין איך ניט מעהר, ווי — ווי — ווי נו, א שוישפּיעלערין, וועל־כע מוז אימער שמייכלען, מאכען א גוטע מינע צום בייזען שפּיעל...

לוברין.

וואָס מיינסטו, איך פערשטעה דיך ניט?

עממאַ.

איך מיין דאָס פּובליקום, נאַטירליך. חאַ־חאַ־חאַ! אָט לאָמיר בעסער אוועקוואַרפען, פערגעסען דאָס אונאַנגענעהמע און נור לע־בען מיט אונזער אמת'ער ליעבע, אונזער גליק.

לוברין.

אמת'ע ליעבע.

עממאַ.

ווען איינער איז פעהיג צו ברענגען אן אָפּפער, איז עס דען ניט אמת'ע ליעבע?

לוברין.

עס ווענדט זיך צוליעב וואָס און ווי אזוי דער אָפּפער ווערט גע־בראַכט.

עממאַ.

אָט, צום ביישפּיעל, ווען איך זאָל מוזען טהאָן עפּעס א זאַך, עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, צוליעב דיר, צוליעב דיין דראמא —

לוברין.

דריקט איהר האַנד.

מיין גוטע, ליעבע עממא! וואָס קענסטו מעהר טהאָן, ווי שפּיע־לען דיין ראָלע גוט, ארייננגעבען דיין גאנצע פייערדיגע נשמה, אזוי, אז די אנדערע זאָלען היננעריסען ווערען?

עממאַ.

יא, אָבער דאָס וועל איך דאָך סיי ווי סיי טהאָן, און יעדער אַק־טיאָר טהוט דאָס זעלבע.

לוברין.

דאָס זעלבע — אָט איז שוין מאָרגען די פאָרשטעלונג און מאַנ־כע פון זיי קאָנען נאָך די ראָלען ניט. הויבען מיך ניט אָן צו בע־גרייפען. די כאראקטערע מוזען פאָרגעשטעלט ווערען איינפאך און רעדען א פּראָסטען אידיש. און זיי! אך, זייער אידיש! זיי ווילען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, אז מענשען, וועלכע זיינען געבאָרען און ערצויגען אין איין שטאָדט, זאָגאר אין איין גאַס, דארפען רעדען איין שפּראַך, איין דיאלעקט.

רעדט מיט א טרויעריגען, שטילען וועהטאָג.

אך, וויפיעל איך האָב דאָס געבענקט נאָך אָט דעם מאָרגען, וואָס פאר א וואונדערליכע פעדים האָט מיין פאנטאזיע אויסגעשפּונען... יאָהרען לאַנג האָב איך געארבייט, געשריבען און איבערגעשריבען, געשליפט, געפּוצט יעדעס וואָרט ביז עס איז עטוואס גאנצעס ארויסגעקומען און איצט וויל מען דעם פּובליקום עפּעס אנדערעס געבען. עממא, ווי וואָלט איך איצט געוואָלט, אז עפּעס אוננאַ־טירליכעס זאָל פּאסירען און מיין פּיעסע זאָל מאָרגען ניט אויפ־געפיהרט ווערען...

עממאַ.

ניין, ניין, רעד ניט, דאָס וואָלט זיין א שרעקליכע ענטטוישונג פאר דיר און פאר אונז אלע.

לוברין.

ביטער.

ס'וועט גאָר ניט פּאסירען. ניטאָ קיין נסים. דער איינציגער נס וואָלט איך אליין געקאָנט זיין, איינפאך, צונעהמען דעם מאנו־סקריפּט, האָב איך אָבער ניט די נויטיגע קראפט, דעם מוטה דאָס

צו טהאָן. טויזענד יאָהר ווייט וואָלט איך איצט געוואָלט זיין פונ'ם מאָרגען, און צו דערזעלבער צייט איז מיר יערע מינוט א יאָהר. איך וואַרט מיט אונגעדולד, מיינע אַלע נערוועז אָנגע־שטרענגט אויף איין פונקט; ווען דער פאָרהאַנג וועט זיך אויפ־הויבען.

עממאַ.

ענטהוזיאסטיש.

אַך, עס וועט זיין אַן ערפאָלג, אַ גרויסער ערפאָלג, וועסט זעהן. און ווען זאָגאר עטוואס איז יאַ געענדערט, וועט דאָס פּובליקום אויך ניט וויסען. נאָך אַלעמען, וואָס פערשטעהען זיי? שפּראַך, דיאַלעקט. —

לוברין.

קליינינקייטען זיינען דאָס ביי אייך. געוויס ווייסען זיי ניט, ווייל איהר אַליין ווייסט אויך ניט. איהר האַלט זיי אין דער פינס־טערניש.

עממאַ.

בערוהיג זיך, באַלד קומען זיי אַלע, מוזטו האָבען מיט זיי גע־דולד. ווער ניט אויפגערעגט פאַר יעדען וואָרט, וואָס זיי רעדען אַרוים ניט אַזוי ווי דו ווילסט.

לוברין.

אַך, עממאַ, איך שעהם מיך פאַר זיך אַליין. דיין געדולד איז כמעט אוננאַטירליך. נעכטען האָב איך דיך איבערגעלאָזט אין מיטען גאַס, ווען פאַרשטאַרט איז צוגעקומען מיט זיין גרויסען פּערפיה־רערישען אויטאָמאָביל. מיר דאַכט זיך, אַז צוליעב דעם אויטאָמאָ־ביל ביזטו מיט איהם אינטים.

עממאַ.

לאַכט.

יאַ, אַן אויטאָמאָביל איז טאַקע זעהר גוט און פּערפיהרעריש, אָבער דו ביזט נאָך מעהר.

לוברין.

קוקט אויף איהר מיט ליעבע.

אַן אידיאָט בין איך. זיך לאָזען הינרייסען פון אַזעלכע מיאוס'ע געדאַנקען! און דאָך עסט און מאַטערט מיך. דו וועסט ניט

בלייבען מיט מיר — דאָס לעבען פון א שוישפּיעלערין איז אזוי פערשיעדענאַרטיג. היינט א י ד, מאָרגען —

עממאַ.

שטיפעריש.

אָבער דו אליין, דו, גרויסער, ליעבער דיכטער מיינער, זאָגסט, אז א מענש דארף לעבען היינט און זיך ניט קימערען וועגען מאָר־גען.

לוברין.

זינט כ'האָב דיך דערקענט, פלאגט מיך שרעקליך דער מאָרגען. איך וועל קיינמאָל ניט קענען לעבען רוהיג ביז דו וועסט ניט אויפגע־בען די ביהנע.

עממאַ.

לאכט.

איידער דיין פּיעסע וועט זיך אויפפיהרען? אָט לאָמיר בעסער יעצט ניט רעדען עס איז פאר אונז פיעל וויכטיגער —

לוברין.

ניין, פאר מיר איז דאָס דאָט וויכטיגסטע. אימער־צו, ווען איך וויל מיט דיר ריידען וועגען דעם, געפינסטו עפּעס א תירוץ. מיר מוזען דאָך א מאָל קומען צו א פערשטענדניס.

עממאַ.

אויב דו ווילסט אוועקנעהמען דיינע געדאנקען פון דער מאָרגענ־דיגער פאָרשטעלונג, קענען מיר געפינען עפּעס אנדערעס וועגען וואָס צו רעדען.

לוברין.

וועגען וואָס איך זאָל ניט דענקען אָדער רעדען, פיהרט עס מיך צום זעלבען פּונקט: דיין לעבען אויף דער ביהנע.

עממאַ.

זאָג בעסער: אונזער לעבען.

לוברין.

מאַך ניט קיין שפּאַס, עממא. דו ווייסט, אז איך קען קיינמאָל ניט זיין גליקליך הינטער די קוליסען.

עממא.

האב נור דעם געווינשטען ערפאלג, וועסטו זיך שוין אויך ניט קע־נען אוועקרייסען פון דאנען.

לוברין.

עס קען זיין, אבער דיך וועל איך קיינמאל ניט וועלען האבען דא.

עממא.

אהן דער ביהנע קען איך ניט לעבען.

לוברין.

דאן וועל איך מוזען לעבען אהן דיר.

פויזע.

עממא.

דו ווייסט, אז דאס איז אונמעגליך.

לוברין.

אבער אזוי לעבען איז אויך ניט מעגליך. עס איז קליינליך פון מיר, אבער איך קען זיך ניט העלפען, עממא. יעדע קליינינקייט מאהלט פאר מיר אוים אזעלכע מיאוס'ע —

פלוצלונג.

וואס האסטו געטהאן ביי איהם אין אפים?

עממא.

ביי ווען אין אפים?

לוברין.

דו ווייסט ביי וועמען. איך בין אריין דורך דער פראנט־טיר, בין פערבייגעגאנגען דעם פענסטער און געזעהן דיין מאנטעל אויפ'ן סייף.

עממא.

האסט א טעות, ס'האט זיך דיר אויסגעוויזען.

לוברין.

קוקט זי אן.

נו, גוט, איך בין בלינד. די פאנטאזיע מאהלט און איך האב ניט קיין רעכט איהר צו גלויבען מעהר, ווי דיר.

עממא.

דו האסט קיין גרונד ניט מיך צו בעשולדיגען.

לובריז.

קיין רעכט האָב איך ניט, אָבער גרינדע? גרינדע זיינען דאָ גע־נוג. האָסט איהם צוריקגעגעבען דעם טשעק?

עממאַ.

איך מוז האָבען מיין גאַרדעראָבע פאַר מאָרגען.

לובריז.

אָה, דער טשעק איז פאַר די קליידער, הייסט עס, הם, הם.

עממאַ.

אזוי לויטעט מיין קאָנטראַקט. פאַר יעדער נייער פארשטעלונג —

לובריז.

פאַר וואס האָסטו דאָס מיר באַלד ניט געזאָגט?

עממאַ.

ווייל דו — איך —

לובריז.

שש... בעסער זאָג גאָר ניט.

פויזע.

ביי דיין בעסטען ווילען איז דיר אונמעגליך מיט'ן אמת אָנצוגעהן.

ער פאנגט אָן ארומצוגעהן איבער'ן צימער אויפגערעגט.

די גאַרדעראָב מאָרגען, די אייגענע קליידער היינט.

ער בלייבט שטעהן לעבען איהר.

א קינד קען זעהן, ווי קאָסטבאַר דיינע קליידער זיינען.

עממאַ.

דו ווייסט, אז איך קריג א גרויס געהאַלט.

לובריז.

גרויס — יא. ס'וועט אפשר זיין גענוג אויף די אונטערוועש, וואס דו טראָגסט.

עממאַ.

מיט טרעהרען.

ס'איז היינט אונמעגליך מיט דיר אליין צו בלייבען.

לובריז.

געוויס, ביזט ניט געוואוינט. אנדערע זיינען אפשר צופריעדען מיט א בלויזען שמייכעל, אדער אויף וויפיעל דער טשעק זייערער איז ווערטה.

עממאַ וויל עפּעס זאָגען, ווען די אַקטיאָרען קומען אריין. אַלגע־מיינע בעגריסונג.

עממאַ.

ווארום אזוי שפּעט?

מאד. שטאַבע.

שפּעט? מיר זיינען שוין דאָ געווען פריהער פון אייך.

רוזאָוו.

אלזאָ, גאָספּאדרא, וועלען מיר זיך נעהמען צו די ראָלען? הערר לוברין, איך האָב דאָס פערגעניגען אייך מיטצוטהיילען, אז איך קען מיין ראָלע, ווי מיינע פינף פינגער.

לוברין.

וועלכער קוקט זיי אַלעמען אָן גלייכגילטיג, כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף.

ענטשולדיגט, געווים וועלען מיר באלד אָנפאַנגען.

שטאַבע.

פאָרשטאַדט איז דאָך ניטאָ.

לוברין.

מיר וועלען דערווייל איבערגעהן די שוואַכערע סצענעס.

אַלע קוקען זיך איבער פיעל־בעדייטענד.

מאד. שטאַבע.

מאַכט זיך האַרץ.

אָבער דער סופליאָר איז נאָך ניטאָ.

לוברין.

וועל איך אייך סופלירען.

מאד. שטאַבע.

שטיל צו איהר מאַן.

מענסט זיך שוין אָבגעזעגענען מיט דיין לעבען.

פאָרשטאַדט קומט אַריין פון רעכטס. אַלע בעגריסען איהם, אוי־סער לוברין.

פאָרשטאַדט.

מעשה בעל־הבית.

גוד מאָרנינג, גוד מאָרנינג, מיינע הערען און דאמען.

אַ קלאַפּ טהוענדיג מאַדאַם שטאַבע אין באַק.

זעה נור, זעה, ווי יונג, ווי שעהן דאָס זעהט אויס. גאָר אין גאַנצען אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם פערציגער, האַ?

שטאַבע.

אי, אימיצער וועט זיך שוין אויסריכטען אַ שווארצען —

פאָרשטאדט.

לאַכט.

איט׳ס אָל־רייט. מיר זיינען אַלטע פריינד, מיר ביידע פערשטעהען זיך גוט, יו נאָו. און וואס איז עפּעס דער מעהר מיט אונזער פרימאַדאָנא היינט? וואס עפּעס אזוי בלאַס, האַ? אַ טאָג פאר דער פאָרשטעלונג? דאָס וועט ניט געהן.

לוברין קעהרט זיך אָב, קוקט אריין אין זיין מאַנוסקריפּט.

אָה, מיסטער לוברין, שלום־עליכם — אייך טאָר מען דאָך ניט בע־גריסען פּאָ אַמעריקאַנסקו.

לוברין.

לאָמיר אָנפאַנגען פּראָבע.

פאָרשטאדט.

נו, געוויס וועלען מיר אָנפאַנגען.

עממאַ.

איהר ווייסט, די גאַנצע שטאָדט איז פול מיט דער מאָרגענדיגער פאָרשטעלונג. וואו איך קום אריין, מיט ווען איך בעגעגען זיך, אַלע פרעגען נאָך, מ׳וויל וויסען, מ׳איז נייגעריג.

פאָרשטאדט.

דער באָקס־אָפּיס וועט אונז שוין דערצעהלען זייער נייגעריגקייט. דערווייל האָט שוין אדווערטייזמענטס אָבגעקאָסט אַ פערמעגען און די אויסשטאַטונג נאָך מעהר.

זיך ווענדענדיג צו די אַנוועזענדע.

איהר האָט געזעהן אן אויסשטאַטונג?

מאַד. שטאַבע.

וועמען גוטס גינט.

שטאַבע.

שייך אַן אויסשטאַטונג! מ׳זעהט, אַז וועגען געלד איז דאַ גאָר קיין רעדע ניט געווען.

פאַרשטאַדט.

און וואָס זאָגט איהר עפּעס, הערר שרייבער, האַ? איך האָב פּיינט צו שפּאָרען, זאָגאר אויף אזא זאך, זאָל מיינס איבערגעהן, יו נאָו.

לובּרין.

צו מיר וועגען מיין דראמא רעדט איהר?

פאַרשטאַדט.

יא, יא. ס'גלויבט זיך אייך ניט, וואָס?

לובּרין.

אויב איך גלויב אָדער ניט, איז ניט וויכטיג. די הויפּט זאך איז, איהר האָט דאָ פּשוט ניט וואו אויסצוגעבען פּיעל, ווייל אַלעס, וואָס פאָדערט זיך, איז — אַן איינפאַכעס שטודיר־צימער און אַלע פיער אקטען.

פאַרשטאַדט.

אָט האָסטו דיר. הויב זיך אָן מיט אַ גרינעם. פערשטעהט איהר דען ניט, אז איהר וועט עס מאַכען צו איינפאַך, וועט דער עולם איינשלאָפען? מ'מוז דאָך זיי מיט עפּעס אויפלעבען. איהר זעהט אַ צימער? פּראַכטפאָל! אפילו אַ טעלעפאָן־בוטה אויך, מיט אַלע זיעבען זאכען, פּונקט ווי ביי די ענגלישע, יו נאָו.

לובּרין.

בעטראַכט יעדען געגענשטאַנד.

עס איז אבסאָלוט ניט אין אנקלאַנג. אַלעס איז אַזוי רייך און — צו פיעל. און ווי קומט איבערהויפּט אַ טעלעפאָן בוטה אין אַזאַ הויז?

פאַרשטאַדט.

אונגעדולדיג.

דער סצענאַריום פאָדערט אַ טעלעפאָן, דאַט'ס אָלל.

לובּרין.

מ'רופט איהם דאָרט צום טעלעפאָן, אָבער —

פאַרשטאַדט.

איך זעה ניט קיין דיפערענץ.

לובּרין.

אָבער איך זעה ווי לעכערליך מיר וועלען זיך דערמיט מאַכען.

פאַרשטאַדט.

געהט, זייט ניט קיין גרינער. לעכערליך! וואָס וויים דאָס פובליקום? אָט וועט איהר זעהן, ווען דער פאָרהאַנג וועט זיך אויפהויבען און זיי וועלען דערזעהן די פּראַכטפאָלע אויסשטאַטונג, ס'וועט פאַלען אַן אפּלאָז, און מ'וועט האַקען און היקען און שפּיעלען ניט לאָזען אפשר מינוטען נאָכאַנאַנד. חאַ־חאַ־חאַ! איך קען גוט מיין הויכגעשעצטען פובליקום. איך וויים, וואָס זיי ווילען און מיט וואָס מען קען זיי נעהמען.

לוברין.

אָבער צו וואָס זוכען צו געפעלען מיט דעקאָראַציעס, ווען מ'דאַרף דאָס ניט? זיי בעוואונדערען די דעקאָראַציע און פערגעסען דעם אינהאַלט פון דער דראַמאַ.

פאַרשטאַדט.

פערלאָזט זיך אויף מיר. זיי גיבען ניט א סנעפּ פאַר אייערע האנדלונגען. די הויפּטזאַך איז די אויסשטאַטונג. און נאָך אין אַזאַ זאַך, וואו עס פעהלען די — די נויטיגע דזשאוקס, די טרעהרען, די — די — די —

מאַד. שטאַבע.

די טענץ, געזענגע.

לוברין.

פערשטעה איך טאַקי ניט צו וואָס איהר האָט געקויפט מיין פּיעסע.

עממאַ.

דאָס האָב איך דיר שוין פיעל מאָל ערקלערט. יעדער טהעאַטער מוז א מאָל אויפפיהרען א גוטע ליטעראַרישע זאַך, און מאַכט שוין א סוף, לאָמיר בעסער אָנהויבען פּראָבע, און — און מר. פאַרשטאַדט וועט זיכער טהאָן זיין בעסטעס אום ניט צו שאַדען דער האַנדלונג. דעם טעלעפאָן בוטה קען מען לייכט ארויסנעהמען.

רוזאַוו.

איך זאָג אייך, אַז עס איז א סקאַנדאַל צו נאַרען דאָס פובליקום.

פאַרשטאַדט.

אָהאָ, ער איז דאָ, דער גאָספּאָדין ליטוואַק. נו, מ'וועט שוין אויסקומען אָהן אייך, היטער פון קונסט.

עממא.
א סוף, א סוף מיט די אונטערברעכונגען, פאנגט אָן.
זיך ווענדענדיג צו לוברין׳ען.
פון וועלכען אקט זאָלען מיר אָנפאַנגען?

פאַרשטאדט.
וואָס הייסט, פון וועלכען? פון ערשטען אקט, נאטירליך.

לוברין.
ניין, פון דריטען, ווייל דאָרט זיינט איהר אלע אם שוואכסטען.

פאַרשטאדט.
מען קען ניט אריינפאלען ווי א יון אין סוכה. מ׳מוז דאָך קריגען די אינספירייישאָן, יו נאָו.

שטאַבע.
געגעצט.
דער סופליאָר איז נאָך אויך ניטאָ.

לוברין.
האָב איך אייך דאָך געזאָגט, אז איך וועל סופלירען.

מאַד. שטאַבע.
איהר מיינט ס׳איז אזוי יום־טוב׳דיג צו האָבען דעם פערפאסער אליין ביי די —

לוברין.
קענט אייערע ראָלען, וועט אייך זיין יום־טוב׳דיג.

מאַד. שטאַבע.
איך האָב געזעהן פיעסען, וואו קיינער האָט א וואָרט ניט געקענט, און דאָך זיינען זיי געוועזן די גרעסטע פינאנציעלע סוקסעסען.

עממא.
ארויפלייגענדיג איהר האַנד אויף זיין אָרעם.
הערר פאַרשטאדט, איך בעט אייך, פאנגט אָן פראָבע.

פאַרשטאדט.
גוט, גוט, מיר וועלען אָנפאנגען.

עממא.

דעם דריטען אקט.

פאַרשטאדט.

זאָל זיין דעם דריטען אקט.

שטיל.

אָבער דו מוזט מיר געבען אינספירייישאָן. אלזאָ, אָנגעפאנגען זאָל ווערען. אין סופליאָר באקס אריין, מר. לוברין.

לוברין.

אך, ווען ניט די סופליאָר באקס, וואָלט מען אפשר די ראָלען גע־קאָנט.

מאד. שטאבע.

אז דער פערפאסער אליין סופלירט, פערגעסט מען דאָס, וואָס מען קען אויך.

שטאָבע.

וויים איך וואָס, ווען ארט עס?

לוברין.

אָט דאָס איז דאָך די צרה, עס ארט אייך ניט.

פאָרשטאדט.

גערייצט.

זאָגט נור, מיסטער פאָעט, וואָס מיינט איהר, איהר האָט דאָ צו טהאָן מיט אינגלעך? די געדולד קען דאָך פלאצען. איך בין שוין, גאָט צו דאנקען, דריי און צוואנציג יאָהר אין די ביזנעס, האָב שוין פילייכט מעהר פיעסען אויפגעפיהרט, ווי איהר ווער־טער אָנגעשריבען, רעזשיסירט, געמענעדזשט, געשפיעלט און אי־מער מיט דעם גרעסטען ערפאָלג, די העכסטע אנערקענונג, און דאָ קומט איהר, אָהן אירגענד וועלכע ערפאהרונג און פרעטענדירט צו וויסען מעהר ווי אלע — דאָס אלטע טויג ניט, א סטאר־ראָלע איז גיפט און —

לוברין, וועלענדיג פטור ווערען פון ווייטערע ארגומענטען, שפרינגט אריין אין סופליאָר באָקס.

עממאַ.

אַ סוף, אַ סוף, לאָמיר אָנפאַנגען פּראָבע.

זי ברענגט אַ שטוהל צום טיש, לעגט אַוועק אַ בוך.

זעצט זיך, הערר פאָרשטאַדט, און זאָל שוין זיין אַ סוף צו די אונ־טערברעכונגען. רוזאָוו, צו אייער פּלאַץ.

עממאַ געהט אַרויס.

לוברין.

נו, וואָס שווייגט איהר?

פאָרשטאַדט.

טאָ גיט ווערטער, דער רוח זאָל אייך נעהמען.

לוברין.

נאָך אַלץ דאַרף מען זיי אייך געבען?

פאָרשטאַדט.

ניט אייערע ביזנעס, שיסט.

מאַד. שטאַבע.

ווען ער האָט אַ באָמבע, וואָלט ער אונז אַלעמען דער'הרג'עט.

פאָרשטאַדט.

בעפעהלעריש.

אָרדער!

לוברין.

סופלירט.

קיין זאַך איז ניט אַזוי שרעקליך, ווי צו בלייבען אַליין.

פאָרשטאַדט.

זאָגט עס איבער.

לוברין.

שטרעקט אַרויס דעם קאָפּ.

איין סעקונדע, זייט אַזוי גוט. — ע — ניט אַזוי דעקלאַמאַטאָריש, איך בעט אייך, און דריקט ניט אַזוי די „ר".

עממאַ.

קלאַפּט אין טיר.

פאַרשטאַדט.

אריין!

עממאַ קומט אַריין, בלייבט שטעהן ביים טיר. לוברין סופלירט, פאַרשטאַדט זאָגט איבער.

פאַרשטאַדט.

דו, סאָפיע?

עממאַ.

איך. איך קען אליין ניט לעב־ען —

לוברין.

עממאַ, וויפיעל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, ס'איז ניטאָ אזא וואָרט ווי „ען", און — און!

עממאַ.

געהאָרכזאַם.

און אויב דו קענסט מיר פערגעבען —

לוברין.

סופלירט.

סאָפיע, איך קען דאָס ניט בעגרייפען. דו ביזט צוריקגעקומען, דו!

פאַרשטאַדט.

איך הער ניט א וואָרט.

לוברין.

אָבער ווען מען רעדט העכער, וועט דאָס פובליקום הערען.

פאַרשטאַדט.

צום טייפעל מיט'ן פובליקום. וואָס זאָרגט איהר זיך אזוי פאר'ן פובליקום? אַט סופלירט און אונטערברעכט ניט מעהר.

לוברין סופלירט.

רוזאָוו.

פאַנגט אָן שטיל און עטוואס נערוועז, אָבער וואָס ווייטער ווערט ער זיכערער און רעדט אַלץ מיט מעהר פייער.

די היים, מיין פריינד, איז אַן אַלטע אינסטיטוציאָן, געבויט אויף

צופוילטע טראַדיציעס. מיט אַלע קרעפטען זוכען מיר זי אויפצוהאַלטען, און די אורזאכע דערפון איז בעקוועמליכקייט. קיין זאַך אין דער וועלט ליעבט ניט דער מאַן, ווי אַ שטילע, רוהיגע, זאַ צו זאַגען, ריינע היים. ער אליין קען זיין דער גרעסטער אויסוואורף, אַדער פערקעהרט, אַ זעהר פיינער מענש, און דאַך זיך ניט פיעל אַנקעהרען מיט זיין היים, אַבער די פרוי, זי מוז אימער שטעהן אויף דער וואַך. זי און די היים מוז זיין איינס. זי מוז זיין די יעניגע, וועלכע האַלט עס שטיל, רוהיג און ריין. און וועה צו דער פרוי, וואַס ערפילט ניט היילינ איהר פליכט. מיר זוכען אימער צו רעכטפערטיגען זיך דערמיט, וואַס זי איז לייכטזיניג און מוז האַבען די היים אלס אַ שוץ. איהר ליעבע, אונטער די בעסטע אומשטענדען, זאַגסטו, איז ניט דויערהאפט. פערקעהרט, וואַס בעסער די אומשטענדען, אַלץ גרעסער דער רייץ. גוט, איך גיב צו. אַבער וואס קען זי טהאָן, ווען זי געפינט אין איהר מאַן דעם געליעבטען ניט מעהר? זי זוכט און גאַרט נאָך יענער הייסער ליידענשאַפט, וועלכע האָט זי געהאַלטען אַזוי פערקלאַמערט, און וואס געפינט זי? אַ געוועהנליכען ווייסען פלאַם, וועלכער ברענט בלויז אום די וואַרימקייט פון דער היים אויפצוהאַלטען. מיר געפינען נייע בעשעפטיגונגען, נייע אומגעבונגען. אינטערעסאַנט אָדער ניט, מיר האָבען אַבער אימער וועלכע אבוועקסלונג. דער קאָפּ איז פערנומען, דער מוח ארבייט; די וועלט איז פאַר אונז אָפען, איבעראַל זיינען מיר און מיר זוכען, אייביג זוכען מיר. אָבער קיינמאָל ניט אין אונזער אייגענער היים, ווייל אינסטינקטיוו פיהלען מיר, אז מיר וועלען דאָרט קיין נייעס ניט געפינען. און איהר, אין דיין היים, ווערט אויך שמאָלער און ענגער, פאַר איהר איז אויך ניטאָ קיין פערספעקטיווע, קיין שום ענדערונג אויסער די אבוועקסלונג פון פרוי צו מוטער און פון מוטער צו באָבע. זי זעהט און פיהלט עס אלעס, און וויל זיך ארויסרייסען אָט פון דער ענגשאַפט. זי קלייבט צונויף אַלע איהרע כוחות און שפרינגט אריבער די הויכע וואַנד, וועלכע מיר האָבען פאַר איהר אויפגעשטעלט. אָבער אין די מייסטע פעלע ווערט זי אַזוי צובראָכען פון דעם שפרונג, דאָס צו ווייט קען זי שוין ניט געהן, ווייל אין די אויגען פון דער וועלט איז עס ניט קיין שפרונג, נור אַ פאַל — אַ פאַל.

אַלע, אויסער פאַרשטאַדט, אפלאַדירען.

עממא.

דריקט איהם די האַנד.

גוט, אויסגעצייכענט! אייער יעצטיגע פּראָבע איז ווערטה געווען אַלע צרות, וואָס מען איז פון אייך אויסגעשטאַנען. ניט אזוי, לוברין?

לוברין.

מיט בעגייסטערונג.

ווען איהר זאָלט נאָר מאָרגען אזוי שפּיעלען, וועלען מיר האָבען א זיכערען ערפאָלג, ווייל אין דעם מאָנאָלאָג דריק איך אוים דעם כאראקטער פון דער דראמא.

מאַד. שטאַבע.

ס'איז קיין וואונדער ניט, ער האָט די בעסטע ראָלע, האָט ער.

לוברין.

ווייטער, ווייטער.

פאָרשטאדט.

שטעלט זיך אויף, געהט צו צום סופליאר־באקס, בויגט זיך איין.

דערלאַנגט נאָר אהער דעם מאַנוסקריפּט.

לוברין גיין איהם דעם מאנוסקריפּט. ער קוקט אַריין אייניגע סע־קונדען, נעהמט ארויס א בלייפעדער, צייכענט עפּעס אָן, גיט איהם צוריק.

איהר וועט אזוי גוט זיין אויסשניידען וואו איך האָב אָנגעצייכענט.

פויזע.

לוברין.

מיט אַ ציטערענדער שטימע.

איך גלויב, איהר האָט אַ טעות. דער מאָנאָלאָג —

פאָרשטאדט.

וועט אויסגעשניטען ווערען, און — באסטא!

לוברין.

אָבער ווארום? וואָס זיינען אייערע גרינדע?

פאַרשטאדט.

מיינע גרינדע דארף איך אייך ניט דערצעהלען, אָבער איך וועל יא זיין א פיינער מאן און עס אייך אָנמערקען, ס׳קען אייך צוניץ קור־מען. איהר זייט נאָך יונג. אָט די לאַנגע מאַנאָלאָגען, מיין פריינד, זיינען גאנץ איבעריג. ס׳איז גוט פאר דילעטאַנטען, ניט פאר דער פראָפעסיאָנעלער ביהנע. די פרוי, די פרוי, די פרוי! האקט א טשייניק! א יאָ, שטאבע?

שטאבע.

וויים איך וואָס?

עממא.

בויגט זיך איין צום סופליאָר באקס, רעדט עפעס שטיל און מיט הארץ צו לובריז׳ען.

רוזאָוו.

צושראָקען.

וואָס, מיין ראָלע ווילט איהר שניידען?

פאַרשטאדט.

וויינט ניט, ס׳וועט אייך צום שידוך ניט שאדען.

רוזאָוו.

אָבער איך וועל עס ניט ערלויבען, איהר ווילט בעגעהן א פער־ברעכען!

פאַרשטאדט.

זאָגט נור, יונגער־מאן, וואָס איז אייער בעשעפטיגונג?

רוזאָוו.

וואָס מיינט איהר? איך פערשטעה ניט.

פאַרשטאדט.

כ׳רעד צו איהם טערקיש, ער פערשטעהט ניט. איך פרעג דאָך אייך, וואָס איז אייער ארבייט, אייער פאך? א שניידער, א שוסטער, א סטאָליאר? איהר דארפט פערשטעהן, אז ווען דער מייסטער זאָגט אייך, אז דער ראָק איז צו לאַנג, אָדער אז דער טיש שאָ־

קעלט זיך, ווייס ער וואָס ער רעדט. — איך וועל ניט ערלויבען — זאָגט דער באַלעבאָס צו זיין לערן־אינגעל, פערשטאַנען? און יעצט זעצט פאָרט.

פויזע.

מאַד. שטאָבע.

איך פערשטעהע גאָר ניט, ווי אזוי מ'קען אָנהויבען מאַכען פּראָבע, ווען ער האַלט אין איין אונטערברעכען! א וואונדער, וואָס עס קו־מען ארוים שוואַכע סצענעס?

שטאָבע.

שוואַכע סצענעס, ווייס איך וואָס.

לוברין.

קריכט אַרויס פון סופליאָר באַקס.

אויב איך שטער אייך דורכאויס, איז טאַקע בעסער, איהר זאָלט מאַכען פּראָבע אָהן מיר.

פאָרשטאַדט.

האָט זיך ערשט ארומגעזעהן! ווען איהר קומט אָבער צום שכל מיט א דריי־פיער וואָכען צוריק...

עממאַ.

הערר פאָרשטאַדט, איהר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט פריעדען.

צו לוברין'ען.

לוברין, ביז מאָרגען, איך בעט דיך!

לוברין.

מיט איינגעהאַלטענעם כעס.

א דאַנק אייך, מיין שעהנע פערמיטלערין. בעטען און גלעטען, און — און — אויף די קניה אפשר פאַלען? דעם קאָפּ בויגען? מ'איז דאָ אזוי געוועהנט צו שתדלנות, אז מ'פיהלט ניט מעהר די ער־נידריגונג דערפון. עס פאַנגט פשוט אָן צו עקלען.

פאָרשטאַדט.

אָבער איך צו אייך בין ניט געקומען. אזוי לאַנג, מיין פריינד, ווי איהר האָט א שטיקעל סחורה, מוזט איהר קומען צו מיר און

זיך אונטערוואַרפען אונטער די אומשטענדען, און נאָך איבערהויפט, ווען אייער סחורה איז אזא, וואָס קיינער האָט עס אין האנד ניט געוואָלט נעהמען. זיי זיינען גאַנץ גערעכט. וואָס מיינט איהר, פון די פאָר סאָ—ציא—ליסטליך, וואָס וועלען דאָס קומען זעהן, קען מען מאכען א לעבען?

רוזאָוו.

וועלכער הערט זיך צו אויפמערקזאם צו יעדען וואָרט, שטעלט זיך אויף, רעדט איינפאַך און מיט ווירדע.

ענטשולדיגט, הערר פארשטאדט, אויב דאָס ווערק פון אונזער ליע־בען דיכטער געפעלט אייך ניט, איז דאָס א זאך אבסאָלוט צווישען אייך און איהם. איך פאָדער אייך אָבער אויף, זיך צו פערהאַלטען אנשטענדיג און ניט בעליידיגען די סאָציאַליסטען.

פאָרשטאדט.

האלט זיך אין אייער ראָלע, מ'פרעגט אייך ניט.

רוזאָוו.

איך מיין, אויב איהר זייט געוועזן אינטעליגענט גענוג צו קויפען א פיעסע מיט מאָדערנע אידעען —

לוברין.

אינטעליגענט גענוג!

פאָרשטאדט.

אזוי! ס'געפעלט אייך ניט מיין אינטעליגענץ! אָבער איהר אליין, מיין פיעל געלערנטער הערר, אז איהר האָט געוואָלט, איך זאָל אייער שמאטע קויפען, האָט מיך פערזיכערט, אז איך בעזיץ מעהר אינטעליגענץ, ווי די אַנדערע מענעדזשערס.

לוברין.

מיט קאַלטער פעראכטונג.

איך האָב א טעות געהאט, און, אלס עהרליכער מאן, בעט איך אייך אום ענטשולדיגונג.

עממא.

גאָט, מיינער, וואָס טהוט זיך דאָ? מען קען פון זינען אראָב. איהר האנדעלט דאָך גאָר ניט ווי ציוויליזירטע מענשען.

פאַרשטאדט.

קלאַפּט אין טיש.

א רעכענונג איז א רעכענונג! א טעות האָט ער געהאט! אן עהרליכער מאן איז ער, נייע אידעען פרעדיגט ער! אלץ ער, און ער און ער.

ער געהט צו גאנץ נאָהנט צו לוברין'ען.

איך שפּיי אויף דיינע אידעען. איך בין רייך געוואָרען אָהן זיי. פאַזירט פאר'ן אמת, פאַזירט ער!

לוברין.

אויב איך בין אייך עפּעס שולדיג, דאן רעדט אָפען. וואס ווילט איהר?

פאַרשטאדט.

איך וויל, אז איהר זאָלט זיך ניט האלטען איבער אלעמען. זוכט זיך ניט ארויסדרעהען פונ'ם אמת, מר. מאָדערניק. איהר ווייסט גאנץ גוט די אמת'ע אורזאכע, וואָס האָט מיך בעוועגט צו קויפען אייער זאך.

עממא.

שרייט אויס.

פאַרשטאדט!

פאַרשטאדט.

מיין פאָעט האלט הפּנים פונ'ם שפּריכוואָרט: דער צוועק הייליגט דעם מיטעל. חא-חא-חא!

רוזאָוו.

שפּרינגט צו צו פאַרשטאדט'ען, כאַפּט איהם אָן ביי די אקסלען און טרייסעלט איהם מיט כעס.

הערט אויף, זאָג איך! הערט אויף! ווי שעהמט איהר זיך ניט צו בעליידיגען אן עהרליכען מענשען!

פאַרשטאַדט.

שטויסט איהם אָב.

געה צום טייפעל מיט איהם צוזאמען.

לוברין.

וויקעלט צוזאַמען דעם מאנוסקריפט, לייגט איהם אַריין אין טאַש.

מ'וועט די דראמא ניט אויפפיהרען.

עממאַ.

לוברין!

פאַרשטאַדט.

וואָס הייסט, ניט אויפפיהרען?

לוברין.

אויב ניט אויפפיהרען, ווי איך האָב אָנגעשריבען, איז בעסער גאָר ניט.

עממא.

וואָס רעדסטו, לוברין, מיר וועלען טהאָן דאָס בעסטע, אַלע צוזאַמען, וועסט זעהן.

לוברין.

עממא, גענוג, איך בין געווען א נאר ביז יעצט. דער טהעאַטער האָט מיר די אויגען פערבלענדעט, פערפיהרט. אַט די אַלע אָפּפער, די טובות — מעהר ניט — מעהר ניט — איך וועל ניט דערלאָזען.

פאַרשטאַדט.

וואָס הייסט, ניט דערלאָזען? ביי אונז געהט עס ניט, יו נאָו, ביי אונז, אז מ'שרייבט אונטער א קאָנטראקט מיט די אַלע זיעבען גליקען, איז אונטערגעשריעבען, און מ'איז מעהר קיין באַלעבאָס ניט. די פיעסע איז מיינע און צו מיר געהערען אַלע רעכטע, אויפצופיהרען, איבערזועצען, זאָגאר פערקויפען, אויב איך וויל. און אויב איהר ווילט סאטיספעקשאָן, וועל איך אייך ציינען.

לוברין.

איך זוך ניט קיין „סאַטיספעקשאָן”, איך וויל אן עהרליכע, אָרי־

גינעלע אויפפיהרונג, און אויב ניט, וועל איך פערעפענטליכען אין די צייטונגען.

פאַרשטאַדט.

הערט נור, ווי א מענש קען רעדען! א חוצפה דאָס איז! ער וועט פערעפענטליכען אין די צייטונגען! די צייטונגען האָבען מיך אָב־געקאָסט א פערמעגען צו אדווערטייזען זיין שמאַטע און יעצט וועלען זיי געהן פערעפענטליכען. איהר וועט דאָך עס דעם גאַנצען לעבען אייערען ניט פערדיענען, וויפיעל די צייטונגען קאָסטען מיר אָב.

לוברין וויל עפּעס זאָגען, אָבער האַלט זיך צוריק.

עממא.

שפּרינגט צו.

לוברין, אום גאָטעס ווילען, זיי ניט אזוי איינגעשפּארט. מיר האָבען אלע אזוי שווער געארבייט, און איך —

לוברין.

אייער ארבייט, זיין געלד — אלעמען בין איך עפּעס שולדיג, אָבער מיר — מיין ארבייט — מיין — ע... איידער ער זאָל צושניידען מיין ווערק, זאָל עס בעסער פארברענט ווערען!

ער וואַרפט דעם מאַנוסקריפּט אין פייער. אַלע גיבען זיך אַ לאָז צום קאַמין, מיט די הענד צום פייער, מיט אַ געשריי: אוי! אוי! וואָס טהוט ער? וואָס האָט ער געטהאָן?

פארשטאדט.

הא־הא־הא, יאָלד! ווי א י ד וויל וועט מען שפּיעלען! איך האָב ביי זיך נאָך קאָפּיעס...

פ אָ ר ה א נ ג.

ע נ ד ע.

ניט מיט אלעמען

פון

דזשעין ראוז

COPYRIGHT BY
JANE ROSE
New York, 1918
All rights Reserved

פ ע ר ז אָ נ ע ן.

די מוטער.

דער פאָטער.

ראָזע, מינא, ליזא, מאַקס — זייערע קינדער.

גאַרדין.

די האַנדלונג קומט פאָר אין ניו יארק, אין אַן אַפּאַרטמענט פון א טענעמענט־הויז. דאָס צימער איז פערפּוצט נאָכ'ן גע־וועהנליכען אידישען געשמאַק. טירען רעכטס און לינקס. גע־גענאיבער — צוויי אָפענע פענסטער. א קיהלער אבענד־ווינד בעוועגט די גאַרדינען. דריי ברענענדע גאז־רעהרען הענגען ארונטער פון סופיט איבער'ן טיש.

ד ע ר פ אָ ט ע ר, 65 יאָהר אַלט, א הויכער, מאָגערער איד, מיט אַ קליין שפּיציג בערדעל, ניט אין גאַנצען גרוי, איז קורצ־זיכטיג. ער שטעהט ביים טיש, מעסט קורצע און לאַנגע שטי־קער סחורות פון פערשיעדענע קאָלירען, שרייבט אַריין אין אַ קליין ביכעלע, ברומט אַ נגון אונטער'ן נאָז און הוסט אונטער. ר אָ ז ע, 28 יאָהר אַלט, מיט אַ סימפּאַטיש־שעהן פּנים. זעהט אויס גאנץ לעבעדיג, שטיפענד־פרעהליך, דאָך אין די אויגען זעהט זיך א צייכען פון מידקייט. זי טראָגט א זומער־קלייד און א פרישע בלום אין איהרע גלאַט־פערקעמטע האָר. זיצט ביים פּיאנא און שפּיעלט.

ל י ז א שטעהט אַנטקעגען שפּיעגעל, אָנגעטהאָן אוזעקצוגעהן. מ י נ א, מיט צולאָזטע האָר, אָהן שיך, טראָגט אַ לויזע הויז־קלייד, זיצט לעבען א קליין טישעל און שרייבט.

פּאַטער.

ראָזע, הער אויף אַ ווײַלע צו שפּילען, ראָזע, דו הערסט?

ראָזע.

דרעהט זיך אוים אויפ׳ן פּיאַנאָ־שטוהל.

פּאַטער.

כ׳האָב געוואָלט קויפען אַ ביסעל סחורה.

ראָזע.

נו?

פּאַטער.

נו, נו, וואָס פערשטעהסטו דאָ ניט? איך דאַרף אַ פּאָר דאָלאַר. אויב דו קאָנסט מיר טהאָן אַ טובה —

ראָזע.

אַ טובה וואָלט איך דיר שוין לאַנג געקאָנט טהאָן, אָבער אַ פּאָר דאָלאַר —

פּאַטער.

יאָ, נו, וואָס, אַ פּאָר דאָלאַר?

ראָזע.

האָב איך ניט.

פּאַטער.

האָט זי ניט! האָסטו דאָך געקענט באַלד זאָגען. וואָס חכמה׳סטו זיך?

ראָזע.

ניין, טאַטע. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב, גיב איך, כאָטש דו גיסט מיר קיינמאָל ניט אָפּ.

דרעהט זיך אום, פערטיעפט אין די נאָטען.

פּאַטער.

געהט צו צו מינא׳ן, קלאַפּט איהר איבער׳ן פּלייצע.

מינא, מינעלע!

מינא ענטפערט ניט.

זעה, מינא, זעה, ווילסט א ווייסטעל? זעה ס'אַרא שעהנע וואַ־רע.

ער לעגט אַרויף אַ רויט שטיקעל וואַרע אויף איהר בוך.

מינא.

וואַרפט אַראָפּ די וואַרע.

לאָז מיך אָפּ, איך דאַרף קיין ווייסטלאַך ניט.

פּאַטער.

הויבט עס אויף.

דאַרפסט קיין ווייסטלאַך ניט. און וואָס דאַרפסטו יא? שרייבט און שרייבט פון ענגליש אין אידיש. פרעג, צו וואס דאַרף מען דאָס? ווען דו שרייבסט אָבער פון אידיש אין ענגליש, וואָלטען כאָטש די גוים הנאה געהאַט. נו, מילא, וואס דו שרייבסט, שרייב־סטו, אָבער זעה אָט די שטיקלאַך קען מען איצט אָבקויפען בחצי חנם. א שאָד, זעה, כ'וואָלט זיך צוטהיילט מיט דיר. דו לייהסט מיר?

מינא.

לעגט אַוועק די פען, ציהט זיך.

דעם טאַטען לייהען!

פּאַטער.

בייזלעך.

דעם קרעדיט ביי זיי פערלוירען! פערברענט זאָל עס ווערען! איי־גענע קינדער! ליזא, האָסט אָבגעגעבען דער מאַמען אין גאַנצען די פיידע?

ליזא.

יא, אין גאַנצען. בעט ביי איהר.

פּאַטער.

א שעהנעם דאַנק דיר. ס'פעהלט מיר טאַקע צרות.

מאַקס.

קומט אַריין פון לינקס. ער איז א שעהנער, געזונדער יונג, צוויי און צוואַנציג יאָהר אַלט.

מינא! ראָזעלע! ליזא!

אַלע קוקען איהם אָן.

מ'האָט צוגענומען מיין ליעד!

פאטער.

טפוי! צונ'אל־די־שווארצע יאהר! א מין געוואלד!

ראזע.

זעהר פיין.

ליזא.

פארט דערלעבט.

מינא.

צוגענומען! וואס רעדסטו? ווען, ווען וועט זיך דאס דרוקען?

מאקס.

נאך אונבעשטימט.

ראזע.

אה...

ליזא.

נאך אונבעשטימט?...

מאקס.

„אה, נאך אונבעשטימט?... — איהר גלויבט מיר ניט? אז זיי זאגען צו, איז צוגעזאגט.

פאטער.

טשיקאווע צו וויסען, וואס זיי האבען דארטען געזאגט.

מאקס.

זיי האבען געזאגט, אז איך דארף זיי מעהר ניט באדערען...

ראזע.

הם...

מאקס.

„הם, הם"... קיין זאך גלויבט זי ניט. ווארט, וועסט שוין זעהן מיין נאמען מיט גרויסע בוכשטאבען.

פאטער.

נו, און אויף דעם סמך האסטו זיך א נייעם סוט געקויפט?

מאקס.

א סוט אליין? האסט זיך אבגענארט. שיך, א העט, א טאי, אפילו אונטערוועש. כ'האב דאך היינט ניט געארבייט.

פאטער.

ניט געארבייט גאר?!

מאַקס.

איך בין געווען אין רעדאַקציע. דערהערט, אַז דאָס וועט זיך דרוקען, האָב איך פערגעסען אָן דעם באָס, אָן דער גראָסערי. איך בין אַוועק אין די סטאָרס, האָב מיר איינגעהאַנדעלט, וואָס איך דאַרף —

פאָטער.

אָה, מ'האָט דיר בעצאָהלט פאַר דיין ליעד. נו, וויבאַלד אַזוי, איז דאָך גאָר ניט שלעכט.

ליזאַ.

יאַ, וויפיעל, וויפיעל?

פאָטער.

וואָס פרעגסטו? זעהסט דאָך, אַז ער טראָגט אַלץ נייעס.

מאַקס.

בעצאָהלט? וויפיעל?! אוי, וואָס דאָס זיינען פאַר מענשען! ווי קען מען מיט זיי לעבען! מען צאָהלט ניט פאַר ליעדער!

ראָזע.

ס'איז גיכער צו גלויבען, אַז מאַקס האָט זיי צוגעצאָהלט.

פאָטער.

וואו פאָרט האָסטו גענומען אַזוי פיעל געלד?

מאַקס.

כ'האָב דאָך עפּעס געהאַט אין די בענק, ניין?

פאָטער.

האָסט אַרויסגענומען פון די בענק?

מאַקס.

ניין, פון מיינע צוריסענע קעשענעס.

פאָטער.

ניין, ניין, האָסט עס ניט בעדאַרפט טהאָן. אַ גרויסע עולה פון דיר.

מאַקס.

איך דאַרף נויטיג, אַז די בענק זאָל פון מיינע פאָר טאָלער הנאה האָבען! כ'האָב שוין לאַנג בעדאַרפט אַ סוט, זעהסט? ווי געפעלט דיר, טאַטע? ביזט דאָך עפּעס אַ מבין?

פאָטער.

ויפיעל קאָסט ער?

מאַקס.

וויפיעל דארף ער קאָסטען?

פאָטער.

בעטראַכט איהם פון אַלע זייטען.

די לײַנינג איז די הויפּט־זאַך. איז די לײַנינג אַ ביליגע, טויג דער גאַנצער סוט אויפ'ן פייער.

מאַקס.

זעהסטו, אויפ'ן לײַנינג האָב איך זיך גאָר ניט געכאַפּט. איז וויפיעל, אין דיינע אויגען, איז ער ווערטה?

פאָטער.

זינגט אויס.

אין מיינע אויגען דארף ער קאָסטען אזוי גרויס און אזוי שעהן, ווי —

ער מאַכט ווידער אַ גענויע אונטערזוכונג.

די באָטאָן־האָלס זיינען אפילו געמאַכט ביים האַנד, אָבער דער לײַנינג איז אַ פּראָסטער, און דערפאר איז ער מעהר ניט ווערטה, ווי צוועלף דאָלאַר.

מינא.

צושראָקען.

וואָס רעדסטו, טאַטע! צוועלף דאָלאַר, ניט מעהר?

פאָטער.

אַ פּעני ניט מעהר.

מאַקס.

אוי, הער אויף! כ'האָב געמיינט, אז דו ביזט טאַקי אַ מבין. זעה, ראָזע, וואָס זאָגסטו?

ראָזע.

וואָס האָסטו עפּעס היינט אָנגעטהאָן אַזא הויכען קאָלנער? ווערסט דאָך דערשטיקט. און די שיך דיינע, די נייע, קרעכצען, ווי פערוואונדעטע לייבען.

מאַקס.

וואָס מיר קאָלנער, ווער מיר שיך! דער סוט, וויפיעל, נאָך דיין מיינונג, דארף ער קאָסטען?

ראָזע.

מיר געפעלט ער אין גאַנצען ניט.

מיט כעס.

מאַקס.

געפעלט איהר ניט! קוק זי אָן, די פּריצטע! סך־הכל פערשטעהט עס אַליין, ווי די ראבע קאַץ!

ליזא.

עפּעס אזעלכע מאָדנע גרויסע קאסטענס! אוי, די שיך, די שיך, זיי האַלטען אין איין שרייען.

מאַקס.

קיין זאך געפעלט זיי ניט, קיין זאך ניט.

פאָטער.

אַט הער זיי אין פּיאַמע, וואָס אַרט עס דיך? ס׳איז א פיינער סוט. וואָס אמת, איז אמת. נאָר מעהר פון צוועלף דאָלאַר איז ער ניט ווערטה.

מאַקס.

וואָס הייסט ניט ווערטה? דענקסט, מ׳האָט מיך אָבגענאַרט?

פאָטער.

אויב דו האָסט בעצאָהלט מעהר, האָט מען דיך אָבגענאַרט.

מאַקס.

דער סטאָר־קיפּער האָט מיך פערזיכערט, אז דער סוט איז א מציאה פינף און צוואַנציג דאָלאַר.

פאָטער.

פינף און צוואַנציג דאָלאַר? אי־אי־אי! דער סטאָר־קיפּער איז א גנב, א הויטשינדער, א — ביי וועמען האָסטו עס געקויפט, ביי וועמען?

ראָזע געהט צו צום פענסטער, קוקט אַרויס.

ליזא.

א געפעהרליכער מבין.

פאָטער.

אז פערברענט זאָל ער ווערען, דער גנב, דער סטאָר־קיפּער! ווי א הערינג וואָלט איך איהם צוריסען. זעהסט, אָט דאָס איז סחורה. אָט דאָ זעהט מען באַלד דעם פּראָפיט. הערסט, אויב איך קען ביי

דיר קריגען אן הלואה׳לע ביז נעקסטען דאנערשטאג, אי״ה דאנער־שטאג קריגסטו עס צוריק מיט פראצענט.

מאקס.

איך בין דיר מוחל דעם פראצענט. גיב אב דעם קרן, וועל איך זיין צופריעדען.

פאטער.

איך וועל דיר אבגעבען, האב קיין מורא ניט. כ׳וועל דיר אב־געבען מיט אמאל. איך בעט עפעס מצות, בעט איך? איך בין א ביסנעס־מאן, און אין ביזנעס קען מען ניט אויסקומען מיט די אייגענע געלד. די גרעסטע ביזנעס ווערען אזוי געפיהרט.

מאקס.

אז איך האב א סענט ניט.

פאטער.

וואס הייסט, דו האסט א סענט ניט? און די געלד פון די בענק וואו איז?

מאקס.

פערספענדט ביז א סענט.

פאטער.

ס׳קען ניט זיין.

ליזא.

אויף מאקס׳ען מעגסטו גלויבען.

פאטער.

וואו פארט האסטו אהינגעטהאן אזוי פיעל געלד?

מאקס.

אזוי פיעל? איינער וואלט געקענט מיינען, אז איך האב געהאט הונדערטער.

פאטער.

איז דיר גאר נישט איבערגעבליעבען?

מאקס.

ס׳איז מיר געבליבען א פאר דאלאר — פערספענדט אין — ע — מיט פריינד, פאעטען, שרייבער.

פאטער.

אי־אי־אי, וואס פאר א יונג דאס איז! פאעטען, שרייבער, האלט

דריגעס, פערברענט זאלען זיי אלע ווערען! אזא זאך אבצור־
טהאן! און אז דער טאטע דארף אן הלואה, איז ניטא!

מוטער.

קומט ארייין פון לינקס. זי איז א קליינע, מאגערע אידענע, מיט
א צוקנייטשטע פנים. זי בלייבט שטעהן ביים טיר, בעטראכט אלע־
מען.

זעה, מאקס, א נייער סוט? קום אהער, צייג, אי, ס'ארא גע־
ווארדען דיינע שיך מאכען! האסט זיך אנגעטהאן אין נייעם פון
קאפ ביז די פיס! טראג געזונטערהייד! עפעס מאדנע וואארע,
קעסטעלדיגע.

ראזע נעהמט ארוים דעם קאפ פון פענסטער.

מוטער.

וואס ביזטו אזוי בלאס, ראזע? פיהלסט ניט גוט?

ראזע.

זיין סוט, די סקריפעוואטע שיך קענען דאך קראנק מאכען.

מאקס.

מאמע, זאל זי בעסער אויפהערען, איך וועל איהר באלד מיט עפעס
אין קאפ געבען.

מוטער.

שא, מאקסעלע, וואס איז, וואס האט זי דיר אזוינס געזאגט?

ראזע.

אז א נאר געהט צווישען די קראמען, פרעהען זיך די קרעמער.

מאקס.

„פרעהען זיך די קרעמער!" — קוקט איהר נור אן! אויף אזא
סחודה, ווי דו, איז דאך אפילו קיין נארישער סוחר אויך ניטא.

ראזע.

אידיאט!

מאקס.

משוגענע!

מוטער.

א בראך איז צו מיר! קינדער, איהר האט שוין אנגעהויבען?
זייט שטיל! מ'קען דאך נאך דערהערען ביי די שכנים!

פאטער.

פערברענט זאלען זיי ווערען! נור מ'רייסט זיך ארום!

ראָזע.

ווילדע בריאה!

מאַקס.

מאַמע, זאָל זי אויפהערען! וואָס זיצט זי, ווער דאַרף איהר? קליגער פון דער גאַנצער וועלט און זיצט.

מוטער.

שטרענג.

מאַקסעלע, מאַך צו דיין מויל, מאַקסעלע!

ליזא.

מאַמע, אז מאַקס זאָגט שוין יאָ אַמאָל אַ גלייכע זאַך, טו פערמאַך איהם ניט זיין מויל. זיצט! אלע דאַרפען וואַרטען אויף איהר. די גאַנצע הויז פערנעהמט זי! ראָזעלע און ראָ—זע—לע — אַן עלטערע שוועסטער, אַ קלייניגקייט! אַלעמענס משוגעת'ן דאַרף איך אויסשטעהן, וואַרטען ביז אַלע וועלען חתונה האָבען!

ראָזע.

וואָס זוכסטו, צרות אָדער קינדער?

ליזא.

אז מ'האָט אַ געהאַנגענעם אין דער משפחה, טאָר מען ניט זאָגען: „הענג אויף דעם האַנדטוך."

מוטער.

ליזא, מאַך צו דיין מויל, ליזא.

ליזא.

א י ה ר מאַך צו ס'מויל, ניט מיר. זי רעדט אויך וועגען קינ־דער!

ראָזע.

מיט אַ שמייכעל.

נאַרעלע, איך האָב דאָך אַ רעכט. מיינע קינדער וואָלטען דאָך שוין —

מוטער.

איך בעט דיך, ראָזע, טהו מיר צוליעב און רעד ניט, ענטפער איהר ניט.

מאַקס.

וועלכער האָט עפּעס געשריבען אין אַ קליין ביכעלע.

הער, הער, מינא, דו ביזט דאך עפעס א מבין אויף פאעזיע, הער:
„ווען די בלעטער הויבען אן צו פאלען,
„און די שטערען הויבען אן צו שטראהלען,
„און די נאכט" —

פאטער.

אז פערברענט זאל עס ווערען! שוין פון דריי זייגערנע שעה, ווי איך מעסט און מעסט און קען צו קיין טאלק ניט קומען. א מין שטוב דאס איז, מ'נא!

ראזע.

געבורט־קאנטראל — אונטערשלאק — פאעזיע — חתנים — אלעם קרעכצט און ליידט פונ'ם טיראנישען פאטער אדער קלוגע מוטער.

ליזא.

אדער די פילאזאפקע די שוועסטער.

ראזע.

אן זיך האב איך אין גאנצען פערגעסען. נו, א שטוב, פערברענט זאל עס ווערען. הא־הא־הא!

ליזא.

אז דיר געפעלט ניט די שטוב, טו וואס זיצסטו דא?

ראזע.

איך —

מוטער.

ראזעלע, איך בעט דיך.

ליזא.

„ראזעלע, איך בעט דיך„! נור מ'בעט זיך און מ'ציטערט איבער ראזעלען! און זי קריכט אויפ'ן קאפ. נעכטען פרעגט מיך מיסעס קאפלאן, ווי אלט איך בין, זאג איך איהר צוואנציג; „אז אייער שוועסטער ראזע איז דרייסיג", זאגט זי, „טו ווי — "

מוטער.

צו מיינע שונאים'ס קעפ! פון וואנען ווייס מיסעס קאפלאן ראזע'ס יאהרען?

ליזא.

פרעג דיין ראזעלע'ן. זעה נאר זעה, ווי זי פרעגעלט זיך פון נחת. זי האט עס איהר אליין געמוזט זאגען.

מוטער.

ראָזע גאָר? ס'קען ניט זיין. וואָס האָסטו צו טהאָן מיט דער פּאסקוטסווא, מיט דער —

ראָזע.

שמייכעלט.

א פרוי איז נייגעריג, האָב איך איהר צופריעדענגעשטעלט.

מוטער.

אז אויסגענעקערט זאָלען זיי ווערען, די זיסע שכנים אונזערע. אזוי פיעל זאָל זיי זיין מכות ווי פיעל וועניגער —

פּאָטער.

וועניגער? נו, וואָס איז שייך? וועניגער!

ליזא.

מאמע, איינמאָל פאר אלעמאָל, איך וויל וויסען ווי אלט איך בין.

מאקס.

איך אויך. זאָג, זאָג דעם אמת, מאמע. שעהם זיך ניט. איך זאָג דיר צו, אז איך וועל קיינעם ניט אויסזאָגען.

ראָזע.

דו גאָר? נאר, ביזט דאָך א בחור.

מאקס.

יאָ, ווען מען לאָזט מיך זיין א בחור, די מאמע אָבער מאכט דאָך מיך פאר א בייבי, און איך לייד דערפון. דו, טאטע, זאָג —

פּאָטער.

נאָך מיין רעכענונג, נאָך מיין רעכענונג, דארפסטו זיין אזוי גרויס און אזוי אלט —

מוטער.

אָט, שווייג שוין, שווייג שוין, אלטער נאר, ווייסט אויך פון רעכע־נונג? פאר וואס רעכענסטו בעסער ניט ווי פיעל דיינע קאָסטי־מערס זיינען דיר שולדיג?

ראָזע.

מיר וועלען שוין שטאַרבען אָהן יאָהרען.

ליזא.

מאמע, דו בעסער זאָג מיר —

מוטער.

הער נור, דו, מויד, צוליעב ווען שפּיעגעלסטו זיך דאָס דעם

גאַנצען אבענד, הא? האָסט דאָך געזאָגט, אז א באַי דאַרף צו דיר קומען, וואו איז ער?

פאָטער.

אָט וועט מען איהר מסתמא באלד אָנפייפען, ווי נעבטען.

ליזא.

ס'איז מיר טאַקי זעהר אנגענעהם ארויפצוברענגען א מענשען אין אזא שטוב! ראָזעלע לאַכט אָפּ, דער טאַטע מיט זיינע הלואות.

פאָטער.

געפעלט דיר אפשר ניט דער טאַטע דיינער? איהרע פייפערס זיינען שעהנערע מענשען! זי מיינט, זיי וועלען מיט איהר חתונה האָבען! פלאַקען, פייפערס האָבען ניט חתונה!

מוטער.

ליזא, ס'ווערט דאָך שפּעט, ווען וועסטו אהיים קומען?

פאָטער.

וואָס ציטערסטו אזוי? מ'וועט זי ניט אויסכאַפּען.

מוטער.

מינא, וואָס טהוסטו זיך ניט אָן? זעה נור, זעה, ווי א כלה מויד זיצט!

מינא.

מיינע שוועסטער פוצען זיך שוין פאַר מיר אויך.

מוטער.

געוואלד, רבש"ע, וואָס האָט איהר זיך אלע אָנגעזעצט אויף מיר? דאָס איז גאָר א שטראָף! האָט זיך אריינגעלאָזען אין די ביכלעך! עפּעס די גאַנצע שאַנדע האָט זיך פון איהר אָבגעטהאָן. מינא, דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר? כ'על באלד כאַפּען אלע דיי־נע ביכלעך און פערברענען זיי ביז איינעם. אז גאַרדין קומט ארויף פלאַמט מיר דאָס פנים.

ראָזע.

נו, מיט גאַרדין'ען איז זי שוין זיכער.

פאָטער.

רעד צו איהר און רעד צו דער וואנד.

מינא.

רוהיג.

איך מוז דאָס היינט ענדיגען. איך האָב דיך געבעטען, דו זאָלסט זעהען פיקסען די געז אין בעד־רום —

פּאָטער.

אין בעד־רום, אין בעד־רום — נאָך אַ געז ברענער. אַ קליינינגקייט, מ׳בעצאָהלט דאָך איהר פאר איהר שרייבאַכץ.

ראָזע.

כ׳וואָלט שווערען, אַז דער טאַטע האָט עקסטרא קאַליע געמאַכט די געז אין בעד־רום.

מוטער.

וואָס פאָרט, וואָלט איך וועלען וויסען, שרייבסטו שוין פון אַ וואָך צייט!

אַלע קוקען זיך איבער פּיעל־בעדייטענד.

הא, איך פרעג דאָך! פאר וואָס שווייגסטו?

פּאָטער.

אָט נעהם לייען איבער, וועסטו וויסען.

מוטער.

„לייען איבער"! חכם מיינער! און אַז דו קענסט לייענען, ווייסטו וואָס דאָרטען טהוט זיך?

פּאָטער.

אודאי ווייס איך, עס איז וועגען —

מאַקס.

טאַטע, שווייג, וואָרים, אַז ניט —

פּאָטער.

ביזט אַ שייגעץ! וואָס עפּעס סודות פאר דער מאַמען, האַ? דו הערסט, שרה —

מאַקס.

ששש... טאַטע, שפּיעלסט זיך מיט׳ן לעבען. פּאָליציי קען נאָך דער־הערען, מ׳וועט אונז אַלעמען אוועקשיקען...

מוטער.

וועה מיר ניט, די האָר שטעלען זיך מיר קאַפּויר. שוין זאָלט איהר מיר דערצעהלען, וואָס דאָ טהוט זיך, די מינוט!

פּאָטער.

הער ניט דעם קונדס! ס׳איז גאָר נישט. וועגען קינדער.

מוטער.

וואס הייסט וועגען קינדער? רעד ווערטער!

מאקס און ליזע שטיקען זיך פון געלעכטער. ראזע שמייכעלט.

מינא שרייבט, ווי גאר ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג קיין זאך.

פאטער.

עס הייסט, אז זי זעצט איבער אין אידיש, ווי אזוי מאמעס זא־לען קאנטראלירען קינדער. איצט ווייסטו שוין?

מאקס.

ווען דו וואלסט עס געוואוסט מיט א דרייסיג יאהר פריהער, וואל־סטו הײנט ניט געהאט אויף וועמען צו שרייען. איצט פערשטעה־סטו שוין?

מוטער.

צו מיינע שונאים'ס קעפ!

מאקס שטופט אוועק ליזען פון שפיגעל, נעהמט ארויס א קאם, פערקאמט די האר.

מוטער.

האסט געדראווענט מערב?

פאטער.

געדראווענט מערב. נו, וואס וועסטו איצט טהאן? געבליבען אהן א שטאך ארבייט. אויפ'ן מערב שטעהט די גאנצע וועלט, מיינט זי.

מוטער.

ניין, לייזער, די וועלט אפשר ניט, אבער —

פאטער.

וואס דען, יענע? נו, יענע, וואס איז שייך? מ'קען דאס, מיינ־סטו פערזארגען?

מוטער.

אט שווייג שוין, שווייג, אלטער נאר. האט, ברוך השם, אבגעלעבט זיין וועלט, פילאזאף מיינער.

פאטער.

און דו ביזט עס אויסען מיין טובה? עט, אין גן עדן געלוסט זיך דיר זיצען אויף מיין רעכענונג.

מוטער.

אן עולה? דו פערשאפסט דאס מיר אזוי פיעל פערגעניגען אויף ד ע ר וועלט? אט נעהם לעג שוין צונויף דיין פעקעל. ס'איז

דאָ, גאָט צו דאַנקען, פינף רומס, און וואו מ'גיט זיך א קעהר, גע־פינט מען זיינע פּרנסות — איין רום כאָטש, אז א מענש קומט אריין, זאָל זיין ריין —

פאָטער.

„א מענש קומט אריין!" — נו, קומט ער, זאָל ער קומען!

מאַקס.

ביים טאַטען איז נור ביזנעס, קויפען און פערקויפען.

פאָטער.

וואָס דען? האַלטען זיך, שפּעקולירען?

מוטער.

פאַנגט אָן שנעל צוזאמענליייגען די שטיקלאך וואַארע.

קום, קום אין קיך אריין. דאָרטען וועלען מיר זיך שוין אויס־טענה'ן.

פאָטער.

אין קיך אריין! מ'מוז דאָס ברענגען נאָך א געז?

ער שטעלט זיך אויף אַ שטוהל, דרעהט אויס איינע פון די גאַזען.

מוטער.

שטופּט איהם אַרונטער פון שטוהל, רייבט אָן אַ שוועבעלע און צינדט אָן די געז.

געה, לאָז אָב. די קינדער האַרעווען און בעצאָהלען, זאָל זיין ליכ־טיג אין שטוב.

זי נעהמט צוזאמען דאָס פּעקעל מיט די וואַארע און לעגט עס אַוועק אָן א זייט.

אוי, די פּרנסות זיינע, די שעהנע!

פאָטער.

נו, געפעלט דיר ניט? פאַר וואָס זעהסטו בעסער ניט, וואָס דיין זוהנדעלע האָט אָבגעטהאָן, מיט ז י י נ ע פּרנסות? ער האָט דאָך פערספּענדט ביז א סענט, האָט ער דאָך.

מאַקס.

אז איך זאָג, אז דער טאַטע איז א שפּיאָן, מסתמא וויים איך וואָס

איך רייד. קענסט שוין פאר איין גאנג דערצעהלען דער מאמען, אז איך האָב מיין דזשאָב אויך אויפגעגעבען.

פויזע. מינא, ליזא, פּאָטער, מוטער רעדען אלע מיט אַמאָל.

ראָזע.

ער איז ניט מיט אַלעמען.

מינא.

דער באָי איז פון זינען אראָפּ.

ליזא.

אנדערש ניט, ער איז שיכור.

פּאָטער.

ווי, דו מיינסט עס טאָקי אויף אן אמת?

מוטער.

וואָס, וואָס זאָגסטו?

מאַקס.

זעה נור, זעה, ס'ארא געוואַלדען זיי מאַכען! אזוי ווי איך וואָלט איבער זיך אַליין קיין דעה ניט געהאט! איך וועל מעהר ניט אר־בייטען אין א גראָסערי. נו, יעצט ווייסט איהר שוין? איך וועל קיין קרעמער ניט זיין.

מוטער.

פאר וואָס האָסטו אויפגעגעבען דיין דזשאָב?

מאַקס.

פאר וואָס — פאר וואָס? — און אז איך וועל דיר זאָגען, אז מען האָט צוגענומען מיין ליעד, און עס קען גאָר זיין, אז איך זאָל ווע־רען א שטענדיגער מיטאַרבייטער אין דער צייטונג, וועסטו דען פער־שטעהן? איך האָב א גראָסערי, ווי דעם טוידט, און זיי מאַכען זיך ניט ווייסענדיג. איך וועל אייך צייגען איינמאָל פאר אלע מאָל, אז איך בין ניט מעהר קיין אינגעלע.

פּאָטער.

איז וואָס־זשע דענקסטו צו טהאָן, צום לעבען?

מוטער.

ער וועט שרייבען ליעדלעך, וואס פערשטעהסטו דאָ ניט? עפּעס א שלעכטע פּרנסה, וואָס?

עס דערהערט זיך א פייף פון גאַס. ליזא שפּרינגט אויף.

ליזא.

דאָס איז ער!

זי כאַפּט א קוק אין שפּיעגעל, לאָזט זיך צום טיר.

מוטער.

שטעלט זי אָפּ.

וואַרט א מינוט, גולם, זאָל ער ניט מיינען, אז דו קוקסט אויס די אויגען אויף איהם.

פאָטער.

אז פערברענט זאָלען זיי ווערען, די פייפער! אַלץ דיין פיהרונג, א שעהנע מאַמע!

מוטער.

נו, פאר וואָס פיהרסטו ניט? האַלט איהר צו, אז דו קענסט. פיהר דו.

ראָזע.

זעהסטו, דאָס פייפען געפעלט מיר.

מאַקס.

ליזא זאָל האָבען שכל, איז טאַקי א וואונדער, וואָרים דאָ אין הויז גרייט מען באַלד צום טיש און דער טאַטע טרינקט אויף שמחות און זוכט הלוואות.

ליזא.

און ראָזע לאַכט אָפּ.

עס הערט זיך ווידער א פייף.

ראָזע.

לאָז איהר, מאַמע, לאָז איהר. זי קאָן איהם נאָך פערשפּעטיגען.

ליזא.

פערשפעטיגען וועסטו, אָבער ניט איך, פילאָזאָפקע מיינע.

אָב.

מוטער.

געהט צו צום פענסטער, קוקט אַרויס.

א העלד, א באָי.

פאָטער.

א העלד א פייפער.

מוטער.

מיש זיך ניט. אויף וויפיעל דו אינטערעסירסט זיך וועגען די קינדער! ער האָט שוין ווידער פאַרגאַנדערגענומען דאָס פעקעל!

פאָטער.

ביזנעס איז קיין שאַנדע ניט. אדרבא, ווען א חתן זעהט —

מאקס.

ביזנעס — חתנים, באָיעס — קיין אנדער זאך הערט מען דאָ ניט.

ער לאָזט זיך צום טיר.

מוטער.

וואוהין געהסטו?

מאַקס.

אין דער רעדאקציע.

אָב.

פאָטער.

א שעהנע פיהרונג, נור מ'צולויפט זיך. די שטוב איז זיי ענג. איהם אין דער רעדאקציע וועט מען מסתמא אויך אָנפייפען. נו, ראָזע, געה דו אויך. וואָס זיצסטו? פון איהר קען מען גאָר ניט פטור ווערען.

מוטער.

די בעסטע זאך וואָלט געווען, לייזער, ווען דו געהסט אויך פון שטוב אוועק. געה, וועסט אפשר עפעס אויפמאַהנען.

פאָטער.

אויפמאָהנען ווי אויפמאָהנען, אָבער פערקויפען דאַרף מען אַ פּאָר שטיקלעך סחורה. וואו זיינען מיינע שטריקלעך, האַ?

מוטער.

אין קיך. אַ סוף, געה שוין, געה. אָבער געדענק, גיב ניט אָהן געלד.

פאָטער.

נעהמט דאָס פּעקעל אונטער'ן אָרעם.

אַ אידענע בלייבט אַ אידענע! „גיב ניט אָהן געלד"! די הויפּט־זאַך איז דאָך דאָס פערקויפען. זאָל מען מיר נור שולדיג זיין.

אָב.

פּויזע. ראָזע הויבט אָן שפּיעלען.

מוטער.

ראָזע, מיסעס פרומקין האָט געבעטען, דו זאָלסט אריינגעהן הע־רען, ווי איהר אינגעל שפּיעלט.

ראָזע.

האָסט דערצעהלט פון מיין גרויסקייט צו די נייע שכנים?

מוטער.

גאָר! זיי הערען ניט, ווי דו שפּיעלסט, וואָס?

ראָזע.

גרויסע מבינים!

מוטער.

דער אינגעל שפּיעלט גאָר אַן אַנטיק.

ראָזע.

עפּעס ביזטו מיר די לעצטע צייט צו מוזיקאַליש געוואָרען, מאַמע.

מוטער.

גיט אַ זאָג גלאָט אין דער וועלט אַריין.

אַ וואוילער באַי דער מיסעס פרומקין'ס ברודער.

ראָזע.

וואויל איז ניט גענוג. א טהייערער בחור געווען.

מוטער.

געווען גאָר?

ראָזע.

דער צווילינג האָט קאַליע געמאַכט, חא־חא־חא!

מוטער.

אז אָך און אז ועה, אזא באָי! אזא באָי! געוואַלד, וואָס טהוט מען, וואָס וועט זיין דער סוף?

ראָזע.

דער סוף איז געווען צוזאַמען מיט די קינדער. דו האָסט געמיינט, אז מיט זייער טוידט ביזטו פטור געוואָרען פון א צרה, ערשט מ'אַנט־לויפט פון זיי טוידטערהייט אויך. דער וויפיעלטער לויפער איז דאָס, מאַמע?

מוטער.

שפּעקוליר, שפּעקוליר, מיין טאָכטער. מ'ווערט, ברוך השם, על־טער.

ראָזע טהוט א פיהר איבער די קלאַווישען.

מוטער.

נו, טו וואָס נעהמסטו זיך שוין ווידער צוש שפּיעלען? גנה.

ראָזע.

איך דאַנק גאָט דריי מאָל א טאָג, וואָס איך האָב זיך מיט וואָס צו שפּיעלען.

מוטער.

אָט הויב בעסער ניט אָן, גנה.

ראָזע.

פאר וואָס זאָל איך עפּעס געהן? מיר איז דאָ אויך גוט.

מוטער.

אָה, רבש"ע, די געדולד קען פּלאַצען.

ראָזע.

וועלען זיין ווייניגער אונגעדולדיגע מענשען אויף דער וועלט.

מוטער.

מסתמא וויים גאָט, וואָס ער טהוט.

ראָזע.

אויב ע ר וויים! אַהאַ! איך וואָלט שוין לאַנג דאָ אין שטוב ניט געווען, ווען ער שיקט מיך ניט אָן אויף אייך.

מוטער.

זי האָט שוין אָנגעהויבען צו דערגעהן די יאָהרען, האָט זי שוין אָנגעהויבען.

ראָזע.

איך גאָר? ס'איז ער, נארעלע, ער. דו האָסט דאָך געזאָגט דאָן צום טאַטען, א דאַנק גאָט, פּטור געוואָרען פון די ממזרים. גאָט, פערשטעהסטו מיך, האָט פיינט צו זיין א שותף אין מיאוס'ע געשעפטען. דערפאר רעכענט ער זיך אָפּ מיט אייך דורך מיר. הו־הו, היט זיך, מערדער! היט זיך!

מוטער.

זי איז שוין משוגע געוואָרען. מינקע, וואַרף אוועק די פען, וואַרף אוועק!

מינא.

פערדרעהט זי זיך א י ה ר קאָפּ! כ'האָב זעהר ליעב זיך צוצוהערען צו איהרע זיסע רייד! לאָז מיך צופריעדען!

ראָזע.

מיך אויך לאָז צופריעדען.

מוטער.

ווער טשעפּעט דיך? איך האָב נור געזאָגט, אז דו זאָלסט אריינגעהן צו די —

ראָזע.

אָט דאָ לעבען דיר בלייב איך ביז'ן גרויען צאָפּ.

מוטער.

אוי, מיין טאָכטער, ווען דו זאָלסט זעהן די וואונדען, וואָס איך טראָג אין מיין הארצען פון דיר —

זי ווישט זיך די טרעהרען.

ראָזע.

און איך, מיינע קינדער?

מוטער.

דו, דו! וואָס האָסטו געוואָלט, איך זאָל זיך אוועקזעצען האָדעווען ממזרים? און נאָך א צווילינג דערצו, וועה איז מיין וועלט! האָט זיך איינגערעדט, אז מ'האָט איהרע קינדער דער'הרג'עט, און דער־געהט מיר די יאָהרען. איז געלעגען אין היסטעריקע נאָך דעם הולטאי, דעם אויסוואורף, און אויף דער פיערטער וואָך טוידטע קינדער געהאַט. ס'האָט דאָך געמוזט זיין אזא סוף!

ראָזע.

איך בעוואונדער דיך, מאמע, פאר דיין שטארקייט. ווילסט מיר איינריידען, אז איך האָב מיין פערשטאנד דעמאָלט פערלאָרען. הלואי וואָלט דאָס טאקע אזוי געווען, וואָלט איך אפשר אזוי קלאָר, אזוי דייטליך זייערע פנים'לעך און ליכטיגע אויגעלעך ניט גע־זעהן. איינער האָט א קליין פינטעלע אויפ'ן לינקען זייט שטע־רענדעל געהאַט, פונקט ווי זיין פאָטער...

מוטער.

אוי, ראָזע, דו ביזט ניט מיט אַלעמען, אז דו קענסט גאָר זיין נאָ־מען דערמאָהנען. וואָס איז, ניט געקאָנט שטעלען א חופה, דער הולטאי, דער —

ראָזע.

וואָס האָסטו געוואָלט, א חופה נאָכ'ן טוידט?

מוטער.

הלואי וואָלט ער טאקי טוידט געווען, וואָלט כאָטש דער פערדרוס ניט געווען אזוי גרויס. אזא הונט!

ראָזע.

און מיט זיין גאנצער הינטישער האנדלונג האָסטו דאָך געוואָלט, איך זאָל נאָך איהם נאָכלויפען א חופה שטעלען.

מוטער.

אין אזא אונגליק, וואָס זאָל מען טהאָן?

ראָזע.

דו ווייסט, מאַמע, ווער עס לויפט נאָך א הונט?

מינא.

פארטיג! אַך, ווי גוט איך פיהל מיך! א וויכטיגע אַרבייט פער־ענדיגט. ווען ראָזע וואָלט ניט געווען אזוי משוגע, און אנשטאַט דערגעהן יעדען איינעם די יאָהרען, געטהאָן עפּעס —

ראָזע.

איך לאָז איבער די מענשהייט צו דיר. ס'איז א זעהר צופריעדענ־שטעלענדע ארבייט פאר פוסטע קעפּ.

מינא.

איך בין די ערגסטע, אז איך רעד גאָר צו דיר.

ראָזע.

אַך, ווען איהר וואָלט טאַקי ניט גערעדט אזוי פיעל.

מינא.

דו, דו דארפסט שווייגען. פוסטע קעפּ! אז אַך און וועה, ווער עס רעדט! אָט גיב זיך בעסער א ביסעל אָפּ מיט די אָרימע פרויען, וועלכע זיינען בעפאלען מיט אַזוי פיעל קליינע קינדערלאך און נויטיגען זיך אזוי אין אויפקלעהרונג. דו וואָלסט דיין אייגענע פוסטקייט דערפיהלט, ווען דו זעהסט זייערע צרות.

ראָזע.

אָרימער נאַר! פערגרינגערען די מענשהייט וויל זי! איך אָמור־זיר זיך אויסגעצייכענט מיט אייך אַלעמען, טו צו וואָס טויג מיר די מענשהייט?

מינאַ.

ביזט גערעכט. אז זיי לאָזען זיך, מעגסטו טרעטען אויף זיי.

ראָזע.

און דו?

מינאַ.
וואָס איך?

ראָזע.
דיך אַרט ניט?

מינאַ.
איך האָב וויכטיגע זאכען צו טהאָן.

ראָזע.
הייסט עס, אז פערזענליך אינגאָרירסטו מיך אין גאנצען?

מינאַ.
בעשעפטיגט זיך מיט דאָס אָנגעשריעבענע.
אַבי דו פערשטעהסט.

מוטער.
געוואַלד, לאָז לעבען, ראָזע, טשעפּע זיך ניט.

ראָזע.
הם, פונדעסטוועגען גיט אַמאָל אַ שפּריץ אַ פּייערל.

מינאַ.
האָסט אַ טעות. פערקעהרט. עס איז פּשוט אַ רחמנות אויף דיר.

ראָזע.
קוק עס אָן, ווער עס האָט רחמנות.

מוטער.
ראָזעלע, זעה זי האָט דאָך גאָר ניט געמיינט.

ראָזע.
זאָל זי יאָ מיינען, ווענען אַרט עס? איך ערגער זיך וועגען איהר גאַנץ ווייניג.

מינאַ.
בייז.
און איך קען לעבען הונדערט יאָהר און דיך אפילו ניט בעמערקען.

ראָזע.

איך זאָל נור לאָזען דיין גאָרדין'ען צורות.

מינא.

גאָרדין'ען געהסטו זעהר ווייניג אָן.

ראָזע.

דאָס מאכט ניט אויס. דאָס וויכטיגסטע איז, וואָס דו ביזט אזא גרויסער נאַר און לאָזט זיך ערגערען. ער איז ניט בעסער ווי אַלע, און אפשר נאָך אַמאָל ערגער.

מינא.

אז איך האַלט זעהר ווייניג פון דיין מיינונג, טאָ פאר וואָס זאָל איך זיך ערגערען?

ראָזע.

אָט דאָס פרעג איך דאָך אויך: וואָס ביזטו אזא גרויסער נאַר? האָסט זיך בעקלאָגט פאר דער מאמע, אז איך זוך גאָרדין'ס אויפ־מערקזאמקייט. איך פוץ זיך צוליעב איהם, חא־חא־חא! דערי־בער זוכט עס מיך די מאמע שטענדיג ארויסצומאנעווערען פון שטוב איידער ער קומט. און דעריבער האָב איך זיך טאַקי אָנגעהויבען צו פוצען, און דעריבער בלייב איך דוקא אין שטוב, חא־חא־חא!

מינא.

מאמע, זאָל זי אויפהערען. איך וואַרף איהר מיט עפּעס אין קאָפּ.

מוטער.

אז וואַרפען זאָל מיינע שונאים אין קדחת, נור מ'וואַרפט זיך. ראָזע, געוואַלד, ראָזע, דערגעה ניט די יאָהר.

מינא.

גלעט איהר, גלעט איהר. אַלע צרות קומען ארויס פון דיין גלעַ־טען.

מוטער.

נו, אודאי, ווען ניט די מאמע, וואָלט קיין צרות אויף דער וועלט ניט געווען.

זיפצט, קוקט אָן ביידע טעכטער, געהט אַרויס. פּויזע.

מינא.

הער נור, ראָזע, איך האָב דיך וויפיעל מאָל געבעטען אויפצוהערען מיט דיינע משוגענע שטיק. זעהסטו דען ניט, ווי די פרוי ליידט פון דיר?

ראָזע.

אָה, פאר דער פרוי נעהמסטו זיך דאָס אזוי אָן!

מינא.

יא, איך קען דאָס ניט צוזעהען, ס'טהוט מיר וועה דאָס הארץ. איך —

ראָזע.

חא־חא־חא! אויף איהר טהוט דיר וועה דאָס הארץ. חא־חא־חא!

מינא.

הער אויף צו לאַכען, הער אויף!

ראָזע לאַכט נאָך מעהר. מינא כאַפּט א ביכעל, וואַרפט אויף איהר.

ראָזע.

אויפהויבענדיג דאָס ביכעל, לאַכט נאָך מעהר.

דו זעהסט ניט אוים שעהן, ווען דו צוקאָכסט זיך, און דאָס קען נאָך גאָרדין'ען ניט געפעלען.

מינא.

לאָז אָב גאָרדין'ען! איך וויל ניט, דו זאָלסט וועגען איהם רעדען.

ראָזע.

מיט אַ שמייכעל.

אז ער איז פאָרט ניט בעסער פון אַן אנדערען.

מינא.

ביזט איינפאַך פון זינען אראָב.

ראָזע.

נאַטירליך, זינט איך האָב דיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דיין געליעבטען'ס קליינליכקייטען, בין איך ניט ביים זינען.

מינא.
ניט פונ'ם צווילינג אנטלויפען די באַיס, נור פון דיר. מ'האָט פּשוט מורא פאר א משוגענער.

ראָזע.
נאַר, האָסט שוין אמאָל געזעהן א הונט אַנטלויפען פון א פעטען ביין?

מינא.
פערדרעה ניט דעם קאָפּ. מ'קען דיך באלד דערקענען. פון אלע־מען לאַכסטו אָפּ, איינער איז ביי דיר ניט בעסער פונ'ם צווייטען. גאָרדין האָט שוין איינינע מאָל בעמערקט, אז —

ראָזע.
וואָס האָט ער בעמערקט, אז איך בין משוגע?

מינא.
ניין, קלאָר ביזטו!

ראָזע.
נו, איצט איז דאָך שוין גאָר קיין צווייפעל ניט. אז גאָרדין אליין האָט דאָס בעמערקט.

מינא טהוט א מאך מיט'ן האַנד, וויל אַרויסגעהן.

ראָזע.
וואַרט אויס, מינקע. עס איז נאָך ניט גענוג אָבצוזאָגען יענעם דאָס לעבען און פּארטיג. גאָרדין און דו זאָגען, אז מען אנט־לויפט פון מיר, ווייל איך בין משוגע. קענסטו מיר אפשר ציינען דעם בחור, וואָס וואָלט ניט אַנטלאָפען פון א מיידעל מיט א צווי־לינג?

מינא.
אונגעדולדיג.
ציינען, ציינען! ווער עס האַנדעלט ווי א מענש, פון יענעם אַנט־לויפט מען ניט. מען קען באַלד זעהן, אז דו ביזט ניט מיט אַלע־מען.

ראָזע.
הם...

מינא.

גענוג מיידלאך האָבען קינדער פאַר דער חתונה און דאָך לעבען זיי גליקליך מיט אַ צווייטען. איך קען —

ראָזע.

אָבער דאַן מוז מען דאָך איהם נאַרען.

מינא.

וואָס עפּעס נאַרען? איך האָב פיינט, אַז מען נאַרט. אָבער אַזוי ווי דו האַנדעלסט, איז דאָך פּשוט מיאוס. איך בעשולדיג קיינעם ניט.

ראָזע.

איז, הייסט עס, נאָך דיין מיינונג, דאַרף מען דעם אמת יאָ זאָגען, אָבער ניט אַזוי, ווי איך טהו עס. יאָ, אַזוי מיינסטו?

מינא.

ניט איך מיין, נור איך בין איבערצייגט. ווען ניט דיין ארויספּלאַצען פּלוצלונג מיט — מיט דיין — דו שרעקסט זיי דאָך פּשוט איבער. איך האָב נאָך ניט בעגעגענט קיין איין מיידעל, וואָס זאָל האָבען אַזוי פיעל געלעגענהייטען, אָבער וואָס קומט ארויס, אַז די ערשטע זאָך אויף דיין פּראָגראַם זיינען די קינדער. אַז אָך און וועה! זי איז קלאָר און די מענער זיינען הינט!

ראָזע.

און מיט וואָס ביזטו אַזוי זיכער, אַז ווען מיין פּראָגראַם וואָלט זיין פערקעהרט, וואָלט יאָ געווען גוט?

מינא.

ווייל איך ווייס, אַז דער, וואָס ליעבט, פערגיבט. נאַטירליך, עס זיינען דאָ פערשיעדענע מענשען אויף דער וועלט. צום ביישפּיעל, איך בין מעהר ווי זיכער, אַז זעלכע כאַראַקטערע, ווי גאַרדין, מענשען, וועלכע האָבען אַ בעשטימטע וועלט־אַנשויאונג, ביי אַזעלכע שפּיעלען אומשטענדען קיין ראָלע ניט. נאַטירליך, זאָגאַר גאַרדין, ווען איך גיב איהם אַ זאָג אין די ערשטע פּאָר טעג פון אונזער בעקאַנטשאַפט, אַז איך האָב צוויי קינדער געהאַט, חאַ־חאַ־חאַ! אַ שעהנעם פּנים וואָלט איך ביי איהם געקראָגען. אָבער איצט איז

שוין עפּעס אַנדערש. איצט, דאַכט מיר, וואָלט אונז קיין זאַך אין דער וועלט ניט צושיידט, קיין זאַך.

ראָזע.

הם...

מינא.

הם... וואָס הם־קעסטו?

ראָזע.

ביזט אַ נאַר. גאָרדין, חיים, ברוך, אונטער אַלע אומשטענדען, צו יעדער צייט, ווייל מען דיך, ווי זיי שטעלען זיך פאָר, ניט ווי דו ביזט.

מינא.

ניט מיין גאָרדין.

ראָזע.

אָך, ווען איך קען דיך איבערצייגען, אַז ער איז פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע, און אפשר נאָך ערגער...

מינא.

טראַציג.

נו, אַביערצייג, איבערצייג.

ראָזע.

דו קאָנסט עס בעסער טהאָן, ווי איך.

מינא.

איך? ווי אַזוי?

ראָזע.

גיב אַ טרייסעל דעם פּעדעסטאַל, אויף וועלכען דו האָסט איהם אַוועקגעשטעלט. האַ־האַ! איך זאָג אוים צו־פּריה מיין סוד, און דערפאַר אַנטלויפט מען פון מיר. גוט, צייג מיר, אַז דיין טהעאָריע האָט דעם מינדעסטען גרונד, און איך ערקלער זיך אַליין פאַר משוגע.

מינא.

ציינ איהר, צייג איהר! ווי אזוי זאָל איך דיר צייגען?

ראָזע.

קוקט איהר אָן איניגע מינוטען מיט אַ שמייכעל.

גאָרדין וויים, אז איך בין דער פאמיליען־סקעלעט.

מינא.

אויב דו האָסט איהם נים געזאָגט, וויים ער נים.

ראָזע.

ניין, איך דערצעהל נור די, וועלכע אינטערעסירען זיך. אבער דאָס איז נים וויכטיג. הער־זשע, אויב דו האָסט גענוג מוטה, טו דערצעהל איהם, אז מיט יאָהרען צוריק האָסטו געהאַט א צווילינג.

פויזע.

נו, וואָס שווייגסטו? האָסט מורא, הא? ס'איז אויך אַ שטיק משוגעת פון מיר, הא? אז אָך און וועה צו אייך אַלעמען. שיסערם זיינט איהר אלע אין יענעם'ס גאָרטען. ביזט דאָך אזוי איבערצייגט אין זיין גרויסקייט. זעה נור, זעה, ווי זי איז געבליבען שטעהן, ווי מיט קאַלטע וואַסער אָבגעגאָסען. האָסט אַ געלעגענהייט, נוץ זי אוים, וועסט שיסען צוויי פויגלען מיט איין מאָל. מיך וועסטו איבערצייגען, אז איך בין טאַקי משוגע און אליין וועסטו אויסגעפינען, אויף וויפיעל דיין געליעבטער איז גרייט זיך צו אָפּפערען פאר דיר. וועסטו עס אָבער נים טהאָן, האָסטו מורא איהם צו פערליערען, וועסטו זיך רוהיג אָנגעהן מיט דיין הילפס־ארבייט פאר דער מענשהייט, וועסטו זיין א רביצין אויף מיין רעכנונג, וועסטו זיך אָננעהמען אַלעמענס קריוודעס און איך וועל בלייבען נים מיט א־לע־מען.

מינא.

ווי זיך אויפכאפענדיג.

איך וואָלט עס אפשר געטהאָן, אָבער די מאמע —

ראָזע.

שפּאָטיש.

ווען עס האָלט שמאָל, קומט די מאמע צו הילף, נאַטירליך, פּונקט

אזוי ווי ליזע, מיין פּאַרטנערשריטענע, געבילדעטע, ערנסטע און וואס ניט מיידעל.

מינא.

קוקט איהר אָן מיט פעראכטונג.

נור ניט אזוי זיכער.

ראָזע נעהמט זיך צו די נאָטען, שמייכעלט און ענטפערט ניט.

הער נור, דו, איך נעהם עס אָן, אָבער מיט איין בעדינגונג —

ראָזע.

וואס פאר א בעדינגונג?

מינא.

איך וועל איהם דערצעהלען וועגען — וועגען א קינד, אָבער ניט צוויי. איך האָב פיינט דאָס וואָרט צווילינג.

ראָזע.

קאַלט.

ניין, ווילסטו זיין א סאָלדאַט, מוזטו קענען פולווער שמעקען... אַ צווילינג, מיט א קליין טונקעל־ברוין פינטעלע אויף איינעם'ס שטערענדעל.

מינא.

איך האָס דעם קלאַנג פונ'ם וואָרט. איך — —

ראָזע.

דו מוזט זיך פּאָרשטעלען, אז דו ביזט עס די, מיט וועמען דער אונ־גליק האָט געטראָפען. אָבער אנשטאט צו ווערען משוגע, ווי איך, און רעדען גלאַט אין דער וועלט אריין, קאָנסטו זיך רעדען און האַנדלען אזוי קלאָר, ווי אַלע קלאָרע.

מינא.

גיט א קלאַפּ איבער'ן טיש.

גוט, גוט. איך נעהם עס אָן. איך וועל דיך איבערצייגען. איך האָב ניט וואָס מורא צו האָבען. מיין גאָרדין וועט זיך זאָגאר פאר צעהן קינדער ניט איבערשרעקען. חא־חא־חא! א שעהנער

שפּאַס וועט דאָס זיין. פון אָנהויב האָט עס מיר אויסגעוויזען מאָדנע, אָבער איצט, איצט — דער עיקר איז, ווי אַזוי גיט מען עס איהם איבער, ווי אַזוי פאַנגט מען אָן — אָ, איך וועל שוין וויסען ווי אַזוי. פערלאָז זיך אויף מיר.

ראָזע.

בלינדע ליעבע וועט דיר געוויס ביישטעהן. ווען דענקסטו אָנצו־פאַנגען?

מינא.

בעגייסטערט.

באַלד, היינט! ווי שפּעט איז עס יעצט? אכט, ער האָט שוין דאָ בעדאַרפט זיין, גוט, איך געה זיך דערווייל אָנטהאָן.

זי געהט צו צום טיר, בלייבט שטעהן, טראַכט אַ מינוט.

וואָס וועט אָבער זיין נאָכדעם — איך מיין — ווי אַזוי וועט זיך ארויסווייזען, אַז עס איז בלויז אַ שפּאַס געווען?

ראָזע.

מיט פערראַכטונג.

אַז עס וועט האַלטען שמאָל, וועל איך דיך שוין ראַטעווען.

מינא.

איך בין דיר מוחל דיינע טובות. איך וועל שוין אויסקומען אָהן דיר. און לאָמיך דיר זאָגען, אַז איך בין זעהר צופריעדען מיט דער געלעגענהייט. עס ווערט זאָגאַר אינטערעסאַנט. איך ברען שוין מיט אונגעדולד צו זעהן דעם אויסדרוק פון זיין געזיכט.

ראָזע.

אָה, מיר זיינען זיי בעקאַנט, איך קען דיר זאָגען פאָראויס. צו־ערשט ווערט עס בלאַס, דאַן רויט, דאַן ווידער בלאַס. ער טרעט אָב אַ פּאָר טריט פון דיר, קוקט דיך אָן מיט גרויסע, צושראָקע־נע אויגען, עפענט דאָס מויל, העקעט און מעקעט, פערפּלאָנטערט זיך, און מיט אַ מאָל טהוט ער אַ כאַפּ דעם הוט — דאָס פער־געסען זיי קיינמאָל ניט — און, אָהן אַ זיי־געזונד, ווי פון רוחות געטראָגען, לויפט ער ארויס. אָבער דו דאַרפסט זיך ניט זאָרגען, דאָס שטעל איך בלויז פאַר יענע, די ווילד־פרעמדע, די אונבעקאַנטע,

די ניט־פערליעבטע, אָבער דיינער! א חוץ דעם, וואָס ער איז אין דיר אזוי פערליעבט, איז ער דאָך עפּעס גלאַט ניט אבי־ווער, א קליינינקייט, א גאנצער פיהרער פון א בעוועגונג, שטעלט איין זיין אייגענע פרייהייט, צושפּרייטענדיג —

מ'קלאַפּט אין טיר.

מינא.

דאָס איז ער. הער־זשע, מיך אַרט זעהר ווייניג, וואָס דו לאַכסט. שפּעטער וועל איך פון דיר לאַכען. זאָג איהם, אז איך טהו זיך אָן.

שנעל אָב.

ראָזע.

עפענט די טיר, גאָרדין קומט אַריין. ער איז א הויכער יונגער־מאַן, מיט אַ שפּיציג בערדעל, עטוואָס נערוועז, רעדט לאנגזאַם און איבערלעגט. טראָגט ברילען, ער איז אָנגעטהאָן אין א טונקעל־בלויען זומער אַנצוג, א ווייסע זיידענע העמד, מיט אַ ווייכען, אָבגעלייגטען קאָלנער. דער שווארצער שניפּס איז נאַכלעסיג אויסגעבונדען.

גאָרדין.

דערלאַנגט ראָזען די האנד.

גוטען אבענד. וואו איז מינא?

ער טהוט אויס דעם ראָק און הוט און לעגט עס אַוועק אויף אַ שטוהל.

ראָזע.

זי טהוט זיך אָן. און ביז זי וועט אריינקומען, וועט איהר מוזען מיך דולדען.

גאָרדין.

„מוזען„ איז אַ הארטער וואָרט.

ראָזע.

מיט מיין הארטקייט זיינט איהר דאָך שוין בעקאַנט, איבערהויפּט א צוקינפטיגער דאָקטאָר, א וועלט־פערזאָרגער, מוז זיך צוגעוואוינען צו פערשיעדענע הארטקייטען.

גאָרדין.
מיט אייך אָבער קומט עס מיר אָן שווערליך.

ראָזע.
דאַן וועט איהר קיין גרויסען ערפאָלג, אלס משוגעים ספעציאַליסט, ניט מאַכען.

פויזע. גאָרדין קוקט זי נייגעריג אָן און ענטפערט ניט.

און אום צו פערהיטען אייך פון ווייטערע פאַלשע אַנאַליזירונגען, מוז איך אייך איינמאָל פאַר אלע מאָל קלאָר מאַכען, אז איך לייד פון רהומאַטיזם.

גאָרדין.
זאָל זיין רהומאַטיזם.

ער קוקט אַריין אין א מאַנוסקריפט, וועלכען ער האָט גענומען פון טיש.

ראָזע.
איהר ווייסט, גאָרדין, אז איך האָב אייך פיינט.

גאָרדין.
אַ שאָד, א שאָד, ווירקליך א שאָד.

ראָזע.
וואָס איז א שאָד?

גאָרדין.
די איבערזעצונג האָט געקאָנט זיין א פיעל בעסערע. א שאָד, וואס איך האָב זיך ניט געקאָנט מעהר אָבגעבען. מען קען זעהן, אז עס איז א געאיילטע ארבייט.

ראָזע.
אייך אַרט ניט, וואָס איך האָב אייך פיינט?

גאָרדין.
און אז עס וועט מיך יאָ אַרען, קען עפּעס העלפען?

ראָזע.
אז איהר וואָלט געוואוסט, אז ס'וועט העלפען, וואָלט אייך יאָ גע־אַרט?

גאָרדין.

אפשר, ווער ווייס. נאָך אַלעמען, זיינט איהר א גאַנץ אייגענאַר־טיגער טיפּ, זאָגאר שעהן —

ראָזע.

פונקט ווי אַלע... אָרימע שוועסטער, ווען זי קען אייך זעהן מיט מיינע אויגען...

גאָרדין.

נעהמט אַרונטער די ברילען, ווישט זיי, רעדט, ניט אַרונטערנעה־מענדיג די אויגען פון איהר.

פון וואַנען ציהט איהר אייערע שליסע וועגען מיר?

ראָזע.

פון די פּיעלע אַנדערע. א חוץ אויסערליך, זיינט איהר אַלע גלייך.

גאָרדין.

זעהט איהר, זיינען שוין מיינע שליסע וועגען אייך גרינדליכער.

ראָזע.

וועלכע שליסע?

גאָרדין ענטפערט ניט.

אָה, יאָ, כמעט פערגעסען מיין — מיין קרענק —

גאָרדין.

אויב איהר ווילט זיך מיט מיר דורכאויס קריגען.

מינא קומט אריין. זי איז שעהן פארקעמט, טראָגט א לייכט זו־מער־קלייד. גאָרדין אָטהעמט אָב פרייער, געהט צו איהר צו, נעהמט אָן איהרע הענד.

מינא.

ענטשולדיג, וואָס איך האָב דיך געלאָזט אזוי לאַנג וואַרטען.

ווינקט צו ראָזע'ן, זי זאָל אַרויסגעהן.

ראָזע.

ענטשולדיגט, אזוי ווי איהר אַלע האָט מיך ערקלערט פאַר ניט מיט אַלעמען, מוז איך זיך צוריקציהען.

זי געהט אַרויס.

גאָרדין.

קוקט איהר נאָך.

א מאָדנע מיידעל.

וואָס האָט זי דיר געזאָגט?

גאָרדין.

ווי זיך אויפכאפענדיג.

אָה? גאָר ניט, עפּעס מוז דאָך זיין מיט איהר. יעדענפאַלס, זי גיט אַליין צו, אז זי איז ניט מיט אַלעמען — זעה נור, ווי שעהן מיר זעהען היינט אוים, גאָר עקסטרא שעהן! פראכטפול! וואָס, זאָג מיר, איז דער יום טוב היינט?

ער קושט איהר בלויזען אָרעם.

מינא.

ווען דו קומסט, איז ביי מיר יום טוב, און היינט — היינט האָט עפּעס וויכטיגעס פּאסירט. כ'מיין ניט היינט — כ'האָב זיך שוין צוגעגרייט מאָנאַטען לאַנג דערצו.

גאָרדין.

מאָנאַטען לאַנג?

מינא.

דאָס הייסט, כ'מיין — איך — איך האָב ניט געוואָגט, כ'האָב דיך נאָך אַזוי גוט ניט געקענט.

גאָרדין פיהרט זי צום סאָפע, ביידע זעצען זיך.

זאָג, גאָרדין, וואָלט עס ניט געווען פון מיר די גרעסטע נאַריש־קייט, ווען איך פרעג דיך פּלוצלונג, אויב דו האָסט מיך ליעב? כ'מיין — איך מיין — אויב דו ביזט פעהיג צו פערגעבען — ניין, ניט פערגעבען — פערשטעהן, מיין איך —

גאָרדין.

פערוואונדערט.

וואָס איז מיט דיר היינט, קינד?

מינא.

פּלאַצט ארויס.

איך האָב א פערגאַנגענהייט.

גאַרדין.

נאַר פּלוצלונג? האַ־האַ־האַ! זעהר אינטערעסאַנט.

מינא.

ס'איז ניט פּלוצלונג, און דו האָסט ניט וואָס צו לאַכען. ווען — ווען דו ווייסט —

גאַרדין.

נו, ווי איך ווייס ניט, אַזוי וועט מיר ניט שאַדען.

מינא.

ניין, דו מוזט וויסען. איך — איך בין געוועזען אַמאָל פערליעבט.

גאַרדין.

דאָס אַלעס! קינדעלע, ווער איז דאָס ניט געוועזען אַמאָל פער־ליעבט?

מינא.

מיין ליעבע איז אָבער אַן אַנדערע. כ'מיין — איך מיין — אַ ליעבע, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסע וואונד.

גאַרדין.

עטוואָס אונגעדולדיג.

אָבער, קינד, צו וואָס דערצעהלסטו עס מיר? איך בין ניט דער מענש צו זוכען און זיפען אַ פרוי'ס פערגאַנגענהייט. אַלעס, וואָס איך פערלאַנג פון דיר, איז די געגענוואַרט.

מינא.

קוקט איהם אָן אַ גליקליבע.

האָב איך עס דען פריהער ניט געוואוסט?

ראָזע.

עפענט די טיר, שטעקט אַריין דעם קאָפּ.

כ'האָב געמיינט, די מאַמע איז דאָ. ענטשולדיגט.

פערשווינדעט שנעל, צומאַכענדיג די טיר הינטער זיך.

מינא.

ווי דערמאַכענדיג זיך אָן איהר ראָלע, וועלכע זי דאַרף שפּיעל־

קוקט אריין גאַרדין'ען גלייך אין די אויגען.

יענער מאן איז געשטאָרבען. פאר מיר איז ער טוידט.

גאַרדין.

נו, געזונטערהייד. וועק ניט די טויטע.

מינא.

ווי ניט הערענדיג.

איך האָב א קינד געהאט...

ס'דערהערט זיך אַ הוסט פון קיך.

צצ—ווו—יי... א צווילינג...

גאַרדין.

שפרינגט אויף, ווערט בלאַס, קוקט זי אָן מיט אַ פערצווייפעלטען אויסדרוק.

דו?!

מינא.

מעכאניש.

יאָ.

פויזע.

גאַרדין.

ניין, עס קען דאָך ניט זיין. ביזט משוגע, וואָס רעדסטו? איך בעט דיך, מינא, אזעלכע שפאסען ערלויבט מען זיך ניט. ביזט ניט מיט אַלעמען.

מינא.

ס'איז ניט קיין שפאס.

גאַרדין.

ניט קיין שפאס, ניט קיין שפאס! וואָס איז ניט קיין שפאס?

מינא.

מיט אן אָנשטרענגונג צו פערבלייבען ערנסט.

דער צווילינג.

גאַרדין.

אָך, הער אויף. ביזט פון זינען אַראָפּ. דו ווילסט דאָך ניט איך זאָל דיר גלויבען.

מינא.

דו מוזט. איך קען מעהר ניט שווייגען. מיין געוויסען פּלאָגט מיך.

גאַרדין.

צו'ן־אַלדי שוואַרץ יאָהר מיט'ן געוויסען!

ער נעהמט אַרונטער די ברילען, הויבט זיי אַן שנעל אויסצואווי־שען.

און איינפאַל דאָס איז!

מינא.

אָבער גאַרדין, וואָס ביזטו אַזוי אויפגערעגט? ס'איז דאָך ניט מיין שולד, אז אַן אונמענש, און אויסוואורף, א — א — כ'האָב שוין לאַנג אָן איהם פערגעסען. דיך דאַרף עס אַ האָר אויך ניט אַרען, ניט אינטערעסירען.

וואָס הייסט, ניט אינטערעסירען?...

מינא.

גלעט זיינע האָר.

גאַרדין, איך בעט דיך, זיי רוהיג. דו פּלעגסט דאָך אימער זאָגען, אַז אַ פרוי'ס פערגאַנגענהייט איז איהר אייגענס.

גאַרדין.

קרימט איהר איבער.

אַ פרוי'ס פערגאַנגענהייט! אָבער, מיין פרוי, מיינע! צום טייפעל, וואָס ביזטו פּלוצלונג אַריינגעפאַלען מיט דיין פערגאַנגענהייט? ווער האָט דיך געבעטען?

מינא.

איך האָב געמוזט... מיין געוויסען —

גאַרדין.

כאַפּט זי אָן ביי די אַקסלען, טרייסעלט זי אין דער העכסטער אויפרעגונג.

וואָס האָסטו געוואַרט אַזוי לאַנג, האַ? פאַר וואָס האָסטו מיר באַלד פון אָנפאַנג ניט דערצעהלט?

מינא.

לאָז אָב, דו טהוסט מיר וועה!

גאָרדין.

כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ.

איהר טהוט וועה! צורייסט מיין נשמה אויף שטיקער און טרעט זי מיט די פיס —

בלייבט שטעהן, קוקט זי אָן ווילד.

פאַר וואָס האָסטו אַזוי לאַנג געוואַרט, האַ?

פּלוצלונג.

ניין, עס קען ניט זיין, ס'איז אונמעגליך, ס'איז אַ שפּאַס.

מינא.

טאָמער איז דאָס, חלילה, אַן אמת?

גאָרדין.

אַן אמת, אַן אמת? טו וואָרום האָסטו מיר גלייך ניט דערצעהלט?

מינא.

אָבער וואָס איז דער אונטערשיעד? איך האָב געהאָפּט — מיר וועלען זיך בעסער דערקענען —

גאָרדין.

אָה, האָסטו, הייסט עס, געוואָלט זיין זיכער מיט מיר, הם... איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז דו בעזיצסט אַזוי פיעל טאַקט... אַזאַ לאַנגע צייט די מאַדאַנאַ געשפּיעלט? ניין, די גאַנצע מעשה איז אַן אויסגעטראַכטע. קאָנסט זיך האָבען דיינע מאָטיוועז, אָבער איך גלויב עס ניט.

מינא.

דו מוזט מיר גלויבען. דו מוזט גלויבען און פערגעבען. פער־געבען — דאָס איז דאָס וויכטיגסטע.

גאָרדין.

וואָס הייסט איך מוז? ס'איז דאָך אָבער א ליגען!

מינא.

ס'איז אן אמת.

ראָזע.

קומט אריין פון קיך.

ענטשולדיגט, איהר שרייט אזוי, אז כ'האָב געמוזט הערען, און איך בין געקומען אייך ראַטעווען.

מינא.

מיט כעס.

מ'בעט דיך ניט. ער וועט רוהיגער ווערען, וועט ער בעסער פער־שטעהן.

ראָזע.

האָסט נאָך אַלץ די האָפנונג ניט פערלאָרען?

גאָרדין.

קוקט אויף ביידע שוועסטער מיט ווייט־פארנאנדערגעפענטע אויגען.

ראָזע.

איך האָב פון אייערע ברייטע וועלט־אידעאַלען קיינמאָל שטאַרק ניט געהאַלטען, אָבער זי איז געווען אזוי איבערצייגט... נו, האָב איך זיך א קליינעם שפּאַס ערלויבט.

מינא.

ראָזע! איך קען מיין שטעדטעל אליין בעשטעהן.

ראָזע.

ווי קומט מינא צו קינדער? זי פערהיט דאָך די וועלט דערפון. דאָס בין א י ך, — איך האָב מיט א יאָהר צוריק געהאַט אַ צווילינג.

מינא.

פערגעסענדיג, אז זי שפּיעלט בלויז א ראָלע, רעדט דורך פער־קלאַמערטע צייהן.

אמת. אַלץ, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, איז אמת. דו הערסט? איך וויל ניט, זי זאָל מיך ראַטעווען, און דערנאָך אָפּלאַכען. זי איז געווען זיכער, אַז אויב איך וועל דיר אַלעס דערצעהלען, וועסטו אַנטלויפען פון מיר. איך וויל ניט, איך וויל ניט איהר הילף. דו זעהסט איהר ציניזען שמייכעל? אָט אזוי וועט זי אימער אויף אונז קוקען.

ראָזע.

שריי ניט! די מאַמע קען נאָך דערהערען איהרע שטילע קינדער.

מינא.

אין דער העכסטער אויפרעגונג.

איינמאָל פאַר אַלע מאָל, גאָרדין, זאָג, זאָג!

גאָרדין.

וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי צומישט, שטאַמעלט אַרויס.

איך וועל פון זינען אראָב. וואָס טהוט זיך דאָ? ווי קען איך איהר גלויבען?!

ראָזע.

אָבער פערשטעהט איהר דען ניט, אַז זי האָט אייך בלויז געוואָלט אויף אַ פּראָבע שטעלען? איך זאָג אייך, אַז דאָס בין איך.

מינא.

ניין, איך, איך!

גאָרדין.

זעהר שעהן פון אייך ביידען! דער אָפּפער איז גרויס, אָבער דאָס מאַכט אַלץ מיין לאַגע ניט בעסער.

מינא.

וואָס האָט דאָס מיט דיר צו טהאָן?

גאָרדין.

וואָס, וואָס! ווי, דו האַלטסט מיך פאַר אַן אידיאָט? אַ פערגאַנגענהייט... אַ צווילינג — צו אַל די רוחות, ווער ווייס, ווער קען ביי אייך אַ טאָלק דערגעהן? איך — איך—

לאָזט זיך צום טיר. ביי מינאַ'ן רייסט זיך ניט ווילענדיג ארוים: גאָרדין! גאָרדין!

די מוטער.

קומט אַן.

וואוהין לויפט איהר, גאָרדין? ניט מינא האָט גערופען?

גאָרדין.

פינסטער.

איך מוז געהן, איך האָב קיין צייט.

מוטער.

וואָס עפּעס אין מיטען דערינגען אַנטלויפען? מיר'ן טרינקען טהיי. ס'איז אפּילו היים, אָבער טהיי מאַכט צום שוויצען און ס'טרייבט ארוים די היץ פון קערפּער.

ראָזע.

מאַמע, ביזט געקומען אין דער ריכטיגער צייט — ווי א גוטער מלאך וואָלט דיך אראָבגעשיקט. און די אפּיקורסים זאָגען נאָך, אז ס'איז ניטאָ מעהר קיין נסים אויף דער וועלט! חאַ־חאַ־חאַ!

מוטער.

א בראָך צו מיר! קוק נאָר אָן, ווי איהר זעהט אַלע אוים! מען טאָר זיי אויף א מינוט אַליין ניט איבערלאָזען. ווי וועה איז מיר.

ראָזע.

מאַמע, אויקע ניט און וועהקע ניט! זאָג בעסער דיין צוקינפטיגען איידעם ווער עס האָט דעם צווילינג געהאַט. ער טשעפּעט זיך צו מינע'ן. הם... ער אויך זעהט אוים צו זיין ניט מיט אַלעמען...

גאָרדין.

פינסטער.

ס'איז ניט אייער זאַך, מען בעט אייך ניט. איך —

ראָזע.

ס'איז גראָד מיין זאַך. נאָר מיר וועט איהר דאָך סיי ווי ניט גלויבען, אָבער דער מאַמען! איהר מוז מען גלויבען. אַן אַלטע מאַמע זאָגט ניט קיין ליגען, זי —

מוטער.
צו מיינע שונאים׳ס קעפּ! אַט הערט זי ניט, מיר ב״ה זיינען שוין געוואוינט צו די צרות, האָט זיך עפּעס איינגערעדט, גלויבט מיר, ס׳איז אַן איינגערעדטע זאַך, ניט זי, ניט קיינער, האָבען צווילינגם געהאַט. אַזאַ יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר אַ טעכטער איך האָב. זיי זיינען דאָך —

ראָזע.
מיט אַלעמען! מיט אַלעמען! — בראַוואָ! האַ־האַ־האַ...

פ אָ ר ה א נ ג.

ע נ ד ע.

ענגשאפט

א שפיעל אין איין אקט.

פון

דזשעין ראוז

COPYRIGHT BY
JANE ROSE
New York, 1918
All rights Reserved

פערזאָנען.

מאַקס ביילין. — א בוכהאלטער.

העללען. — זיין פרוי.

לייטאַן. — אן אינשורענס־אגענט, באָרדער ביי די ביילינס.

די סצענע שטעלט פאָר א רייכען שפּייז־צימער אין אַ לענאָקס עוועניו אַפּאַרטמענט הויז, ניו יארק. רעכטס, א טיר צו לייז־מאַן׳ס צימער. לינקס, אן אָפענע טיר צום קיך. פון קיך זעהט זיך אן אפענע טיר, וואָס פיהרט צו די בוילין׳ס שלאָף־צימער. אין מיטען פון שפּייז־צימער א טיר צום האָל. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, איז אויף דער ביהנע ליידיג און גאַנץ פינסטער. דאָס פאָלגענדע קומט פאָר אין א הייסען זו־מער פארנאכט.

עס הערט זיך א שליסען פון דער האָל־טיר. באַלד קומען אריין העללען און לייזמאן.ביידע אָנגעטהאָן נאָך דער לעצטער מאָדע.

העללען.

זעהט נור, ווי פינסטער דאָ איז, און אין גאס איז נאָך אזוי ליכ־טיג.

לײמאַן.

איהר פערגעסט, הפנים, אז מיר וואוינען אויפ'ן ערשטען פלאָר צו די בעק פון א צעהן־שטאָקיגער ניו יארקער אפארטמענט־הויז.

העללען.

צינדט אָן די עלעקטריק, פּליעז! איך האָב מורא זיך א קעהר צו טהאָן — א מין פינסטערנים.

לײמאַן.

אזוי לאנג, ווי איך בין דאָ, האָט איהר ניט וואָס מורא צו האָבען, איך בין אזוי ווי א מזוזה אין א הויז.

העללען.

נו, חכמה'ט זיך ניט, פּליעז, און גיט דאָרט א דריק דעם מאָטאָן.

לײמאַן.

אָ, איהר זייט דאָך גאָר ניט פּאָעטיש, מיסעס העללען: אין דער פינסטער איז דאָך ערשט גוט.

העללען.

ערשטענס, מוז איך אייך זאָגען, מיסטער לײמאַן, אז איהר זאָלט סטאָפּען צו רופען מיך מיסעס העלען. און, צווייטענס, בין איך אייך מוחל אייער פינסטערע פּאָעזיע, איך האָב ליעב, עס זאָל זיין ליכטיג. לאָזט מיך אָקאָרשט א זוך טהאָן דעם באָטאָן.

זי הויבט אָן צו שאַרען איהר האַנד איבער'ן וואַנד, לײמאַן בויגט אַריבער זיין קאָפּ צום פּלאַץ, וואו זי זוכט. העללען ריהרט אָן,

ניט זעהענדיג, זיין געזיכט, לאָזט אַרויס א געשריי, שפּרינגט אָב דערשראָקען.

ליימאַן.

אהא, איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז איהר זייט אזא שרעקעדיגע.

העללען.

בייז.

און איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז איהר קענט זיך אזוי נאריש מאכען. צינדט אָן די עלעקטריק, פּליעז!

ליימאַן.

אָלל־רייט, אָלל־רייט, זייט ניט בייז.

ער גיט אַ דריק דעם באַטאָן. עס ווערט העל. ער בלייבט שטעהן אין א פּאָזיציאָן, מיט ביידע הענד האַלט ער זיין הוט צוגעדריקט צום הארצען, דעם קאָפּ עטוואס איינגעבויגען.

עקסקיוז מי, מיסעסביילין! איך האָב קיין זאך ניט געמיינט. אויב איהר זייט ווירקליך בעליידיגט, בעט איך אייך טויזענד מאָל אום ענטשולדיגונג.

העללען.

בעטראכט איהם א ווײלע. פּלוצלונג צולאכט זי זיך.

עס האָט זיך אייך עפּעס געמוזט חלום׳ען, מיסטער ליימאַן. די לעצטע צייט פערגעסט איהר זיך אַ ביסעל, וואו איהר זייט אין דער וועלט.

זי טהוט אויס דעם הוט.

ליימאַן.

מיר האָט זיך קיין זאך ניט גע׳חלום׳ט און איך וויים, וואו איך בין. איהר ווילט צושטערען אונזער היינטיגען פערגעניגען, וואָס מיר האָבען געהאט אין טהעאטער.

העללען.

פרעהליך.

איהר האט געזעהן, ווי אזוי דער געליעבטער האט גענומען זיין געליעבטע אויף די הענד און איז מיט איהר ארויסגעגאנגען די טרעפ? אט דאס הייסט ליעבע! אבער זי איז געווען א שעהנ־הייט!

לייםאן.

איהר זייט טויזענד מאל שעהנער פון יענער!

העללען.

ווער איך? געהט שוין, געהט! ווען איך וואלט געווען שעהן און געהאט טאלאנט, וואלט איך גאר געווארען אן אקטריסע. אט דאס איז א לעבען!

לייםאן.

איך מאך א וועט, אז דאס איז א לעבען! נעקסטע וואך געהען מיר ווידער, אבער ניט אין טהעאטער — ס'איז צו היים! אויף א רוף־גארדען וועלען מיר געהן! דארטען לעבט מען ערשט א טאג, מוזיק שפיעלט, מיידלאך טאנצען, דער עולם עסט און טרינקט, עס איז א לעבעדיגע וועלט.

ער געהט צו איהר צו גאנץ נאהענט, קוקט אריין ליידענשאפטליך אין איהרע אויגען.

אייך פאסט טאקע צו זיין אן אקטריסע, אייערע אויגען קענען אנ־צינדען. מען קען משוגע ווערען.

שאפטליך. העללען רייסט זיך ארוים מיט כעס.
איהר זייט פעררינקט! וואס טהוט איהר?

צולאכט זיך לוסטיג, ער כאפט זי ארום און קושט זי לוידענ־
העללען.

ליימאן.

עס איז אייער שולד, מעהר ווי מיינע. אויב איהר וועט זיך מיט מיר אָט אזוי שפּיעלען ווייטער, ווייס איך ניט, וואָס דער סוף וועט זיין.

העללען.

עטוואס געלאַסענער.

דער סוף וועט זיין, אז איהר וועט זיך מוזען ארויסציהען פון דאַנען, אויב איהר קענט זיך ניט בענעהמען ווי אן אנשטענדיגער מענש. איך וועל עס מוזען דערצעהלען מיין מאַן!

ליימאן.

דאָס וועט איהר ניט טהאָן, ווייל איהר ווייסט, אז עס איז ניט מיין שולד, אָבער איך בעט אייך, פערגיט און פערגעסט! איך וועל זיך היטען צו טהאָן עטוואס געגען אייער ווילען.

העללען.

יא, איהר זאָגט אַלע מאָל צו, אָבער —

ליימאן.

אָל־רייט! מעהר ניט. איך שווער עס אייך, וואָס קען איך העל־פען, אז איהר זייט אזא מאָדנע, אזא נאַאיווע, איהר פערשטעהט ניט, אז איהר שפּיעלט זיך מיט פייער...

העללען.

אויב ביי אייך קומט ארויס א פייער פון א געוועהנליכער פריינד־שאפט, איז עס דאָך ניט מיין שולד!

ליימאן.

קוקט זי אָן א קורצע ווייַלע.

ווייסט איהר? איך טרעף זיך דאָך עפּעס מיט פרויען אין מיינע

געשעפטען, און מיר דוכט, אז איך קען זיי גוט, כ'האָב געגוג ער־פאהרונגען מיט זיי געהאַט, אָבער אזא, ווי איהר, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט בעגעגענט.

העללען.

ערפאהרונגען מיט פרויען — אך, ווי אינטערעסאנט! אָבער איך דענק, איהר איבערטרייבט עס א ביסעל, מיסטער ליימאַן!

ליימאַן.

ווארום גלויבט זיך עס אייך ניט? אלס אינשורענס אגענט קום איך זיך מאנכעס מאָל צוזאמען מיט פרויען, וועלכע זיינען — —

העללען.

פליעז, פליעז! איך וויל פון יענע פרויען ניט וויסען. אַט זאָגט מיר בעסער, ווארום דענקט איהר, אז איך בין אנדערש? איך וואָלט טאקי א בעלן געווען צו זעהן מיין אייגענעם „איך" געמאָה־לען פון אזא ערפאהרענעם מאַן, ווי איהר.

ליימאַן.

איך צו מאָהלען דארף מען דאָך זיין א קינסטלער...

העללען.

גיט איהם, לאַכענדיג, א קלאפּ מיט'ן פעכער איבער'ן קאָפּ. ער כאַפּט אָן איהר האַנד און גיט איהר שנעל א קוש.

העללען.

די היץ האָט אייך היינט משוגע געמאכט — איהר האָט דאָך ערשט געשווארען, אז איהר וועט שוין זיין א מענש?

זי עפענט פאַנאַנדער אַלע פענסטער, שטעהט און פאָכט זיך.

אך, ווי שרעקליך היים עס איז היינט!

לייטאַן.

ווישט זיך דעם שווייס פון שטערען.

און איהר זייט נאָך שרעקליכער!

העללען.

אַט פאָלגט מיך, נעהמט א קאַלטע וואַנע! ס'וועט אייך ברענגען צוריק צו אייער פערשטאַנד.

לייטאַן.

איך דארף נור דערהערען אייער שטימע, פערליער איך איהם צוריק.

העללען.

איך קען שווערען, אַז פונקט אזוי רעדט איהר צו יענע, וועלכע איהר זוכט צו אינשורען.

לייטאַן.

פון וואַנען ווייסט איהר, ווי אזוי איך רעד צו יענע?

העללען

מיין מאַקס זאָגט, אַז ווען אַן אינשורענס אגענט טהוט ניט קיין גוטע ביזנעס, איז עס א סימן, אַז ער ווייס ניט, ווי צו מאַכען קאָמפּלימענטען די פרויען, און איהר, ווי עס זעהט אויס, טהוט גלענצענדע ביזנעס.

לייטאַן.

גערייצט, ציהענדיג די ווערטער.

אייער מאַקס זאָגט — עפּעס א קליינינקייט, אייער מאַקס? אלע־מען פערשטעהט ער, נור ניט זיך.

הערלען.

וואָס, צום ביישפּיעל, פערשטעהט ער ניט?

ליימאַן.

איך וואָלט עס גערן געזאָגט, נור איך האָב פּשוט מורא פאר אייך.

הערלען.

מורא?!

ליימאַן.

יעס, איך ע־ע־ע —

עס דערהערט זיך פלוצלונג א פייף.

הערלען.

מיט א כאַפּ.

זעקס־א־זייגער! מאַקס וועט באַלד קומען פון דער ארבייט.
וועלל, זאָל ער קומען! וואָס האָט איהר זיך אזוי דערשראָקען?

הערלען.

כ'האָב זיך אין גאַנצען פערגעסען אָן סאפּער, איך מוז א לויף טהאָן צום בוטשער.

ליימאַן.

אָט האָסטו דיר! אין אזא היץ א בוטשער. ווער עסט זומער פלייש?

הערלען.

טו פאר וואָס האָט איהר געאָרדערט אזא גרויסען סטייק פאר מיר היינט אין רעסטאָראנט?

ליימאַן.

דאָרט אָרדערט מען מעהר צוליעב דעם סטייל. גלויבט מיר, איך וואָלט ליעבערשט ניט עסען, איידער צו זעהן אייך ארבייטען אין קיךביים אויווען, אין אזעלכע היצען.

העללען.

איז נאָך אייער מיינונג, דארף מיין מאן ניט עסען, ווען עס איז היים?

ליימאַן.

איך וויל ניט ויסען וועגען אייער מאן! איך וואָלט ניט גע־לאָזט מיין פרוי זיך באדערען מיט'ן קאָכען, און אז ס'קאָסט א פּאָר סענט מעהר אין רעסטאָראנט, קען מען שטארבען דערפון? עס איז דאָך א שאנדע! יונגע לייט, ערשט א יאָהר נאָך דער חתונה, און נור מען שפּאָרט, נור מען שפּאָרט.

העללען.

מאקס ארבייט שווער און איהר ווייסט גאנץ גוט, אז מיר האָבען חובות.

ליימאַן.

חובות? חובות! אלע האָבען חובות. קיינער מאכט אָבער ניט אזא געוואלד, ווי אייער מאן. אָט פאָלגט מיך! באדערט זיך ניט מיט'ן סאפּער. מיר וועלען אלע דריי געהן אין רעסטאָראנט, איך וועל טריטען!

העללען.

וואָס רעדט איהר! מאקס ציטערט פאר'ן רעסטאָראנט, ווי פאר פייער —

ליימאן.

ווייס איך וואס! איהר ציטערט פאר מאקס'ן מעהר ווי מאקס פאר'ן רעסטאראנט.

העללען.

עטוואס גערייצט.

איך פאר מאקס'ן ציטער? ווער האט אייך איינגערעדט?

ליימאן.

פערדרויכערט א סיגארעט, געהט צו צום פענסטער, קוקט ארויס א קורצע ווייל ע, רעדט מיט א זעהר ערנסטע מינע.

איך וואוין ביי אייך שוין באלד א יאהר, און דעם ערשטען טאג האב איך באלד בעמערקט דעם גרויסען אונטערשיעד. ניין, איהר מוזט מיך אויסהערען, אויב איהר ווילט ניט פערלירען אייער זעלבסטווירדע. עס איזז דאך אן איינפאכער פערברעכען, אז הייני־טיגע צייטען זאל א פרוי דארפען מורא האבען פאר'ן מאן.

דער ערנסטער טאן, מיט וועלכען ער רעדט און וואס דריקט אויס זיין גאנצע אויפרעגונג, מאכט העללען צו שווייגען. זי לאזט ארונטער דעם קאפ, צוהט נערוועז דאס קישעלע פון זאפע.

ליימאן.

אט אזוי זייט איהר שוין! אדער איהר לאזט מיך ניט רעדען, אדער איהר רעדט אליין ניט.

העללען.

נערוועז.

כ'האב ניט וואס צו רעדען, איך ווייס נור, אז מאקס פערדיענט א בעסערע פרוי, ווי איך.

לײמאַן.

זיך קרימענדיג.

א בעסערע, ווי איהר. אודאי! ס'איז „נאָ יוז" איהם צו פערטהייר־דיגען, איך קען מאקס'ען נאָך איידער איהר האָט איהם דערקענט, און דערפאר זעה איך און הער בעסער פון אייך.

העללען.

וואָס אזוינס זעהט איהר און הערט?

לײמאַן.

וואָס איך זעה און הער, וואָלט געווען גענוג אייך צו בינדען הענד און פיס און מיט געוואלד אוועקנעהמען פון איהם.

העללען.

איהר איבערטרייבט, מיסטער לײמאַן! אַלעס איבערטרייבט איהר.

לײמאַן.

איך איבערטרייב, הא? אָלל־רייט! קיינמאָל לאָזט איהר מיך ניט רעדען, אבער איצט מוזט איהר מיך אויסהערען. פאר וואס האָט איהר זיך געקריעגט לעצטע נאכט, הא? געקריעגט זיך כמעט ביז טאָג?

העללען.

נערוועז.

און איהר דענקט, אז עס איז אזוי שעהן פון אייך זיך אונטערצוהערען?

לײמאַן.

איז עס שעהן פון איהם, צו מאכען א קריעג?

העללען.

איך קען נור אויסברענגען, קען איך.

ליימאַן.

אַט האָסטו דיר! א מאָדנע פרוי, וואָרום זאָלט איהר זיך בע־שולדיגען? איז עס אייער שולד, וואס אנשטאט צו נעהמען עפּעס א פערשקלאַפּטע נשמה, א קעכין, האָט ער א י י ך געהיי־ראַטה?

לאַכט.

קינדער ווילט זיך איהם? נאָך מעהר פערשקלאַפען די פרוי, און אזא האַלט זיך נאָך פאר א פרייגעזאָנענעם, אן אינטעליגענט! איך וואונדער זיך, נור, ווי אזוי איהר קענט עס אלעם פערטראָגען און שווייגען? א מין פערברעכען דאָס איז, ווען א פרוי וויל גע־ניסען דאָס גוטע פונ'ם לעבען!

העללען.

אָבער מיין מאַן קען זיך ניט ערלויבען מיר צו געבען פערגעניגען.

ליימאַן.

שפּאָטיש.

קען זיך ניט ערלויבען! האָט ער דען א מאָל געטרייט אייך עפּעס צו פערשאפען?

העללען.

פערטראַכט.

ער האָט זיך ניט געוואָלט אריינציהען אין אזא טהייערען פלעט, ווען מיר האָבען געהייראטה, אָבער מיר האָט זיך געוואָלט א „סוועל נייבאָרהוד", עפּעס א קליינינגקייט, וואָס דאָ קאָסט אָפּ רענט? א שעהנע נאכבארשאפט.

ליימאַן.

א געוואלד, וואס איהם קאָסט! צאָהל איך דען ניט במעט האלב? און וואס האָב איך? איין רום!

העללען.

און די בעסטע! אונז קומט אויס די קיטשען־בעד־רום. ס'איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס מאקס האסט אזוי באָרדערס. ער זאָגט אימער — ער וואָלט זיין מעהרער צופרידען מיט מיר אליין אין א טענט, ווי זיך טהיילען א פּאַלאַץ מיט א באָרדער.

ליימאַן.

ניין, איך קען איהם בעסער! אט דאס, וואס ער שטעכט זיך און מאכט שפּאס פון די באָרדערס, איז עס נור דערפאר, ווייל ער קען ניט פערטראָגען וואס איך נעהם אייך א מאָל אין טהעאטער, און אזוי ווי ער האלט זיך פאר אן „אינטעליגענט", שעהמט ער זיך פּשוט עס אייך צו זאגען אָפען...

העלען.

ווער וויים, אפשר טהו איך ניט ריכטיג? יעדעס מאָל, וואס איך „געה אויס" מיט אייך, פלאגט עס מיך נאָכהער צום טוידט!

ליימאַן.

עס איז דערפאר, וואס איהר ווילט זיך ניט בעפרייען פון זיין איינ־פלוס. ווארום זאָל אייך פּלאגען דער געוויסען, ווען א פריינד פערשאפט אייך פערגעניגען? שטעלט אייך פאָר, ווען ער וואָלט אייך ווירקליך געליעבט. וואָלט ער אייך דען געשטערט אין עפּעס?

ער געהט צו איהר צו גאנץ נאָהענט.

ווען איהר וואָלט נור געוואָלט, וואָלט איך איינינעס פאר אייך גע־טהאָן.

העללען.

פערטראכט.

איך וואָלט ווען, מאקס זאָל מעהר פערדינען: איך וואָלט וועלען א דיענסט, שעהנע קליידער, „גוד טיימס".

לייםאַן.

ווייל עפּעס זאָגען. עס דערהערען זיך טריט אין האָל.

העללען.

דאָס איז מאַקס! געהט, איך בעט אייך, אין אייער רום, אז ניט, וועט זיך אָנפאַנגען אַן ארגומענט.

לייםאַן.

איך וועל טהאָן אַלעס, וואָס איהר פערלאַנגט, נור קיין שקלאַף—

מאַקס.

גוד־איווגינג.

מיט סאַרקאַזם.

ווי איך זאָל ניט טרייען צו קומען א היים בעפאָר מיין באָרדער, איז עס מיר אונמעגליך. ווי שפּעט פערלאָזט דו דיין אָפּיס, לייםאַן?

לייםאַן

איך לעב ניט צוליעב דעם „אָפּיס", ווי אַנדערע...

מאַקס נעהמט אַרונטער דעם הוט און ראָק און הענגט זיי אויף.

אַז וואויל איז דעם מענשען, וואָס קען לעבען פאַר דעם לעבען, אָבער זאָג נור „מיסטער באָרדער"—

העללען.

מיט פאָרוואורף.

מאַקס!

מאקס.

איך בעט איבער דיין כבוד, מיסטער ליימאן! ווי געפעלט דיר די היץ היינט, הא?

ער געהט ארום אין קיך צום סינק, פאנגט זיך אן צו וואשען. העללען, מיט א שטומער בעוועגונג, בעט ליימאנ'ען צו פערלאזען דעם צימער. ליימאן געהט ארויס אין זיין צימער. מאקס קומט ארײן פון קיך, ווישענדיג די הענט מיט א האנדטוך.

מאקס.

סיי, ליימאן!

העללען.

ער איז ביי זיך אין צימער.

מאקס.

אט דאס איז א גליקליכער מענש, איז פאר קיין זאך ניט פעראנטווארטליך, לעבט זיך פריי, נור א „סינגעלמאן" קען זיך דאס ערלויבען.

העללען.

און ווער האט דיר געהייסען אויפגעבען דיין סינגעל־לעבען?

מאקס.

לאכענדיג.

דו.

העללען.

איך בין נאך דיר ניט נאכגעלאפען.

מאקס.

נו, צו וואס זאלט איהר עס טהאן, ווען איהר האט די פעהיגקייט צו מאכען, אז מיר זאלען נאך אייך נאכלויפען? אבער אין גאנ־

צען דיין שולד איז עס אויך ניט געווען, פערשטעהסט, איך האָב גע־
האט א נאָמען פאר א שליב־מזל׳דיגען באָרדער; וויפיעל „מיסע־
סען האָב איך געהאט, האָט קיינע פון זיי ניט געוואָלט האָבען „גוד
טיימס״.

העללען.

קעהרט זיך אַוועק מיט פערביסענע ליפּען.

מאַקס.

די רעסטאוראַנטס, זיי קענען דאָך אודאי טרייבען א מאַן צו דער
תליה. אָך, ווי איך קען זיי ניט אָנקוקען, די זעלבע געריכטען דריי
מאָל א טאָג. אָ, יעס! זיי גיבען מאַנכעס מאָל אַן איבערבייט, אָבער
נור אויפ׳ן ביל „אָוו פעיר״.

ער דערזעהט פּלוצלונג אַ טהעאַטער־פּראָגראַם אויפ׳ן סייד־באָארד,
וועלכען העללען האָט אַוועקגעלעגט, ווען זי איז אריינגעקומען.

הם.

קעהרט אוועק שנעל דעם קאָפּ.

העללען.

זאָגסט עפּעס?

מאַקס.

הא? ניין, איך זאָג גאָר ניט. אז מען האָט א באָרדער אין הויז,
דאַרף מען שווייגען. פארטיג סאַפּער?

העללען.

עטוואָס צושראָקען.
סאַפּער? !

מאַקס.

דו קוקסט מיך אָן עפּעס אַזוי ווי דער וואָרט „סאַפּער" וואָלט זיך גאָר אין דיקשאָנערי ניט געפונען.

העללען.

ווער קען עס קאָכען אין אַזעלכע היצען ?

מאַקס.

וואַרפענדיג אַ בליק אויפ'ן פּראָגראַם.

איך קען שווערען אַז היינט אין טהעאַטער איז געווען הייסער, ווי אין הויז. וואָס דענקסטו צו טהאָן וועגען סאַפּער ?

העללען.

מיר וועלען געהן אין רעסטאָראַנט ! עס קאָסט ניט פיעל, עס לוינט זיך אַסור צו באַדערען אין הויז.

מאַקס.

וויל עפּעס זאָגען, אָבער ער שטרענגט זיך אָן ניט אַרויסצופּלאַ־צען. פּאַוזע. ער רעדט שטיל און שאַרף.

פּאַוזע.

כ'האָב דיך געבעטען, אויב דו ווילסט ניט, אָדער דו קענסט ניט קאָכען, דאַרף מען ניט. אויף קאָכען שטעהט ניט די וועלט ! אָבער אום גאָטעס־ווילען, דערמאָן מיר ניט דעם רעסטאָראַנט ! קענסט דאָך אימער עפּעס האָבען אין הויז, דאַרפסט ניט וואַרטען ביז איך וועל קומען אַהיים אַ טויט־הונגעריגער און קלאָגען אויפ'ן וועטער, עפּעס אַזוי ווי דער וועטער האָט אַ שולד וואָס אַ לעבעדיגער מענש דאַרף עסען.

העללען.

קוקט אַרויס פון פענסטער און ענטפערט ניט.

מאַקס.

וועלל ? ! האָסטו אפשר אַ שטיקעל ברויט מיט פּוטער ?

העללען.

עס זיינען דאָ זאכען פון דעליקאַטעסען סטאָר ! אָבער דו גלייכסט דאָך ניט.

מאַקס.

וואס איך גלייך, און וואס איך קען קריגען, זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. אַ סוף, אַ סוף, דערלאַנג דיינע פּאַרטיגע גליקען איך בין טויט־הונגעריג.

העללען געהט ארויס אין קיך.

דער טיש, וועניגסטענס, האָט דאָך געקענט זיין געגרייט !

ער נעהמט דעם טהעאַטער פּראָגראַם, בעטראַכט איהם פון אַלע זייטען, דריקט איהם צוזאמען, קריצט מיט די ציינער, נעהמט איהם צוריק פאַנאַנדער, גלייכט איהם אויס, און דאַן צורייסט ער איהם אין קליינע שטיקלעך, וואַרפט עס אַרונטער, טרעט מיט האַס אויף די צוריסענע שטיקלעך פּאַפּיער.

הם ! דאָס אַלעס, וואָס איז דאָ צו טהאָן, איז מאַטינעע אין טהעאַטער. קאָכען עסען — צו וואָס ? אַזוי לאַנג ווי דער דזשאָב איז אַ זיכערער — אַן אייגענער מאַן — עס לוינט זיך ניט אָנצושטרענגען.

העללען.

פון קיך.

קענסט אריינגעהן עסען !

מאַקס.

וואָס איז שוין ווידער עסען אין קיך ? ניין, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו עסען, זאָל מען כאָטש זיצען ווי מענשען, אין שפּייז־צימער.

העללען.

קומט אַריין, טראַגענדיג א טאַץ, אויף וועלכען עס זיינען אויס־געלייגט פערשיעדענע דעליקאַטעסען. שטעלט עס אוועק מיט כעס.

דיך ארט עפּעס פאַר מיר? נאָך יעדען עסען דאַרף איך קלינען דעם קאַרפּעט אין דיינינג־רום.

מאַקס.

רבונו של עולם! צו וואָס איז א שפּייז־צימער? מען צאָהלט אזוי פיעל רענט, און מען האָט ניט די פרייהייט צו נוצען די צימערען. דער פאָדערשטער צימער איז פערשפּאַרט, נור ווען געסט קומען, עפענט מען איהם, די בעסטע שלאָף־צימער פעררענט, עסען מוז מען אין קיך.

העללען זיפצט און ענטפערט ניט. מאַקס געהט ארום אויפגערעגט איבער'ן צימער.

העללען.

ווארום עסטו ניט?

עס איז מיר שוין פערגאַנגען דער אפּעטיט. האָסטו צוזאמענ־לעגט מיינע זאכען?

העללען.

דו פאָהרסט דען היינט?

מאַקס.

היינט! היינט! וואָס האָב איך דען דאָ צו טהאָן? צו וואָס זאָל איך פערלירען א מינוט פון מיינע צוויי וואָכען וואַקיישאָן?

העללען.

דו האָסט דאָך געזאָלט פאָהרען מאָרגען?

מאַקס.

ניט קענענדיג זיך מעהר קאָנטראָלירען, פּלאַצט אַרויס.

איך פאַהר היינט, ווייל מיט יעדער מינוט ווערט מיר אַלץ ענגער.

העללען.

געהט אַרויס אין קיך, פון דאָרטען אין בעד־רום. ביידע טירען לאָזט זי אָפען. מען זעהט פון וויטען ווי זי נעהט צוזאמען פערשיעדענע סאָרטען וועש, ווארפט עס אַריין אין א סוט־קייס, פערמאכט מיט כעס, קומט אַריין דערמיט אין שפּייז־צימער, גיט עס א ווארף אויפ׳ן פלאָר צו מאַקס׳ס פיס און זעצט זיך לעבען פענסטער.

מאַקס.

הויבט אויף דעם סוט־קייס, עפענט איהם, קוקט אַריין.

הם! איך האָב געוואוסט אז דו ועסט מאכען א מיש־מאש פון מיינע אָרימע פּאָר זאכען.

ער נעהמט אלעס ארויס און פאנגט אָן צוזאמענלייגען אין אָרדנונג. שטעקט אַריין זיין פינגער אין א לאָך, וואָס ער האָט געפונען אין א זאָק. צייגט איהר די צוריסענע זאָק.

וואָס פאַר א באַלעבאָסטע דו ביזט? אָט אזוי זיינען אַלע, זעהסט?

ער צייגט איהר מעהר צוריסענע זאָקען.

העללען.

פערביסען.

קליינע מענשעלעך שטעלען זיך אָב אויף קליינינקייטען!

מאַקס.

קליינינקייט ווערט גרויס, ווען מען פערנאַכלעסיגט עס.

ער צורייסט איין לעבערדיגע זאַך נאָך דער צווייטער און וואַרפט זיי אויפ'ן פלאָר.

העללען.

וואָס טהוסטו?

מאַקס.

איך וועל צורייסען יעדע זאַך וואָס איך וועל געפונען, דו ווייסט, אז איך קען קיין צוריסענע זאַקען ניט טראָגען, דו וואָלסט נאָך געקענט ראַטעווען זייער לעבען פאַר אַ לאַנגע צייט, ווען דו פער־ריכסט זיי אביסעל.

העללען.

אָה, ווען איך קען פּטור ווערען פון די פערהאַסטע שפּאָרעניש און פעררייכטעניש.

מאַקס.

נאַטירליך, ספּאָרטינג ביזנעס איז אַנגענעהמער...

העללען.

מיט יעדען טאָג ווערסטו אַלץ ערגער! געדענק מאַקס! עס וועט ניט זיין מיין שולד, ווען איך וועל אַבטהאָן עפּעס, וואָס וועט דיר פּילייכט פערדריסען דיין גאַנצען לעבען...

מאַקס.

קוקענדיג צו ליימאַן'ס טיר.

דאַטס־רייט, העללען! אַ מאַן וואָס לאָזט זיך, ווארום ניט? איך האָב אַ געזונדע פּאָר פּלייצעס און קען אַלעס פערטראָגען... אָבער לאַנג וועט עס ניט נעהמען, גלויב מיר! אויב מיין רעכענונג נאַרט מיך ניט...

העללען.

רעכענונג! רעכענונג! אימער רעכענסטו!

מאַקס.

עס קען זיין. אז איך רעכען טאַקע אביסעלע צופיעל, אָבער אין דעם ביזטו שולדיג!

העללען.

איך?!

מאַקס.

ווען א פרוי לעבט אָהן א רעכענונג מוז שוין דער מאַן צופיעל רע־כענע..ן.

העללען.

האָסט בעדאַרפט וויסען איידער דו האָסט מיט מיר געהייראַט, אַז איך קען ניט אַרבייטען, איך בין ניט געבוירען צו פערשווענדען מיין לעבען אין הויז־אַרבייט — איך האַס עס!

מאַקס.

און איך, מיינסטו, בין געבאָרען צו פערשווענדען מיין לעבען אין א פינסטערען אָפיס? איך, מיינסטו, האַס עס ניט? איך מאַך אָבער דאָס בעסטע פון דעם, ווייל איך קען זיך ניט העלפען. דו אָבער וואָלסט זיך יא געקענט העלפען און דו טהוסט עס ניט!

העללען.

וואָס מיינסטו? ווי אזוי?

ווי אזוי! ווי אזוי! ווען דו וואָלסט ווירקליך געוואָלט טהאָן, וואָלסטו שוין געוואוסט, ווי אזוי. גלייכסט ניט די הויז־אַרבייט?

אַלל־רייט! — געפין עפעס, וואָס דו גלייכסט יא, אָבער אים גאָטעס ווילען, טהו „עפעס", מען קען דאָך משוגע ווערען פון ליידיג ארומ־געהן.

העללען.

פערביסען.

כ'וועל פאָרט טהאָן, וואָס איך וויל! דו קענסט מיר ניט דיקטירען.

מאַקס.

ניט הערענדיג וואס זי רעדט.

ווען איך פערלאַנג די הויז אין אָרדנונג בין איך א „טיראַן". ווען איך וויל אַ געקאָכטען סאַפּער, בין איך אַ פּראָסטע זאַך. קינדער, — זאָל גאָט היטען! דאָ איז מען שוין גלאַט א גראָבער יונג, וואָס לעבט בלויז פאר זיך און זיינע טהירישע פערלאַנגען. אמת, אמת' יעדע בעשולדיגונג דיינע איז אמת. אָבער העלפען קען איך ניט דיר, ניט זיך. איך ווער דערשטיקט פון אַזאַ לעבען. איך וואָלט דיר געוואָלט געבען די אַלע פערגניגענס וועלכע דו זוכסט ביי אַנ־דערע. איך קען עס אָבער ניט, נו, מוז איך זיך מאַכען ניט זעהענ־דיג, ניט הערענדיג. וואָרים נאָך אַלעמען, ביזטו דאָך ניט שולדיג, שולדיג! ווער ווייסט, אפשר איז גאָר שולדיג די זאַך וואָס האָלט אונז צוזאַמען, ווער ווייסט?

מיט פארביסענע צייהן.

נור עס מאַטערט מיך, מיאוס'ער מענש וואָס איך בין, זינד לייטמאַן איז מיט אונז געה איך פון זינען אראָפּ. הלואי וואָלט איך געקענט. פועל'ען ביי זיך אַז ער איז שולדיג. אָבער דאָס איז אויך ניט, און איך שווייג...

העללען.

שווייג, הם...

מאַקס.

אודאי, אַלעס איז מענשליך, מען וויל זיך רעכטפערטיגען, עסט מען זיך איין אין יענעמס פלייש... ווען דו וואָלסט אָבער איינמאָל פאר אַלע מאָל ארויסטרעטען — גאָרניט, איין מאָל פאר אַלע מאָל, ווילסט מיט מיר ניט לעבען! ווען דו צייגסט ארוים כאָטש די קלענסטע זעלבסטשטענדיגקייט —

העללען.

שפרינגט אויף.

פאר מיר זאָל דיך גאָר ניט אַרען, דו קענסט טהאָן וואס דו ווילסט. איך וועל זיך שוין אַליין פערזאָרגען.

מאַקס.

שפּאָטיש.

הלואי וואָלט דאָס אמת געווען, אָט וועל איך דיר ווייזען ווי מען זאָרגט זיך פאר דיר, ווי דו לאָזט יענעם זאָרגען —

אין איין אויגענבליק איז ער ביי לוימאַן'ס טיר, גיט איהר שנעל אַן עפען אויף. לוימאַן פאלט אריין אויסגעצויגען אויפ'ן פלאָר.

העללען.

שפרינגט אויף מיט אַ געשריי, העלפט לוימאַן'ען אויפשטעהן, מאקס לאכט הייזעריג.

לוימאַן.

זיך ווישענדיג דעם פנים מיט'ן נאָז־טיכעל, קוקט אַן מאקס'ן מיט האַס און פעראכטונג.

אזעלכע אידיאָטסקע שטיק פּרובירט מען אויף זיך אַליין, ווען עס פערגלוסט זיך אַ שפּיעל צו טהאָן מיט'ן טייפעל.

מאַקס.

איך האָב געוואָלט איבערצייגען מיין פרוי, אז טייוואָלים זיינען אויך דאָ פערשיעדענע; די טהיר האָב איך געעפענט, אום דיך איינצולאַדען צו אַ זעהר וויכטיגער פאַמיליען־אַנגעלעגענהייט, פון וואַנען האָב איך געקענט וויסען, אז דו הערסט זיך אונטער אָהן אַן איינלאַדונג?...

לײמאַן.

ביזט פון זינען אראָב? צו וואָס דאַרף איך זיך אונטערהערען?

מאַקס.

אז אויף מענשען קען מען זיך היינטיגע צייטען ניט אָנשפּארען, איז דאָך אויף אַ הילצערנע טהיר אואי ניט, דיין פאָל, מיין פריינד, איז אָבער געקומען עטוואָס צו שנעל, איך האָב אויסגערעכענט...

לײמאַן.

דיינע אויסגערעכענטע וויצען זיינען זעהר ניט אם פּלאַץ.

מיט פעראכטונג.

זעהסטו, דאָס מאָל ביזטו גראָד ניט געווען „אם פּלאַץ", ווען ניט, וואָלסטו זיך דאָך אזוי ניט צוקלאַפּט? אָבער דאָס איז בלויז, ווי מען זאָגט, אַן אָנהויב. ווער עס וועט ווירקליך ארוים דער צוקלאַפּ־טער, דאָס וועלען מיר באַלד זעהן. מיין פרוי, אזוי ווי דו ווייסט, האָט מיר ערשט ערקלערט, אז...

לײמאַן.

לאָז מיך אָפּ פון דיינע פאַמיליען איינגעלעגענהייטען. וואָס ארט עס מיך?

ער נעהמט געהן צו זיך אין צימער, מאקס פערשטעלט איהם דעם וועג, געהט צו איהם צו גאַנץ נאָהענט.

מאַקס.

הם ! מיינע פאַמיליען־איינגעלעגענהייטען אינטערעסירען דיך ניט, אָבער הינטער מיין פּלייצע און הינטער פערמאַכטע טהירען אינ־טערעסירען זיי דיך יאָ ?

ער שטופּט איהם צו צו א שטוהל און זעצט איהם אַוועק מיט גע־וואַלד

דו וועסט אזוי גוט זיין, זיצען דאָ.

זיך ווענדענדיג צו העללען, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען א בלאַסע, זיך אָנהאַלטענדיג אָן סייד־באָארד, אום ניט אומצופאלען. מיט אן אָנגעשטרענגטער גלייכגילטיגקייט.

דו ביזט גערעכט, איך בין ניט איינער פון די בעסטע, און דערפאַר האָב איך עס ערוואַרטעט פון דעם ערשטען טאָג אָן זינט מיר האָבען אריינגענומען מיין אַלטען פריינד צו העלפען צאָהלען די הויכע רענט פאַר א מאָדערנעם פלעט אין א סטיילישען נייבאָרהוד...

ליימאַן.

ער געהט ארוים אין האָל, זוכט זיינע זאכען.

אויב דו מיינסט עס ערנסט קען איך דיר איבערצייגען...

מאַקס.

איך בין פאָלקאָמען איבערצייגט, אז דו און מיין פרוי —

העללען.

סטאָפּ ! ס'איז עקעלהאַפט !

מאַקס.

ניין, איצט איז שוין צו שפּעט צו סטאָפּען ; איך וויל מעהר פער־

שטעלטערהייד ניט לעבען. איך קען מעהר ניט פערטראָגען דיינע אינטימע פערהעלטניסע מיט ליימאַנ'ען. עס העלפט ניט, מיר מוזען מאַכען אַ סוף! באַלד, גלייך!

העללען.

וואָס פאַר אַ סוף? ווען מיינסטו?

מאַקס.

האָסט קיין רעכט ניט, זיך צו מאַכען אַזוי ווי צווישען איך וואָלט קיין זאַך ניט פאַרגעקומען.

העללען.

איך שווער דיר, מאַקס, אַז — — —

מאַקס.

ניין, ניין, ווען עס קומט שוין דערצו, אַז אַ פרוי דאַרף שווערען, פערלירט זיך דאָס צוטרויען. עס קען זיין, אַז דו ביזט נאָך אפשר אונשולדיג, אָבער אָט דער „אפשר" און נאָך... פערביטערט דאָס לעבען. צוברעכט אימער דאָס גאַנצע און מאַכט פון אַלעס אַ תל. טאָ ווי אַזוי קען האָבען אַ זין אונזער ווייטערעס צוזאַמענלעבען?

ליימאַן.

אנדערש ניט, ווי די היץ האָט אויף דיר שלעכט געווירקט.

מאַקס.

ניט נור די היינטיגע, נאָר די גאַנצע צייט, וואָס דו ביזט דאָ, ברענט אין מיר.

ער געהט אַרויס אין האָל, זוכט זיינע זאַכען.

לײמאַן.

מיט גיפט.

נו, װי געפעלט אײך עפּעם אײער פילאָזאָף, הא ?

העללען.

מיט פינקלענדע אױגען.

איהר, איהר זײנט אין אַלעם שולדיג.

לײמאַן.

פונקט װי אַלע פרויען, אז עס כאַפּט שמאָל, זײנען זײ גאָר דער־
בײ ניט געװען.

מאַקס.

קומט ארײן אָנגעטהאָן אין זײנע סטריט־קלײדער, נעהמט דעם
הענד־בעג און רעדט מיט אַן אָנגעשטרענגטע רוהיגקײט.

איך װינש אײך בײדען אַ גליקליכען צוזאמענלעבען. מיר איז צװוי־
שען אײך ענג...

לײמאַן.

ניט ערװארטענדיג אזא ענדע, קוקט איהם אָן צושראָקען.

װאָס פאַלט דיר אײן ? װער װיל פון דיר דײן װײב אװעקנעהמען ?
נאָך עפּעס פעהלט מיר ! אױב דו װילסט מיך דאָ ניט האָבען, האָסטו
דאָך געקענט זאָגען, װאָלט איך געמופּט.

מאַקס.

צו װאָס ? ! דו װאָלסט ארױס, װאָלט אַ צװײטער ארײן. דער סוף

וואָלט יעדענפאַלס געוועזן דער זעלבער. מיר וואָלט אַלע מאָל געוועזן ענג...

ער געהט שנעל ארויס.

העללען.

בלייבט שטעהן ווי פערשטיינערט, לייזאן קוקט אויף דער ערשט־פערמאכטער טיר, קריצט מיט די ציינער.

פ אָ ר ה אַ נ ג .

— ענדע —